STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03664

DER SHTODT MOSER, ODER, BEGROBEN KVURES-HAMER

Perez Smolenskin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער

שטאדט משוגע

— אָדער —

בעגראבען קבורת חמור.

— פון —

פּ. סמאלענסקין.

בעארבייטעט פון

יצחק ראַבינאָוויץ (איש קאָוונא.)

פּרייז 15 סענט.

פערלאג פון

מאיר חינסקי, 19 לודלאוו סטריט,

ניו יארק.

Published by

M. Chinsky, 19 Ludlow Street,

NEW YORK.

Library Ass'n
PROPERTY OF
OHAVEY

א.

דער פויגעל איז פערשוואונדען.

דיא שטאָדט כשילה איז איינע פון דיא בעריהמטע פרומע שטעדט, וועלכע צייכענט זיך אויס מיט איהרע בתי מדרשים און מיר איהרע ישיבות, פון וועלכע עס זיינען ארויס פיעלע חתנים, רבנים, דיינים, און אנדערע כלי קדש אין דיא ארומיגע געגענד, עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אז דיא איינוואוינער פון כשילה זיינען שטאָלץ אויף זייער צדקה און אויף זייער ליעבע צו דער תורה, דען עס איז ניטא איין הויז אין שטאָדט, אין וועלכע א ישיבה בחור אדער א פרוש זאל ניט עסען וועניגסטענס איין טאָג אין דער וואָך.

דיא יעניגע וועלכע האָבען דיא ישיבות ניט אונטערשטיצט, און ניט גענומען חתנים פאַר זייערע טעכטער פון דיא ישיבה בחורים, זיינען געוועזען נור דיא חסידים, זאָגאר א מורה הוראָה וועלכען זייא האבען אימער געהאלטען עקסטרא פאַר זיך אליין, האבען זייא אויך ניט גענומען פון דיא ישיבות, דאפיר אבער וועהרענד זייא האבען נור געהאַט איין חסידישע שטיבעל צו דאווענען, האָבען דיא מתנגדים געהאַט אין שטאָדט פינף און צוואנציג בתי מדרשים, שוהלען, און קלייזלאך, וועלכע האבען געהערט צו פערשיעדענע צעכען פון בעלי מלאכה'ס ; אין דיא ערשטע דרייא קליינע בתי מדרשים, האבען זיך איינגעפונען דיא ישיבות וועלכע זיינען בעריהמט געוועזען אין דיא גאנצע ארומיגע געגענד, און אין דיא איבעריגע שוהלען און אין דיא קלאַייזלאך האָבען געפונען זייער מנוחה מעהרערע פרושים און בטלנים, וועלכע פלעגען מעהר פלוידערן וויא לערנען, און פלעגען אָם מייסטען פערברייגגען זייער צייט אין ערצעהלען איינער דעם צווייטען געשיכטען פון ראטה־שילד'ס פערמעגען, פון דיא גבורות פון אלכסנדר מוקדון, פון טייך סמבטיין וועלכער ווארפט דיא גאנצע וואָך מיט שטיינער, פון דיא רויטע אידעלאך, וועלכע זיינען דאָרט פערוואָרפען געוואָרען און האָבען דאָרט איין אייגענע מלוכה, און

נאך כדומה אזעלכע אינטרעסאנטע געשיכטען, וועלכע זייא זיינען נים מיער געוואָרען איינער דעם צווייטען צו ערצעהלען, און נעדולדיג צו הערען.

און איינעם פון דיא גרויסע קלויזען אין שכילה, זעהען מיר ערשט א פער־זאמלונג פון מעהרער פרושים און בטלנים, וועלכע האבען געפיהרט צווישען זיך זעהר א היציגען געשפרעך, עס איז דייטליך געוועזען אַן זייא צו בעמערקען, אז אין שטאָדט האָט געמוזט וואָס פּאסירען וואָס עס האָט זייא אלעמען זעהר אינטרע־סירט, דען זייא האָבען אלע גערעדט מיט היטץ און איינער דעם צווייטען האט געזוכט אריבער צו שרייען.

דער ראש המדברים פון דער פערזאמלונג, איז געוועזען ר׳ חיים ירוחם דער בטלן, מיט יאהרען צוריק איז ער אליין געוועזען אַ ישיבה בחור, נאכדעם וויא ער האָט גענומען א פרוי, איז ער א פאר יאהר נאך דער חתונה געוואָרען א פּרוש און ענדליך איז ער געווארען א בטלן, איינער פון דיא ערשטע עשרה בטלנים פון שטאָדט, דער זעלבער בטלן איז בטבע געוועזען זעהר א גוטער און א רוהיגער מענש, זעהר זעלטען ווען מען פלעגט איהם זעהען אין כעס, זעלבסט אויף דעם מלאך—המות, וועלבער האט א וועק גערויבט פון איהם דריי ווייבער איינע נאָך דיא אנדערע, איז ער אויך אין כעס ניט געוועזען, ער האט איהם נור געוויזען, אז חיים ירוחם דער בטלן איז מעהר תקיף פון איהם, דען יעדעס מאָהל האָט ער זיין שאדען ערזעטצט מיט א נייע ווייב.

דער צווייטער בטלן, וועלבער איז געזעסען נעבען ר׳ חיים ירוחמ׳ן, איז געוועזען ר׳ גד דער מלמד, ער איז געוועזען א הויכער מאָגערער מענש מיט א פערשווארצטע איינגעפאלענע געזיכט, זיינע קליינע אויגען האבען קוים ארויס געזעהען פון זיינע געדיכטע לאַנגע ברעמען, און פון זיינע לאנגע קאָלטענעוואטע האָר, וועלכע זיינען וויא שטעכעדיגע קראָפּעווע אריבער געהאנגען אויף זיין קארק, איז דייטליך געוועזען צו זעהען אז מיט א קאם אדער מיט א בארשט זיינען זייא קיין מאָהל ניט אין בעריהרונג געקומען; דעם טיטעל מלמד האָט ער בעקומען, ניט ווייל ער האט ווען זוכה געוועזען צו דער גדולה צו זיין א מלמד בייא אידען, נור ווייל ער איז אימער געוועזען א לא יוצלח, נאכלעסיג און אומגעלומפערט, און וואס ער האָט אונטערנומען איז אימער געפאלען מיט דיא פּוטער א ראָפּ, דער־ריבער האָט מען איהם געקרוינט מיט דעם עהרענטיטעל מלמד, וועלכער בעווייזט אז ער קען א קאטץ דעם עק׳ ניט פערבינדען, און לעטצטענס ווען ער האט ענדליך זוכה געוועזען געצעהלט צו ווערען צווישען דיא עשרה בטלנים פון שטאָדט איז ער זעהר שטאַלץ געוואָרען אויף דעם כבוד, און ווען איינער פלעגט איהם

איבערשפארען אין א געשפרעך, פלעגט ער מיט א שטאָלצע מינע אוים שרייען פערגעסט ניט, דאָס זאָג איך אייך, גד דער בטלן!

דער דריטער פון דיא געזעלשאפט, איז געוועזען ר׳ נח דער בעל בכי, פון זיין פוקעס געזיכט און פון זיינע גאנצע רייגע קליידער, איז דייטליך געוועזען צו מערקען, אז ער געהערט ניט צוא דיא עשרה בטלנים, דער זעלבער ר׳ נח איז גראדע געוועזען איינער פון דיא רייכע בעלי בתים פון שטאָדט, וועלכער האט געהאט גענוג מעגליכקייט צולעבען רוהיג און אנשטענדיג פון דיא פרוכט פון זיין פערמעגען, און אזוי וויא ער האט צו הויז זעהר וועניג געהאט וואס צוא טהאָן, פלעגט ער זיין צייט אָם מייסטען פערברייננגען אין קלויז צוזאמען מיט דיא עשרה בטלנים, דער זעלבער ר׳ נח זאָהל איהם צו קיין גנאי ניט זיין, איז צוואר געוועזען א גרויסער עם הארץ, און ווען בני תורה האָבען גערעט האָט ער געמוזט שווייגען, דאָך איז ער אין שטאָט געוועזען זעהר געאַכטעט, דען אויסער זיין בעדייטענדען פערמעגען, איז ער געוועזען א גרויסער בעל בכי, ווען ער האָט געדאַווענט האָט ער פערקלונגען דעם קלויז פון זיינע הערצרייסענדע געשרייען און פון זיינע יעמערליכע וויינען, מיט וועלכע ער איז נאָך אריבערגעשטיגען כלב דעם בעל תשובה, וועלכער האט זיך אויך איינגעפונען אין דער געזעלשאפט.

פאר וואָס מען האָט איהם גערופען דער בעל תשובה, האט קיינער ניט געוואוסט, דען מאַגבע לצני הדור האָבען בעהויפטעט, אז ער האט געהאט א זעלטענעם גליק צוא פאנגען אין זיין נעטץ חוה׳ס טעכטער, און ער פלעגט זיך ניט אָפּשרעקען זאגאר פאר איין אשת איש, נאָר ער פלעגט דריבער זינדיגען, נור אום צו האָבען דיא מעגליכקייט צו ווערען נאכהער א בעל תשובה, און צו שטעהען אויף דעם אָרט וואו צדיקים גמורים קענען ניטביישטעהען, נור ווער האט נעהט עס אָן וואס דיא לצים האָבען געפלוידערט? פאר שטאָדט איז גענוג געוועזען אז כלב דער בעל תשובה, וועלכער איז געוועזען א היבשער מענש אין מיטעלע יאהרען, האט א וועק געווארפען זיין הויז מיט זיין פרנסה, און פלעגט גאנצע טעג פערברייננגען זיין צייט אין קלויז צוזאמען מיט דיא בטלנים, אונטער וועלכע ער פלעגט זיך זעהר אָפט קריעגען מיט ר׳ חשביה דעם בעל מחשבה, אדער מיט חשביה דעם אפיקרוס. וויא זיינע שונאים האָבען איהם גערופען הינטער זיינע אויגען.

אויף דעם זעכבען ר׳ חשביה האָט מען געמורמעלט אז ער איז שוואַך אין דער אמונה, ווייל אויף יעדער זאַך וואס ער האָט געהערט ערצעהלענדיג, פלעגט ער אימער זאָגען, ווער ווייס אויב דאָס איז אמת? מיין שכל איז עס ניט מחייב;

אָנפאנגס האָט מען איהם דאפיר בעטראכט אין שטאָדט פאר איין אפיקרוס און מען האט איהם חשד געוועזען אַז ער גלויבט אין דער תורה אויך ניט, לעטצטענס אבער אז מען האט זיך איבערצייגט אז ער איז א גרויסער ירא שמים, האָט מען איהם געקרוינט מיט דעם טיטעל בעל־מחשבה, און ר' חשביה האָט מיט דעם טיטעל שטאלצירט, און ווען איהם איז איינגעפאלען וויא זיין שטייגער איז אימער געוועזען צו ווידערשפרעכען דעם צווייטען און צו צווייפלען אין זיינע רייד, פלעגט ער אימער מיט א שטאלצין ערנסטע מינע אויסרופען פערגעסט ניט דאָס זאָג איך, חשביה דער בעל מחשבה!

דער געגענשטאנד איבער וועלכען דיא בטלנים האבען זיך ערשט אזוי היציג אונטערהאלטען, איז געוועזען פאָלגענדער, ר' געטציל שמריה, וועלכער איז געוועזען איינער פון דיא רייכע בעלי בתים פון שטאָדט, און דערצו נאָך זייט פינף יאָהר וויא ער איז גבאי אין חברה קדישא, האָט דעם ישיבה בחור חיים יעקב גענומען פאר זיין איידעם, און האָט איהם געגעבען זיין אייניקעל דיא יונגע שעהנע אסתר פאר א ווייב, אוב עס איז אמת אז מען האָט געזאָגט אויף דעם זעלבען חיים יעקב, אז ער איז געוועזען א בקיא אין טויזענד בלאַט גמרא, נאָר אז איין אָרעמער ישיבה בחור זאָל האָבען דיא זכיה צו בעקומען א גבירס טאָכטער, דער צו נאָך א בילד שעהנעס מעדכען מיט פיער הונדער רובל מזומנים נדן, איז געוועזען א זעלטענער צופאל זעלבסט אין כשילה וואו דיא תורה איז געוועזען זעהר געאכטעט.

—יא, זיא איז טהייערער וויא גאלד; האָט חיים ירוחם דער בטלן בעגייסטערט אויסגערופען.

— דומהייט! האָר חשביה דער בעל מחשבה מיט זיין געוויסע ווידער שפרעכליכע געוואוינהייט אוים געשריען, וויא קען מען דאָס זאָגען אויף אן אשה אז זיא איז טהייערער פון גאָלד?

— וואס פאלט דיר איין? האָט חיים ירוחם מיט א ברוגעז'ע מינע ער־ווידערט, צו איך וועל זאָגען אויף א פרוי אז זיא איז טהייערער פון גאָלד? פערשטעהסט דוא אליין ניט אַז איך האב עס געמיינט אויף דער תורה? דוא זעהסט דאָך מיט דיינע אויגען, ווען דער בחור חיים יעקב וואלט ניט געוועזען אזא גרויסער למדן, וואלט ער דען זוכה געוועזען צוכאפען אזא גרויסע מציאה?

— און דוא גלויבסט באמת, אז חיים יאנקעלס כח אין דער תורה איז אַזוי גרוים? האָט גד דער מלמד מיט א זויערע מינע געפרעגט.

— וויא אזוי זאָל איך ניט גלויבען? האט חיים ירוחם ערנסט געענטפערט, ווען איך האָב אליין געהערט אז ר' יחזקאל דער דיין האָט איהם געוואלט געבען

זיין טאָכטער, דאָס אליין איז דאָך שוין א בעווייז אז חיים יעקב מוז זיין א מופלג גדול.

— און וואס בעווייסט עס? האָט חשביה דער בעל מחשבה מיט א טראָ־ציגע מינע אויס־געשפּראָכען, ווער איז דען ר׳ יחזקאל דער דיין אליין?

— דוא דארפסט זיך ווירקליך שעהמען! האָט כלב דער בעל תשובה ער־גערליך אויסגערופען, וויא וואגסט דו צו ריידען אייף ר׳ יחזקאל דעם דיין? וואס דארפסטו דיינע שונאים געבען א פתחון פה אויף דיר צו ריידען שלעכטעס?

— איהר דארפט אָבער ניט פערגעסען, האָט איינער פון דיא בטלנים אויס־גערופען, אז ער איז פון דיא תלמידי חכמים וועלכע —

— וואָס? האָט חשביה דער בעל תשובה ניט לאָזענדיג דעם בטלן ענדיגען זיינע לעטצטע ווערטער מיט א ווילדען צאָרן אויסגעשריען, דוא וואגסט אויך צו ריידען אויף ר׳ יחזקאל דעם דיין?.

— וואס פאלט אייך איין? האט דער בטלן ערגערליך געענטפערט, ווער האָט דאָ דערמאָנט דעם דיינ׳ס נאָאמען? איך רייד דאָך וועגען חיים יאנקעלען דעם תכשיט, ווייסט איהר אז מען האט איהם גערעדט א שידוך מיט דעם דיינ׳ס טאָכטער און ער האָט ניט געוואלט, ווייסט איהר פאר וואס ער האט פארגע־צויגען א טאָכטער פון א פּראָסטען עם־הארץ? איינפאך דעריבער ווייל איהם האָט זיך געוואלט א שעהנע צורקע און דיא עטליכע רובל נדן.

— דער מיט האסט דוא ווירקליך רעכט! האָט דער בעל מחשבה זיפצענדיק געענטפערט, אונזערע ישיבה בחורים לערנען יעצט דיא תורה נור צו ליעב געשעפט עס איז ניט וואָס אמאָל איז געוועזען, עס פעהלט זייא אמת׳ע יראת שמים, טעכטער פון ארעמע לומדים איז פאר זייא קיין סחורה ניט, צום ביישפּיעל איך האב פינף טעכטער, און גאט זיי דאנק איך דארף זיך מיט זייא ניט שעהמען, פון דעסטוועגען איז חיים יאנקעלען ניט איינגעפאלען מיין איידעם צו ווערען.

— דאָס איז געוויס אמת, האָט איינער פון דיא בטלנים ערנסט געענטפערט עס איז אבער גענוג אז אונזערע קצינים בעצאָהלען וועניגסטענס א פּרייז פאר תורה, איהר האָט געדארפט זעהען דעם מאלצייט וואס ר׳ געטציל שמריה האָט געמאכט צו דער חתונה.

— פאר וואָס זאל געטציל שמריה ניט בעצאהלען א פּרייז פאר דער תורה? חאט גד דער מלמד ערגערליך אויסגערופען, פערגעסט ניט אז ער אליין איז דאָך א גרויסער עם הארץ, ער פערשטעהט דאָך צו מאהל ניט א פרק משניות אָפּ צו־

לערנען, קראנק איז ער וועניגסטענס מיט זיינע געלד מהנה צו זיין תלמידי חכמים ?

— וואס דער מאלציים בעטרעפט, האבען מיר צו איהם גאר ניט ! האט דער בטלן מיט א מינע וואס עס וואלט איהם נאך געלעגען דער טעם אין מויל שמויכלענדיק געענטפערט, געגעבען האט ער אלעם מיט א פולע האנד, דאס איז, געוועזען א סעודה, וועלכע שלמה המלך בשעתו האט שוין בעסער ניט געקענט האבען, פיש און פלייש איז געוועזען גענוג, האץ וועך צו פלאטצט עסענדיג, און בראנפען און אין ביער האט מען זיך געקענט באדען, און וואס נאך האט מען גע־קענט פערלאנגען פון איהם ?

אין דעם אויגענבליק איז דער געשפרעך פון דיא בטלנים אונטערבראכען געווארען, און מיט א ווילדען האס האבען זייא זיך געכאפט צו דיא גמרות, וועלכע זיינען געלעגען אפען פאר זייא, דען דיא טהיר פון בית המדרש האט זיך פלוצלונג געעפענט און ר׳ יחזקאל דער דיין, וועלכער האט אויף דיא בטלנים צומאל א קוק ניט געטאהן, איז צוגיגאנגען צוא דער ווינקעלע נעבען ארון קודש און געהמענדיג א גמרא אין דער האנד, האט ער זיך געזעטצט לערנען.

א קורצע צייט שפעטער זיינען אבער דיא בטלנים ניט ווייניג איבערראשט געווארען פון א נייעם גאסט, וועלכער איז וויא א רוח ארייגגעלאפען אין בית המדרש, דער זעלבער איז געווען געטציל שמריה דער בעל שמחה, זיין פנים איז געווען פערפינסטערט, און זיינע אויגען האבען געשאסען מיט פייער פון צארן, מיט א ווילדען שטורם איז ער צוגעלאפען צום דיין, און קוים אפציהענדיג זיין אטהעם האט ער מיט א געבראכענע שטימע אויסגעשריען.

— איך האב אייך שוין געזוכט מיט ליכט, עס איז גוט וואס איך האב אייך דא געפונען!

— וואס דארפט איהר מיר דאס אזוי נויטהיג ? האט ר׳ יחזקאל דער דיין רוהיג געפרעגט.

— איך פערלאנג פון אייך, האט געטציל שמריה מיט א ציטערענדע שטימע פון כעס אויסגעשריען, אז איהר זאלט זאפארט לאזען שרייבען א גט פאר מיין אייניקעל אסתר, וועלכע—

— וואס ? האט דער דיין אונטערברעכענדיג דעם אלטען מחותן, העכסט ערשטוינט אויסגערופען. וואס האט איהר דען צו אייער איידעם?

— איך האב מיר מיט דעם יונגאטיע גענארט ! האט געטציל שמריה אויס־ער זיך פון צארן ווייטער געשריען, איך האב געמיינט אז איך האב געהאנדעלט א

מציאה, א בחור א למדן און א ירא שמים, און ערשט האָב איך מיר איבערצייגט אז ער איז א מופקר, א הולטאַי, און א פושע ישראל, וועלכער איז ניט ווערטה וואס ער געהט אויף דער וועלט, דיא יונגע ווייבעל וועט מען דאָ אויך באלד ברייגגען, און איך בעט אייך ניט צו מאכען קיין שהיות, דען איך קען מיר ניט בערוהיגען, ביז איך וועל זעהען מיין אייניקעל גע׳גט פון דעם הולטאי!

אין דעם אייגענבליק האָט זיך דיא טהיר ווידער געעפענט, און א אלטע פרוי האָט דיא יונגע ווייבעל א ריינגעפיהרט אין בית המדרש, ווען חיים יעקב דער ישיבה בחור האָט פאַרגעצוינגען דיא שעהנע אסתר פאר דעם דיינס טאכטער, ניט קוקענדיג דערויף וואס איהר זיידע געטציל שמריה איז א גראָבער עם הארץ, איז נאר קיין וואונדער ניט געווען, דען דיא זעכצעהן יאהריגע אסתר האט אויס געזעהען וויא א פרישע בליהענדע ראזע, וועלכע האָט געקענט מיט איהר רייצענדע פראכט בעצויבערען אפילו דיא אפגעלעבטע בטלנים.

ר׳ יחזקאל דער דיין איז געבליעבען זיטצען א צומישטער, ער האָט ניט גע־גלויבט זיינע אויגען און זיינע אויערן, נאר געטציל שמריה האָט איהם ניט געלאָזען פיעל טראכטען, און מיט א דרינגענדע אונגעדולדיגע מינע האָט ער געפאָדערט פון דיין, אז ער זאָהל גלייך שיקען רופען דעם סופר מיט עדות און לאָזען שרייבען דעם גט.

— אָב״ר אום גאָטעס ווילען, האָט דער דיין פערדריסליך אויסגערופען, וואָס איז דאָ מיט אייך געוואָרען? ערשט נעכטען איז דאָך געווען דיא חתונה.

— נעכטען איז געווען דיא חתונה, האָט געטציל שמריה מיט א פעסטער שטימע ערווידערט, און היינט וויל איך אז עס זאָל זיין דער גט!

— דאָס וואָס איהר ווילט איז נאָך וועניג, האָט יחזקאל דער דיין ערנסט געענטפערט, אייער איינקעל האָט אויף זיך אויך א דועה, דיא פראגע איז אויב זיא איז צו פריעדען צו נעהמען א גט פון איהר מאן, איהר דארפט ניט פערגעסען, ר׳ געטציל שמריה, אז א בת ישראל טאָר מען ניט גויטהען.

— געוויס וויל מיין אסתר פטור ווערן פון דעם הולטאַי! האָט געטציל שמריה ערגערליך אייסגעשריען, ווען זיא וואָלט ניט געוואָלט מיט איהר גוטען ווילען נעהמען א גט פון דעם פושע ישראל, וואָלט זיא דאָך דאָ ניט געקומען!

וויא עס האָט אבער אויס געוויזען, האָט זיך ר׳ יחזקאל דער דיין ניט צו־פריעדען געשטעלט מיט געטציל שמריה׳ס אנטוואָרט, דען ער האָט זיך געווענדעט צו דיא יונגע ווייבעל מיט דיא פראגע.

— ווילסט דוא ווירקליך מיט דיין גוטען ווילען נעהמען פון דיין מאַן אַ גט אָדער מען צווינגט דיר דער צו ?

אין דעם מאָמענט האָט דער שמש אריינגעפיהרט דעם יונגען בעל הבית׳על אין בית המדרש, און ווען אסתר האָט איהם פלוצלונג דערזעהען, איז איהר שעהנעם געזיכט מיט בלוט איבערגעגאָסען געוואָרען, איהר גאנצער קערפער האָט אויפגעציטערט, און ניט קענענדיג פון אויפרעגונג ענטפערן אַ וואָרט, האָט זיא איהרע שעהנע בליטצענדע אויגען אַרונטערגעלאָזען צו דר׳ערד.

— דאָ איז ער דער תכשיט ! האָט געטציל שמריה וויא אַ ווילדער טיגער אויסגעברומט, און מיט דיא ווערטער האָט ער אַ וואָרף געטאָהן אויף זיין אייניקעל אַזא דורכדרינגענדען שטעכענדען דעספאָטישען בליק, אַז זיא איז וויא עלעקטריזירט געוואָרען, און ניט ווילענדיג האָט זיא מיט אַ ציטערענדע שטימע אויסגעמורמעלט דיא פאָר ווערטער.

— יאָ, איך וויל.

— און דוא, חיים יעקב, האָט דער דיין זיך ווענדענדיג צום יונגען מאַן, מיט אַ טרויעריגע ערנסטע מינע אויס געשפּראָכען, און דו ביסט אויך צו פריעדען דיין ווייב צו געבען גט ?

דער יונגער מאַן האָט געוואָלט וואָס ענטפערן, נור דיא הייסע טרעהרען, וועלכע האָבען זיך מיט געוואַלד געריסען פון זיינע אויגען, האָבען פערשטיקט זיין שטימע, און ער איז געבליעבען שטעהען וויא אַ געלעהמטער.

— וואָס ביסט דוא פלוצלונג פערשטומט געוואָרען ? האָט געטציל שמריה מיט אַ שטרענגע מינע פון זעלבסטהעררשער אויסגעשריען, מיר האָבען דאָך שוין צווישען זיך דיא זאַך אָנגעמאַכט, דוא בעקומסט פון מיר צוויי הונדערט רובל און אַלע קליידער וועלכע איך האָב דיר צו דער חתונה געמאַכט, איז עס דיר נאָך ווייניג ?

חיים יעקב האָט געפּאַסט מוטה און געוואָלט וואָס ענטפערן, אָבער אין דעם מאָמענט האָבען אסתר׳ס שעהנע אויגען אַ בליטץ געטאָהן פאַר איהם, און זייערע גליהענדע בליקען האָבען זיך בעגעגענט, און דיא בליקען האָבען זיין גאַנצע קוראַז מיט זיין מוטה געבראָכען, און ניט קענענדיג עפענען זייערע פערקראַמפּפטע ליפּען, איז ער געבליעבען שטעהען וויא אַ פעראורטהיילטער צום טויט.

— וואָס שווייגסט דוא, הולטאַי ? האָט געטציל שמריה טופּענדיג פון כעס דיא ערד מיט זיינע פיס, מיט אַ גרימיגען צאָרן אויסגעשריען, מיין ניט אַז דוא האָסט געטראָפען דעם אָרט מיט וועמען זיך צו שפּיעלען אין עקשנות, איך וועל

דיר ווייזען ווער איך בין, איך וועל דיר בעגראָבען קבורת חמור, איך וועל דיר אפּ געבען פאר א סאָלדאט, ווען איך זאָל אפילו וויסען אז מיין אסתר וועט בלייבען אן עגונה איהר גאנצען לעבען!

וויא עס האָט אויסגעוויזען, האָט געטציל׳ס לעצטע דראָהינג איהר ווירקונג ניט פערפעהלט, דען חיים יעקב האָט מערקבאר אויפגעציטערט, וויא עס שיינט האָט ער געגלויבט אז ער קען עס פון איהם ערוואַרטען; דען ער איז געווען גענוג מעכטיג זיין דראָהינג אויס צו פיהרען, אייניגע מאָמענטען איז ער געבליעבען פערזונקען אין אין א טיעפען פערצווייפעלטען נאכדענקען, פלוצלונג האָט ער אבער אָנגעשטרענגט זיינע לעצטע קרעפטען, און מיט א הערצרייסענדען זיפץ האָט ער קורץ געענטפערט.

—גוט, איך וויל האַלטען אונזער אָפּמאך!

— אבער אום גאָטעס ווילען, ר׳ געטציל! האָט ר׳ יחזקאל דער דיין פערדרעסליך אויס געררופען, איהר דארפט דאָך האָבען גאָט אין הארצען, וויא קענט איהר פון מיר פערלאנגען אז איך זאָהל אויספיהרען אזא געצוואונגענעם גט? מיט א זעלבע סטראשונקעס וועלכע איהר געברוכט, קען איך עס ניט צולאָזען.

— איך שטראָפע ניט! האָט געטציל שמריה מיט פערביסענע ליפּען פון צאָרן ערוויעדערט, איך פערלאנג נור פון דעם עובר ישראל, אז ער זאָל האַלטען זיין וואָרט לויט וויא איך האָב מיט איהם אָפּגערעדט, און ווען איהר ווילט מיר קומען אין וועג און דעם גט ניט לאָזען גלייך אויספיהרען, דאן וועל איך וויסען וואס איך האָב צו טאָהן!

— איך בין פערטיג דעם גט צו געבען! האָט דער יונגער חיים יעקב מיט א געבראָכענע שטימע אויסגערופען, איהר מוזט מיר אָבער צוערשט געבען דיא פערשפּראָכענע אייניגע רובל!

— דוא מעגסט מיר טרויען! האָט געטציל שמריה מיט א שטאָלצע מינע אויסגעשריען, גלייך נאך דעם גט וועסט דוא דאס געלד פון מיר בעקומען.

— דאָס וועט ניט געהען, ר׳ געטציל! האָט דער יונגערמאן פלוצלונג פאסטענדיג מיט דרייסט געענטפערט, ווען איהר ווילט אז איך זאָל געבען אייער אייניקעל א גט דאן מוזט איהר צוערשט איינלייגען דאָס געלד ביא ר׳ יחזקאל דעם דיין.

— הולטאי! האָט ר׳ געטציל מיט א דאָנערענדע שטימע אויסגעשריען, מיר טרויסט דוא ניט? איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אז גלייך נאך דעם גט וועסט דוא דאס געלד בעקומען!

— איהר מענט ריידען און שרייען וויא פיעל איהר ווילט אליין ! האט דער חיים יעקב ענטשלאסען געענטפערט, איך וויל פריהער דעם גט ניט געבען ביז איהר וועט איינלייגען ביי ר׳ יחזקאל דעם דיין דיא געלד.

— דאן וועל איך דיר בעגראבען קבורת חמור !—

— איהר וועט מיר ניט בעגראבען, האט חיים יעקב מיט א ניפטינען שמייכעל ערוויעדערט, דען איך האב נאך גאר קיין לוסט ניט צושטארבען, נאך היינט וועל איך פערלאזען דיא שטאדט, און אייער איינקעל וועט בלייבען אן עגונה וויינענדיג אויף אייער קאפּ, דאן ערשט וועט איהר מיר זוכען מיט ליכט און מיר רופע צוריק.

— איהר הערט וואס דער מופקר זאגט ! האט ר׳ געטציל זיך ווענדענדיק צו אלע אנוועזענדע איז בית המדרש ניט מיט זיין קול אויסגעשריען, א קלאג איז צו מיר ! ער וויל מיין ארעמען קינד מאכען פיר איין עגונה איהר גאנצען לעבען, אזא נבלה איז דאך גאר ניט געהערט געווארען !

— נור איהר אליין ווילט אייער קינד מאכען פאר איין עגונה ! האט חיים יעקב געלאסען און מיטהיג מיט א רוהיגע שטימע ערוויעדערט, מיר איז גאר ניט איינגעפאלען זיך צו שיידען פון מיין פרוי, וועלכע איך ליעב וויא מיינע אויגען אין קאפּ, ניר איהר זייט אויפגעשטאנען וויא א בויזער שטן צו שיידען אונזערן הייליגען בונד, נור איהר—

— שטיל דוא שמאדעלניק ! האט געטציל שמריה ניט לאזענדיג זיין איידעם ענדיגען זיינע לעצטע ווערטער מיט פייערשפייענדע אויגען פון צארן אויסגעשריען, רייד קורצע ווערטער, וויכסט דוא איינגענבליק געבען דעם גט אדער ניט ?

איך האב פיינט צוויי מאהל צו ריידען, אז איר וועט איינלייגען בייא ר׳ יחזקאל דעם דיין דיא פערשפרעכענע געלט וועל איך געבען דעם גט.

— זאלסט דוא אזוי זעהען דיא וועלט פאר זיך, וויא דוא וועסט זיך שוין זעהען מיט דיא געלט !

— דאן וועט איהר מיר שוין זעהען וויא אייער לינקע פאה, און אייער איי־ניקעל וועט בלייבען איין עגונה, וויינענדיק אויף אייער קאפּ

— א בראך איז מיר געשעהען ! האט דיא אלטע באבע, וועלכע האט אריין געפיהרט דיא יונגע ווייבעל אין בית המדרש, און מורא האבענדיג פאר איהר אלטענס בייזע בליקען, איז זיא דיא גאנצע צייט געשטאנען פון וויטען, ערשט אויף דיא העכסטע אקטאווע פון איהר שטים אויסגעשריען, מיין ארעם קינד זאל בלייבען א פינסטערע עגונה ! וועה איז צו מיר, איהר מוטער איז געשטארבען פון קינפּעט

און איהר פאטער פון דער חל״רע, זיא איז דאך נעבעך א וויסטע יסומה, גזלן וויא האסט דוא עס ניט מורא פאר גאט אזא גרויסען אונגליק אויף איהר צו ברייננען? גזלן רוצח, גנב!

— איך בין ניט קיין גזלן און ניט קיין גנב! האט חיים יעקב מיט א שפאַ־טי׳שען שמייכעל געענטפערט, איך האב האלט מיין ווייב, און וויל איהר איבערהויפט ניט גטן!

— דוא געמיינער אונפערשעהמטער גנב! האט דיא אלטע ווארפענדיג איהרע בליסצענדע בליקען אויף דיא בטלנים, וועלכע האבען געקליבען נחת פון דער סצענע, נאך העבער אויסגעשריען, דוא קענסט נאך האבען דיא חוצפה צו זאגען אז דוא בינסט ניט קיין גנב? און וואו זיינען דיא בלינצעס? האט איהר געהערט וואס דער יונגאץ האט געזאגט? ערשט נעכטען איז געוועזן זיין חתונה, און היינט האט ער שוין האלט זיין ווייב! א קלאג איז צו מיר וואס איך האב דערלעבט, אז איך דארף אזעלכע ווערטער הערען מיט מיינע אויערן, מיין געטציל זאל געזונד זיין האט מיך ניט האלט געהאט און מיט מיר ניט גערעדט פינף יאהר נאך אונזער חתונה און דער מופקר האט א קופערנעם שטערן צו זאגען עפענטליך אין בית המדרש, אז ער האט האלט זיין ווייב א טאג נאך זיין חתונה, א סוף א סוף דיא וועלט מוז אונטערגעהן! און דאס זאגט בכומרש א ישיבה בחור א למדן, איך בעט דיר געטציל, גיב איהם דאס געלד, און זאהל ער געהען צו אלע שווארץ יאהר, איך קען מעהר ניט קוקען אויף זיין טרייפענעם פרצוף.

— נוט! האט ר׳ געטציל נאך א קליינעם נאכדענקען ענטשלאסען אויס־געשפראכען, איך האב מורא פאר גאט, איך וויל זיך ניט קריגען, פינפציג רובל וועל איך גלייך איינלייגען, נור עס זאהל נעהמען א סוף!

— איהר האט א טעות, ר׳ געטצילן האט חיים יעקב מיט א פעסטער שטימע ערוויעדערט, מיר האבען אפ גערעדט צוויי הונדערט רובל, האט איהר עס שוין אזוי גיך פערגעסען?

— וואס קומט דאס דיר אזוי פיעל געלט? האט געטציל שמריה וויא א ווילדער טיגער אויסגעברומט, דוא האסט וואויל גערדרש׳עט? ווענינ האסט דוא מיר געקאסט?

— איך פערלאנג דאך ניט מעהר וויא מיר האבען אפגערעדט! האט חיים יעקב רוהיג ערוויעדערט ווען איהר ווילט דורכאויס פון מיר א גט, דאן מוזט איהר האלטען ווארט, א פעניג טאר ניט פעהלען!

— דאס האב איך צו פערדאנקען דיר מיט פלטיאכ׳קע דעם שדכן! האט

געטציל שמריה זיך וועגדעגדיג צו זיין אלטע פרוי מיט א גיפטיגע בייזע מינע אויס־געשפראָכען, א מיאוסע מגפה זאל אויף דעם קיסלער קומען, ער האט מיר פער־דרעהט מיין קאָפּ מיט דעם שדוך, איך האָב ליבערסט געוואָלט טהאָן מיט זבדיה דעם אלמן, דיר האט זיך אבער אויף געוועלט א תכשיט, א בן תורה ערשט פרעה זיך מיט דיין סחורה !

דיא אלטע האָט ניט געוואגט איהר בייזען מאָן צו ענטפערן, זיא האָט נור פערבראָכען איהרע הענד און האָט יעמערליך געוויינט וויא בייא דיא תחינה פון ונתנה תוקף.

— וואָס איז דאָ פאר אזא לארעם ? האָט זיך פלוצלונג דער הערט א פע־־טער שטימע פון א הויכען קרעפטיגען מאָן, וועלכער איז אין דעם אויגענבליק ארייּ־געקומען אין בית המדרש.

— דער טייפעל האט דיר דא גראדע ערשט געבראכט ! האָט געטציל שמריה דערקענענדיג אין איהם פלטיאל דעם שדכן, וויטהענד אויסגעשריען, נור דיר האב איך מיין אונגליק צו פערדאנקען, מימ דיין גלאטען צינגעלע האָסט דוא מיר דעם חפץ ארייּנגעבראכט אין מיין ארעמע אייניקעל אונגליקליך געמאכט.

— דער וויל זעה איך נאך ניט איין און וואָס דער אונגליק בעשטעהט ! האט פלטיאל העכסט ערשטוינט ערוויעדערט, וועלכע אונרעכט האָט איהר דען געפונען אין חיים יעקב׳ען ?

— דאָס איז מיר צו וויסען ! האט נעטציל מיט א פינסטערע מינע ערוויעד־ערט, איך וויל זיך ערשט מיט דיר אין וויטלויפיגע דבורים ניט ארייּנלאזע,, איך קען דיר נור אזוי פיעל זאגען, אז קיין גוטס זאָלסט דוא ניט האבען פאַר וואס דוא האָסט מיר פערפיהרט אין דעם זומפּ !

— ערשטענס, האָט פלטיאל ערנסט געענטפערט, איז פיטעל דער בייא דער גלאוונער שדכן געוועזן און איך האָב איהם נור געהאָלפען, אגב דארפט איהר ניט פערגעסען אז איהר אליין האָט מיר געשיקט צו איהם, און צווייטענס ווייסט איהר דאָך אז איהר האט אונז ביידען דיא שדכנות ניט בעצאהלט צו וואס זע שרייט איהר אזוי ?

— דיא ניכפה זאָל אייך ביידען פערצאפּלען ! האָט געטציל שמריה קריט־צענדיק מיט דיא צייהנער אויסגעברומט, איהר זייט ניט.בעסער איינער פאַר דעם אנדערן, איהר קענט ביידע פערפיהרען א מענשען אין שמד !

— אלע מיינע בייזע חלומות זאל אויסגעהען צו אייער קאָפּ ! האט פלטיאל אין א דאָנערענדע שטימע אויסגעשריען, און זיינע אויגען האבען גענומען שיסען מיט

פייער פאַן צאָרן, האָט איהר געהערט א חוצפה פון א גראבען יונג, א בור דאורייתא ניט געגוג וואס ער האָט דיא שדכנות ניט בעצאהלט, וואגט ער נאך צו שילטען ויא איין אלטער מכשף!

מיט דיא ווערטער האָט דער קרעפטיגער פלטיאל אויפגעהויבען זיין פער־קראַמפפטען פויסט, און האָט איהם שוין געוואָלט אריינטערלאָזען אויף געטצילט געזיכט נאָר ר׳ יחזקאל דער דיין האָט איהם מיט א שטרענגען בליק צוריק גע־האלטען, בעמערקענדיג דערביי אז ניט אין בית המדרש איז דער אָרט זיך צו שלאָגען.

דער צורייצטער געטציל שמריה איז אפגעפשרונגען פון פלטיאל דעם שדכן, און ווארפענדיג א שטרענגען גיפטיגען בליק אויף דעם איידעם, האָט ער מיט א ווילדע שטימע אויסגעשריען.

— ועסט דוא ענדליך געבען דעם גט?

— צוערשט דיא צוויי הונדערט רובל, נאכהער דער גט! האָט דער יונגער חיים יעקב רוהיג און קאלטבלוטיג אויסגעשפראָכען.

בראווא בראווא! האָט פלטיאל דער שדכן איבערראשט אויסגערופען, חיים אנקעל איז א יונג מיט ביינער! אָט דאָס געפעלט מיר, א מחותן וועלכער בע־צאהלט ניט דיא שדכנות, טאָר מען אויפען וואָרט ניט טרויען, צוערשט ארויס מיט דיא קלינגערס נאכהער דער גט!

— דאן וועל איך וויסען וואָס איך האב צו טהאָן! האָט געטציל שמריה ווארפענדיג אבפעהלענדען בליק אויף דיא בטלנים און אויף זיין אלטע פרוי, מיט א שטרענגע געביטערישע מינע אויסגעשריען.

— פאסט אויף אויף דעם פויגעל ביז איך וועל צוריק קומען!

מיט דיא ווערטער איז ר׳ געטציל שמריה וויא א פערסמ׳טע מויז האסטיג ארויסגעלאָפען פון בית המדרש.

אין דעם אויגענבליק איז דער יונגער חיים יעקב צוגעשפרונגען צו זיין יונגע פרוי, וועלכע איז געשטאנען נעבען איהר אלטע באָבע, און האָט געציטערט מיט אלע איהרע גליעדער, און ווארפענדיג אויף איהר אנגליהענדען צערטליכען בליק, האָט ער מיט א ציטערענדע שטימע אויסגעשפראָכען.

— זיי געזונד, מיין ליעבע אסתר! פערליר ניט דיין מוטה און וואַרט אויף מיר, איך האָף צו גאָט אז מיר וועלען אונז נאך זעהען אין פריידען!

מיט דיא ווערטער איז חיים יעקב שנעל וויא א בליטץ צוגעשפרונגען צום

סהיר, און איידער דיא אלטע מיט דיא בטלנים האבען געהאט דיא מעגליכקייט איהם צוריק צו האלטען, איז ער שוין געוועזן איבער אלע בערג.

דיא אלטע האט אויסגעבראכען אין אומערליכען וויינען, און דיא בטלנים האבען געקוועצט מיט דיא פלייצעס, ווארפענדיג איינער אייף דעם צווייטען פערדריסליכע בליקען, נור דיא יונגע אסתר האט געשיינט גאנץ רוהיג צו זיין, וויא זיא וואלט זיך גאר ניט בעקימערט וועגען דעם, אז איהר מאן וועלכער האט געהאט דיא חוצפה צו זאגען עפענטליך, אז ער האט איהר ליעב, וועט איהר ערשט לאזען איין אויביגע עגונה, און איינגע מינוטען ארום האט ר׳ געטציל צוריקגעקעהרט אין בעגלייטונג פון צווייא פאליציסטען, געפינענדיג אבער אז דער פויגעל איז פערשוואונדען געווארען פון בית המדרש, איז יעצט ערשט געווארען א מהומה, אויף וועלכע מען איז צוזאמענגעלאפען פון אלע ארומיגע הייזער, דער אלטער ר׳ געטציל האט זיך פון כעס פערלארען, ער האט געשפייט מיט פייער, געשאלטען און געזידעלט זיין אלטע ווייב צוזאמען מיט דיא צוטומעלטע בטלנים, זעלבס ר׳ יחזקאל דער דיין איז ניט ניצל געווארען פון זיין מויל, אבער אין דיא זעלבע צייט, ווען א שארפע אויג וואלט זיך צוגעקוקט צו דיא יונגע אסתר, וואלט ער בעמערקט א געהיימען צופרידענעם שמייכעל, וועלכער איז אריבער איבער איהרע זאנפטע ליפען.

ב.

דיא גנבה.

נור דער יעניגער, וועלכער האט א מאל אין זיין לעבען בייגעוואוינט דיא פירטערליכע סצענע, וויא א פייערשפייענדע בארג צוקריגט זיך מיט דער נאטור און נעהמט און שליידערן טויט און פערדערבען ארום און ארום, אדער דער יעניגער, וועלכער האט צו געזעהען א בלוטיגע שלאכט אויפ׳ן פעלד, און האט געהערט דעם יובעל פון דיא זיעגער און דיא הערצרייסענדע געשרייען פון דיא געפאלענע בעזיעגטע נור דער יעניגער קען זיך פארשטעלען דעם לארעם און דעם טומעל, וועלכער האט פאסירט אין כשילה אין דיא נאכט פון צוואנציגסטען כסליו, מיט פיער יאהר צוריק, איידער דיא בעשריעבענע סצענע אין בית המדרש האט זיך אפגעשפיעלט.

דיא ווייבערשע שוהל איז געוועזן הערליך בעלויכטען, דיא חברה קדישא פון שבילה האט געפייערט איהר געוועהנליכען יום טוב כ׳ כסליו, און וועלכען זיא מאכט א גרויסע סעודה פאר אלע חברה לייט און פאר דיא שמשים, וועלכע

ברייננען זייערע בריעדער צו עווינע רוהע, גרויסע לאנגע טישען זיינען געווען אויס־ געשטעלט לאנגאוים דיא ווייבערשע שוהל, און דיא אכילה און דיא שתיה איז געווע! כיד המלך, ר׳ געטציל שמעריל, וועלכער איז דאן שוין געווען דער גבאי ראשון פון דער חברה קדישא האט ניט געשפארט קיין געלד, אום דיא בעריהמטע יעהרליכע סעודה וואס רייכער צומאכען, און אלע חברה לייט צו פריעדען צו שטעלען, דאך איז דייטליך געווען צו מערקען אן דיא געזיכטער פון אלע ארומזיצענדע ארום דיא טישען, אז זייא זיינען זעהר בייז, אונצופריעדען, און ערגערליך.

בעזאנדערס אויפגערעגט און מלא רציחה איז געווען ר׳ געטציל שמעריל דער גבאי אליין, פאר איהם איז געשטאנען איינער פון דיא שמשים מיט א געזונקענעם קאפ, און ציטערענדיג מיט אלע גליעדער, האט ער אויסגעוויכט דיא בייזע גיפ־ טיגע בליקען, וועלכע דער גבאי האט אויף איהם געווארפען.

— דוא וועסט עס מיר ניט איינריידען, האט ר׳ געטציל מיט א ווילדען צארן אויסגעשריען, איך גלויב ניט איין ווארט וואס דוא זאגסט, דוא מוזט זיין שכור, אדער דוא האסט ניט גוט נאכגעזעהען.

— איך שווער אייך אבער בייא מיין לעבען, און בייא דעם לעבען פון מיין ווייב און קינדער! האט דער שמש ענדליך פאסענדיג מוטה אויסגשריען, אז איך אליין האב דיא כאן מיט דיא שיסעל געניי אונטערזוכט, און איך האב דיא בלינצעס דארט ניט געפונען, זייא זיינען איינפאך וויא אין דער׳ערד אריין.

— האבען שדים איינגעשלונגען?

— וואס וויים איך? פיעללייכט האט זיי ווער גע׳גנב׳עט?

— ווער קען אבער זיין דער גנב? האט ר׳ געטציל שמריה מיט א שפאר־ טישען געלעכטער אויסגערופען, איך, אדער איינער פון אונזערע חברה לייט?

— וואס קען איך וויסען? האט דער שמש מיט א בעטריבטע פער־ צווייפעלטע מינע אויסגעמורמעלט.

— אזא נבלה איז נאך ניט געהערט געווארען! האט איינער פון דיא חברה קדישא לייט ערגערליך אויסגערופען.

— דא איז א הפקר וועלט געווארען! האט א צווייטער נאך העבער אויסגעשריען.

— אזא מעשה פאסט פאר סדום! האט א דריטער צוגעשטימט.

— דאס מוז מען פערשרייבען אין אונזער פנקס! האט א פיערטער חברה מאן אויף א דיקע באסאווע שטימע אויסגעברומט, דאס טאר ניט פערשוויגען ווערן!

— הערט נאָר רבותי וואס איך ויעל אייך זאגען ! האט חשביה דער בעל מחשבה, וועלכער איז אויך געווען איינער פון דיא חברה קדישא לייט, מיט א שטאלצע זעלבסטבעוואוסטע מינע אויסגעשריען, איהר קענט דאָך מיר, איך האב פיינט צו ריידען נאררעשקייט, איך זאג אייך אז דאס איז היה לא תהיה, איך גלויב עס ניט, דאס איז אונמעגליך !

— גלויב הייגט ניט גלויב מאָרגען ניט, האט דער שמש זיפצענדיג גע־ענטפערט, דער סימן איז אין דאָניצע, דיא בלינצעס זיינען דאך ניטא !

— און איך בלייב דאך בייא מיין מיינונג ! האָט חשביה נאך העכער אויס־געשריען, דיא פאן מיט דיא בלינצעס איז דאך געשטאנען אין הייסען אייוועןאונז געגענאיבער, און ווער וואלט עס וואגען זייא צו גאַ'נבע'נען פאר אונזערע אויגען ?

— חשביה האט רעכט ! האבען מעהרערע חברה לייט איינשטימיג צו־געשטימט.

— אויב אזוי, האָט גבריאל דער נאמן לאַכענדיג אויס געריפען, דאן מוזען מיר גלייבען, אז דיא בלינצעס האָבען בעקומען פליגלען און זייא זיינען ארויס־געפלויגען פון פאַן.

— מיט חברה קדישא מאַכט מען קיין ליצנות ניט ! האָט חשביה מיט א פרומע ערנסטע מינע אויסגערופען, איך וועל אייך זאגען וואס פאר א חשד מיר איז איינגעלאלען, דער שניידער, וועלכער האָט איבערנומען פאר גוטע געלד דיא סעודה צו מאַכען, האָט אונז פשוט אָפגענאַרט, ער האט געוויס צו געשיקט א לעדיגע פאַן אום צו מאַכען שפאס פון אונז !

דיא ווערטער, וועלכע חשביה האָט מיט א פעסטער שטימע אויסגעשפראָכען, זיינען געוועזן וויא פונקען פייער אין א פאס פולווער, יעצט ערשט איז דיא מהומה נאָך גרעסער געוואָרען, פיעלע פון דיא חברה קדישא לייט וועלכע האבען דעם קיכמייסטער גוט געקענט, האָבען געשריען און געלארעמט, אז ער איז א בעוואוסטער עהרליכער מאַן, און ער וועט געוויס אזא נבלה ניט טהאָן, זיינע געגנער האָבען זייא אבער אריבערגעשריען, און גאט וויים צו וואס דיא נייע מחלוקה וואלט גע־פיהרט, ווען ר' געטציל שמעריל דער גבאי ראשון וואלט ניט מיט זיינע אייזערנע פויסטען געגעבען א פעסטען קלאפּ אין טיש, און מיט א בעפעהלענדע מינע פון א זעלבסט הערשער, האָט ער געהייסען דעם שמש זאָפּאָרט לויפען און ברייגגען דעם שניידער.

און דעם אויגענבליק, איז דער קיכמייסטער, וועלכער האָט געוואלט וויסען

דעם מיינונג פון דיא חברה לייט, אויב זייא זיינען צופריעדען מיט דיא סעודה, וועלכע ער האָט פארבערייטעט, אליין אריינגעקומען און דיא ווייבערשע שוהל, און דער־הערעדיג דעם לארעם און דעם געפּילדער, איז ער געבליעבען שטעהען וויא א געלעהמטער.

דער זעלבער איז געווען א מאן פון א אומגעפעהר א יאהר פערציג, זעהר מאגער און נידעריג געוואקסען, פון דיא נאָדעל, וועלכע האט געשטעקט אין דיא לאטצען פון זיין ראָק, איז דייטליך געווען צו זעהען אז ער איז א שניידער, זיין גע־זיכט איז געווען בלייך און איינגעפאלען, און וויא עס האט אויסגעוויזען, האט דער אונערוואַרטעטער טומעל איהם שרעקליך איבערראשט, און ניט וויסענדיג וואס דא איז געשעהן, איז ער געבליעבען שטעהען פון וויטען, ווארטענדיג צו שראקענע בליקען אויף דעם גבאי און אויף אלע חברה לייט.

— קום אקאָרשט אהער נעהענטער, תכשיש! האט ר׳ געטציל שמעריל מיט א שטרענגע מינע אויסגעשריען, א שעהנער פּאַדראדציק ביסט דוא פאר אונז געוועזן!

— איך וויים ניט וואס איהר האט צו מיר! האָט דער שניידער צוגעהענ־דיג נעהענטער צום גבאי, מיט א ציטערענדע שטימע אויסגעשפראָכען, וואס עס איז געווען אין מיינע קרעפטען אייך צופריעדען צו שטעלען, האָב איך געטאהן; איך האב געקויפט דיא בעסטע פלייש, און יונגע עופות, דיא פיש האבען זיך נאך געצאפּעלט וויא ערשט פון וואסער, דיא בלינצעס זיינען ריין געשוואומען אין שמאלץ, וואס האב איך נאך מעהר געקענט טאהן? איך מעג זיך דאס ווינשען אייפ׳ן דאקטאָר צופערקרענקען וואס איך האב דעם יאהר אָן דיא סעודה פערדינט!

— ער מאכט חוזק פון אונז! האט חשביה מיט א טראָציגע מינע אויס־געשפראכען, ער לויבט זיינע בלינצעס, וועלכע ער האט גאר ניט געמאכט.

— וואס? דיא בלינצעס וועלכע איך האב גאר ניט געמאכט? האט דער שניידער ניט מיט זיין קול אייסגעשריען, און פון וואנען האבען זיך גענומען דיא בלינצעס, וועלכע איך האב אייך צו געשיקט? מיינט איהר אז מען האט דאס מיר פון הימעל אראפגעוואָרפען? איך מיט מיין ווייב מיט מיין משרת האבען דאך דיא גאנצע נאכט שווער אין ביטער געארבייטעט ביז מיר האבען אלעס אין דער ארדענונג געמאכט, און לסוף איז דאס מיין דאנק״

— דאן האסט דוא דיא בלינצעס געמוזט אליין אויפעסען, האט חשביה מיט

א שפאטישע מינע ערוויעדערט, דען מיר האבען זייא אין אנדערע אויגען אויך ניט געזעהען.

— אויב דיא וואס איך האב אייך געשיקט, איז אייך ווענינ געוועזן, האט דער שניידער וועלכער האט גיט נוט פערשטאנען דיא בעשולדיגונג, פערדריסליך ערוויעדערט, דאן וועל איך צושיקען נאך, נור זאגט ניט אז איך האב גאר ניט פארבערייטעט, אדער אז איך האב עס אליין אויפגענעסען, איך זאל שוין אזוי בעהיט זיין פון קראנקהייט, פון דלות, און פון א שווערע חיונה, אויב איך האב דיא נאכט נאך עפעס אין מיין מויל געהאט.

— איהר זעט דאך, אז ער מאכט חוזק פון אונז ! האט חשביה זיך ווענדענדיג צום גאנצען עולם אויסגעשריען, ער זאגט אויב אונז איז עס ווענינ וועט ער צו שיקען נאך, וויא חברה קדישא וואלטען געוועזן פרעסערס, וועלכע ווערן קיין מאל ניט זאט, ער מאכט זיך ניט ווויסענדיג אז מיר האבען דיא בלינצעס אפילו אין אונזערע אויגען אויך ניט אנגעזעהען.

— און וויא זאלען מיר באמת דיא זאך פערשטעהען ? האט ר׳ נעטציל שמעריל בעטרכטענדיג דעם שניידער מיט פארשענדע בליקען קורץ און שארף געפרעגט.

— אבער, מיין גאט! וואס האט אייך געשעהען ? האט דער שניידער פערצווייפעלט אויסגערופען האט איהר דען דיא בלינצעס נאך גאר ניט גענעסען ?

— געוויס ניט ! האט דער גבאי אויסגעדאנערט, הערסט דו דען ניט וואס מען רעדט מיט דיר, מען האט געפונען אין אייוען א לעדיגע פאן, און פון בלינצעס איז קיין זוכר ניט געוועזן !

— זאל דאס ניט אויסגערופען ווערן ! האט דער שניידער ברעכענדיג זיינע הענד מיט א הייזעריקע פערשטיקטע שטימע אויסגערופען, איך אליין מיט מיינע הענד האב דאך אריינגלייגט דיא בעסטע בלינצעס אין פאן, און האב אנגעזאגט דעם משרת אז ער זאל דאס אריבערדעקען מיט א בלעכענע שיסעל און אריינרוקען טיעף אין אייוען, אום מען זאל זייא קענען דערלאנגען ווארעמע און דער עולם זאל הנאה האבען, איך שווער בייא גאט, אז אלעס וואס איך זאג איז אמת !

— מיר גלויבען איהם ! האבען מעהרערע מיט איין קול אויס געשריען, א איד וועט ניט שווערן פאלש, עס איז קיין ספק ניט, אז מען האט דיא בלינצעס פון אייווען ארויסגע׳גנב׳עט.

— דאס קען זיין, אָבער ווער קען זיין דער גנב ?

— ווער קען עס וויסען ? פיעללייכט דער שליח, דורך וועלכען ער האָט עס צוגעשיקט ?

— פאר מיין משרת קען איך ערוב זיין האט דער שניידער מיט א געוויס־הייט אויס גערופען, ער האט עס ניט נויטהיג געהאט צו גנב'ענען, ווען ער וואלט געהאט אפעטיט צו דיא בלינצעס, האט ער זייא גענוג געהאט אין קיך צו עסען אפילו צו פלאצט צו ווערן, דאס מוז זיין א שפיצעל פון א פרעמדען גנב.

— דער גבאי ר' געטציל שמעריל מיט מעהרערע פון דיא חברה לייט זיינען צוגעגאנגען צום אייווען, און דערזעהנדיג דיא פאן אומגעקעהרט און דיא שיסעל ליגענדיג אן אזייט, האָבען זייא זיך אלע ערשט איבערצייגט אז דא איז א גנבה געשעהן.

יעצט ערשט איז דער לאַרעם גרעסער געוואָרען, א פורכטבארער טומעל איז ענטשטאנען צווישען דיא חברה לייט, איינער האָט דעם צווייטען איבערגעשריען, און יעדער האט געזוכט צו פערוורטהיילען דעם גנב נאך איידער ער האט איהם געפאקט.

— ווען דער יונגאטץ וועט אריינפאלען אין מיינע הענד, האט איינער פון דיא חברה לייט אויסגעשריען, וואלט איך געמאכט זיין צורה העבער פאר זיין נאז !

— איך וואלט אין איהם א גאנצען גליעד ניט געלאזען !

— דאס איז נאך ווייניג ! האט חשביה דער בעל מחשבה מיט א פעסטע שטימע אויסגערופען, דאס הייסט פשוט זיך לוסטיג געמאכט איבער חברה קדישא! און דאס איז אן אונערהערטע נבלה, דאס דארף ניט פערשוויגען ווערן, מען מוז דעם גנב דאפיר לערנען דרך ארץ, איך וואלט ראטהען אז מען זאל איהם אפ־געבען פאר א סאלדאט.

— יא חשביה האט רעכט ! האבען מעהרערע חברה לייט צו געשטימט, פאר א סאלדאט מוז מען איהם אפגעבען דער יונגאטץ האט עס כשר פערדיענט.

— דאָס אליין איז נאך אויך ניט גענוג ! האט ר' געטציל שמעריל דער גבאי ראשון העכער פון אלע איבעריגע אויסגעשריען, איך בין שוין ברוך השם א איד פון פינף און זעכציג יאָהר, און איך האב אזא נבלה ניט געהערט אונטער אידען, נאך מיין מיינונג האָבען מיר דאָ צוטאהן ניט מיט איין איינפאכען גנב, וועלכער גנב'עט וואס איהם פאלט אריין אין דיא הענד אום צו שטילען זיין הונגער, דער גנב וועלכער האט גע'גנב'עט דיא בלינצעס פון אייווען, איז אלץ

א מופקר, א פושע ישראל; וועלכער האט זיך געוואָלט לוסטיג מאכען איבער חברה קדישא, דעראיבער שלאָג איך פאר, אז מען זאל פערשרייבען אין אונזער פנקס, אז פאלס ער וועט א מאָל אריינפאלען אין אונזערע הענד, זאלען מיר איהם בעגראָבען קבורת חמור!

קבורת חמור זאָל ער בעגראבען ווערן! האָבען מעהרערע חברה לייט איינשטימיג אויסגערופען.

— דאס איז אריכטיגער עהרליכער פסק!

— וויא קען מען אבער הענגען דעם פערברעכער איידער מיר האבען איהם געפאקט? האט איינער פון דיא חברה לייט לאַכענדיג אויסגערופען, מען קען דאך ניט מאכען דעמרעכענונג אהן דעם ווירטה!

— מען מוז אויסגעפינען ווער ער איז!

— מיר וועלען איהם שוין פאַקען, ער איז אין דער׳ערד ניט אריין!

אין דעם אויגענבליק איז וואָס בעזאנדערס געשעהען, וואָס עס האָט געווארפען א טויטשרעק אויף אלע חברה לייט, דיא טהירען פון דיא ווייבערשע שוהל האבען זיך פלוצלונג מיט א ווילדען שטורם געעפענט, און צוויי ווייבער מיט פערפלאמטע רויטע געזיכטער זיינען וויא שדים אריינגעפלויגען אין עזרת נשים, און מיט א ווילדען צאָרן האָט זיך איינע ארויף געווארפען אויף ר׳ געטציל שמערלען דעם גבאי, און דיא צווייטע האט אריינגעלאזען איהרע שארפע נעגעל אין גבריאל דעם נאמנ׳ס האלז, אין דעם מאמענט, ווען אלע חברה לייט זיינען געבליבען שטעהען אהן אָן אָטהעם פון שרעק ניט וויסענדיג וואס דער איבערפאל פון דיא צוויי ווייבער האט צו בעדייטען, זיינען דיא פענסטער פון דיא ווייבערשע שוהל אונבעמערקט געעפענט געווארען, א שטארקער ווינט האט גענומען בלאָזען און א געדיכטער וואָלקען פון געפיקטע גענזענע פעדערן האָט זיך אלאָז געטאהן אין דעם לאנגען צימער און האָט בעדעקט אלע געזיכטער, דיא ליכט אין דיא הענגלייכטערס זיינען אויסגעלאשען געווארען, און עס איז געוואָרען חשך און א ווילדע מהומה!

דיא סצענע לאָזט זיך מיט ווערטער ניט בעשרייבען, דיא צושראָקענע חברה לייט האָבען שפּרינגענדיג פון שרעק אויף דיא טישען און אייף דיא בוינק, אום געוואָרפען דיא סטענדערס און מיט זייא צוואמען זיינען מיט געפאלען מעהרערע פון דיא שטרייענע קאָזאקען, וועלכע האָבען ערשט מיט א קליינע ווילע צוריק געזאָגט אזא ברייטע דעה, און זוכענדיג זיך צו בעהאלטען איינער אונטער דעם צווייטענס פאָלע, האבען זייא מיט ווילדע קולות געשריען.

— שדים, מזיקים, מלאכי חבלה, שמע ישראל! געוואלד ראטעוועט!

ג.

חרטה און פערצווייפלונג.

זבולון דער מלמד איז געוועזען בעקאנט אין שטאדט פאר איינעם פון דיא פאנטאפעל מענער, וועלכער האט געציטערט פאר זיין ווייב פיעל מעהר וויא פאר דעם טויט, און עס איז ווירקליך געוועזען פאר וועמען זיך צו שרעקען; דער ארימער זבולון האט אויסגעזעהן געגען זיין בייזע פרוי וויא א קארליק געגען א ריעז, אדער וויא א מילכ געגען א העלפאנדט, ער איז ניעדעריג געוואקסען, מאגער, און איינגעפאלען, און ווען ער האט געעפענט זיין מויל וואס צו ריידען, איז זיין שטימע געוועזען אזוי שוואך, אז עס האט זיך געדוכט אז א פייגעלע ציפצעט, דאגעגען זיין אשת חיל איז געוועזען הויך און ברייט געוואקסען מיט דיקע אויס געפילטע פלייצעס, מיט אייזערנע גרויסע פעסטע הענד, און וועה איז געוועזען דעם ארעמען מלמד ווען ער האט ניט ווילענדיג ערוועקט איהר צארן, איהרע אויגען האבען דאן גענומען שיסען מיט פייער, פון איהרע בלאע ליפען האבען זיך גענומען שיסען שוועביל און פעך, און עס האט אויסגעוויזען אז זיא שלינגט איהם איין א לעבעדיגען, בייא אזעלכע פעלע, וועלכע פלעגען זעהר אפט צווישען מאן און ווייב פארקומען, פלעגט דער אונגליקליכער מלמד אנטלויפען אין בית המדרש פון דיא בעלי עגלה, וואו ער פלעגט פערברייגנען אין לערנען זיין פרייע צייט, דארט איז ער געוועזען זיכער פון איהרע הרמות מיט איהרע קללות.

אין דיא נאכט פון דיא פורכטבארע מהומה וואס עס האט פאסירט בייא דער סעודה פון דער חברה קדישא, האט דער ארעמער זבולון זיינע אויגען ניט צו געמאכט, א פאטער פון איינעם פון זיינע תלמידים איז נעהמליך זעהר געפעהרליך קראנק געווארען און אזוי וויא ער האט געוואוסט אז ווען דער קראנקער זאל חלילה שטארבען, ערווארטעט איהם א בייזען סוף פון זיין ארורה פאר דיא שכר למוד, וועלכע ער האט מיט זיין טויט פערלארען, איז ער מיט א בלוטיגעם הארץ אוועק אין בית המדרש, און געזוכט צו פערזינקען זיינע זארג און זיינע טרויער אין דער גמרא, אין וועלכע ער האט זיך שטארק פערטיעפט.

פלוצלינג איז דער בעזארגטער מלמד מיט שרעק אויפגעשפרונגען פון זיין ארט ער האט דערהערט א שקריפע פון דער טהיר, און איהם איז פארגעקומען אז זיין גוטע ווייב שטאטעט איהם אפ א וויזיט, איידער אבער ער האט געהאט דיא מעגליכקייט פון שרעק אויס צורייד.ען א ווארט האט ער דערזעהן פאר זיך שטע־

הענדיג א יונגען אינגעל פון אונגעפעהר פיערצעהן יאהר אלט, וועלכער האט מיט א קלינגענדען געלעכטער אויסגערופען.

— וואס האט איהר אייך אזוי דערשראקען, ר׳ זבולן ? האט איהר מיר דען ניט דערקענט ?

— טפוי, זאלסט דוא ניט גערארכט ווערן ! האט דער מלמד אויסשפייענדיג מיט א גוטהערציגען שמייכעל אויסגעשפראכען, דוא האסט דאך מיר שיער די נשמה ניט ארויסגענומען, זאג מיר אבער וואס טהוסט דוא ערשט אין בית המדרש און וואס האסט דוא אונטער די פאלעס ?

— איך בין געקומען אייך געבען א חלק, האט דער לוסטיגער אינגעל לאכענדיג געענטפערט, איך בין געוועזען אייך זיכען אין אייער הויז, נאר אייער ווייב זאל געזונד און פריש זיין איז עפעס ניט געוועזען בייא איהר גוטען מוטה, דען זיא האט מיר געקריינט מיט צוויי פיינע נעמען, הונד און חזיר ! און איך בין קוים ניצל געווארען פון איהר בייזען צונג.

— פון וואס אבער ווילסט דוא מיר געבען א חלק ? האט דער מלמד שמייכלענדיג געפרעגט.

— דאס וועט איהר באלד זעהען ! האט דער אינגעל מיט זיין קלינגענדען לוסטיגען געלעכטער ערוויעדערט, איך האב אייך געבראכט א געריכט, וועלכען איהר האט אפילו אין אייער מאמעס קינפעט ניט געזעהן, גיב נור א קוק !

מיט דיא ווערטער האט דער אינגעל ארויסגענומען פון אונטער דיא פאלעס פון זיין ראק א גרויסען פאפיר וועלכן ער האט שנעל אויפגעוויקעלט, און צו זיין גרעסטע איבערראשונג האט זבולון דער מלמד דערזעהן א פאק פעטע בלינצעס, פון וועלכע עס איז נאך גענאנגען א פארע.

אבוואהל דער מלמד האט קיין אהונג ניט געהאט וואס מיט דיא בלינצעס האט פאסירט אויף דער סעודה פון דער חברה קדישא, און אבוואהל דער ריח פון דיא פריש געפרעגעלטע בלינצעס האט איהם זעהר פערשמעקט, און שפייעכץ איז איהם געלאפען פון מויל, דאך האט ער אין דעם ערשטען אויגענבליק ניט געוואגט זייא בעריהרען, און ווארפענדיג אויף דעם אינגעל פארשעגדע בליקען, האט ער מיט אנייגעריגע מינע געפרעגט.

— זאג מיר אבער צוערשט, פון וואנען האסט דוא זייא גענומען ?

— וואס געהט אייך דעראן פון וואנען איך האב זייא גענומען ? האט דער אינגעל מיט א שפאטישע מינע ערוויעדערט, בלעבען, ר׳ זבולן, זייט ניט קיין טרוס

איך בין דאך ניט אייער ווייב דיא ארורה, אז איהר זאלט פאר מיר מורא האבען איהר זעהט דאך אז דאס איז ניט קיין סם!

מיט דיא ווערטער האט דער לוסטיגער אינגעל גענומען שטופען אין מויל אין בלינצע נאך דיא צווייטע, וויא עס האט אויסגעוויסען האט זבולון דער מלמד זיך געשעמט צו ווייזען פאר א טרוס אין דעם אינגעלס אויגען, דערצו האט איהם דער יצר הרע צו א גוטען ביסען אויף א ביסעל צורייצט, און נאכדעם וויא ער מיט דעם אינגעל זיינען ענדליך פערטיג געוואָרען מיט דיא בלינצעס, וועלבע האבען זייא גוט געשמעקט, האט זבולון מיט א צופריעדענעם שמייכעל זיך געווענדעט צו איהם מיט דיא ווערטער.

— וואס אמת איז אמת, איך געדענק שוין ניט דיא צייט ווען איך האב אזעלכע בלינצעס גיגעסען, עס איז פשוט צוגאנגען אין מויל אזעלבע בלינצעס מעג מען דערלאנגען על שולחן מלכים, זאג מיר ערשט וואו האסט דוא זייא עצאפעלט?

— ווען איהר זייט אזוי נאייגעריג צו וויסען, וועל איך אייך זאגען דעם אמת, האט דער אינגעל קורץ און שארף געענטפערט, דיא בלינצעס קומען פון א הויכען ארט.

— פון וועלכען הויכען ארט מיינסט דוא?

— גאנץ איינפאך, זייא זיינען געווען בעשטימט צו דער סעודה פון דיא חברה קדישא, און איך האב זיך אויף זייא דערבארעמט און האב זייא ארויס־געשלעפט פון אייווע.

זבולון דער מלמד איז אייניגע אויגענבליק געבליעבען שטעהן וויא א גע־לעהמטער מיט אויסגעגלאצטע אויגען פון שרעק, און זיין איינגעפאלענעס גע־נעזיכט האט אויסגעדריקט אנגסט און אינערליכע אונרוהע נור זעהענדיג אז דער אינגעל לאכט מיט אזא זיסען הערצליכען געלעכטער, איז זיין שרעק פערוואנדעלט געוואָרען אין א ווילדען צאָרן, מיט א מערקבארען כעס איז ער אפגעשפרונגען אייניגע טריט צוריק, און ווארפענדיג אויף איהם בייזע בליקען, האט ער כמעט וויינענדיג אויסגעשריען.

— וועה איז מיר וואס האסט דו געטאהן?

— וואָס האט איהר אייך אזוי ערשראָקען, ר' זבולון? האט דער אינגעל וויא אויף להכעיס מיט נאך א גרעסערן געלעכטער אויסגרופען, איך האב אייך אסור ניט פערסמ'ט.

— דוא לאַבסט נאָך, תכשיט! האט זבולון מיט א פינסטערע פערצווייפעל־

טע מינע אוים געברומט, ווייסט דוא וואס דוא האסט געטאהן ? וועה איז מיר, ווען מען זאל זיך דערוויסען פון דער נבלה, וועלען זייא דיר אפגעבען פאר א סאלדאט, און איך וועל אויך פון זייא האבען קורצע אפגעשניטענע יאהרען דער־פאר וואס איך האב דיר גלייך ניט ארויסגעגעבען, זייא וועלען מיר מיט א פויק ארויס יאגען פון שטאדט !

— א קלאג איז צו מיר ! האט דער איינגעל מיט א קינסטליכע יעמערליכע שטימע אויסגעשריען, דאס איז מיר דאך גאר ניט איינגעפאלען. איך בין דאך אונ־גליקליך !

בייא דיא ווערטער האט דער איינגעל פערבראכען זיינע הענד, און האט אזוי קינסטליך געוויינט אז מען האט געקענט גלויבען אז ער ווערט צו שמאלצען אין טרעהרען, דערזעהענדיג אז דער איינגעל וויינט, האט שוין דער גוטהערצעדיגער מלמד חרטה געהאט פאר וואס ער האט איהם מצער געווען, אבער אין דעם אויגענבליק ווען ער האט אויף איהם געווארפען א מיטליידענדען בליק און האט איהם געוואלט בערוהיגען, האט דער חיטרער איינגעל ווידער אויסגעשאסען מיט א שאלענדען געלעכטער, און דער צוטומעלטער זבולון האט פלוצלונג דערהערט דיא שארפע ווערטער.

— ניט אומזאנסט רופט מען אייך אין שטאדט דער פאנטאפעל מאן, איהר זייט א טרוס, איהר שרעקט אייך פאר אייער איינענעם שטן, וואס איז דא פאר אזא גרויסע צרה ? האב איך דען חוטא בעגל געווען אז איך האב געגעסען בלינ־צעס ? ווייסט איהר דען ניט דעם דין, אז א גנב גנב׳עט פון צווייטען גנב איז ער פטור ? און ווער זיינע דיא חברה קדישא לייט ? זייא זיינען דאך אלע גנבים און גזלנים, וועלכע רייסען אראפ דיא הויט פון דעם ארעמאנס ביינער, פון וועמענס געלט מאכען זייא דען דיא גרויסע פעטע סעודה ? דאס געהערט דאך אלעס צו קהל, אונז אלעמען ; פאר וואס זאל איך אויך ניט מעגען נעהמען א חלק, און איין מאל אין יאהר הנאה האבען פון א גוטען ביסען ? פון מיר וועלען זייא שוין יע־דענפאלס דיא בלינצעס צוריק ניט בעקומען, נור ווען איהר האט מורא, וואלט איך אייך ראטהען אז איהר זאלט נעהמען א ברעכמיטעל —

— אבער אום גאטעס ווילען, חיים יעקב ! האט זבולון דער מלמד אריינ־פאלענדיג אין זיינע רייד, מיט א בעזארגטע אונרוהיגע מינע אויסגערופען. דוא ווייסט ניט צו וואס אזעלכע שפיצלאך קענען ברייגגען

פאר מיר זאלט איהר נאר ניט זארגען ! האט דער איינגעל, וועלכען מיר וועלען ערשט רופען מיט זיין ריכטיגען נאמען חיים יעקב, מוטהיג אויסגערופען,

איך הער זייא אלעמען וויא דיא גראָע קעטץ, איך וועל נאָך אָנשיקען אויף זייא אזא בייזע מהומה, אז זייא וועלען פערגעסען אן דיא בלינצעס און אָן זייער גאנצע סעודה, איך וועל ווארפען אויף זייא אַכעמען אזא שרעק, אז זייא וועלען האָבען צו ערצעהלען אויף קינדס קינדער, דאן ערשט וועט איהר זעהען וואָס חיים יאנקעלע דער קינדס קען!

מיט דיא ווערטער איז דער קליינער לוסטיגער חברה מאן האסטיג ארויס־געלאָפען פון בית המדרש איבערלאָזענדיג דעם צו שראָקענעם זבולון דעם מלמד אין דיא גרעסטע פערצווייפלונג, מורמלענדיג מיט ציטערענדע ליפען דיא ווערטער.

חיים יאנקעלע דער משחית האָט דאָ פערקאָכט א שלעכטע קאשע, וויס דער אויבערשטער וואָס דער פון קען ווערן.

ד.

דיא מלחמה.

א קורצע צייט שפעטער נאָך דיא בעשריעבענע סצענע מיט זבולון דעם מלמד און מיט חיים יעקב דעם קונדס אין בית המדרש, האט מען אָנגעקלאפט אין לאָדען פון גבריאל דעם נאמנ׳ס הויז און חיה דבורה האָט דער הערט אויס־ריידענדיג דיא ווערטער.

— לויפט גיכער, ר׳ געטציל שמעריל דער גבאי האָט אייער מאן שיער צום טויט נים דערשלאָגען, ווייס גאָט אויב איהר וועט איהם געפינען א לעבעדיגען.

חיה דבורה, וועלכע איז געווען א טרייע ערגעבענע פרוי און האט געליעבט איהר מאן, איז שוין פריהער אונרוהיג געווען פאר וואס ער זאמט זיך אזוי לאנג, אָנפאנגס האט זיא געוואָלט לויפען אין בית המדרש וואו דיא סעודה איז פער־אנשטאלטעט געוואָרען אום צו זעהען וואָס דאָרט איז געשעהן. זיא האָט אָבער איהר ענטשלוס גלייך געענדערט, זיא האָט זיך בערעכענט אז געוועהנליך בייא אזא גרויסע סעודת מצוה ווערט דאך געווים אונטערהאנדעלט ווענען היילינע זאכען און פיעלע שטעדטישע אנגעלעגענהייטען, דעריבער איז זיא געבליבען צו הויז און האט בשלאָסען נים מעה־רצו ווארטען אויף איהר מאן, און צו געהען שלאָפען.

וועהרענד אבער חיה דבורה האָט שוין געהאט אראָפגעוואָרפען פון זיך איהרע קליידער און איז געבליבען שטעהען אין איין העמד, האָט זיא פלוצלונג דער־

הערט דיא אונבעקאנטע שטימע פון דרויסען, וועלכע האט איהר געמעלדעט, אז דער גבאי געטציל שמעריל האט שיער איהר מאן ניט אוועקגע׳הרג׳עט, א טויט שרעק איז אויף איהר געפאלען, און ניט וויסענדיג אין דעם ערשטען אויגענבליק וואס זיא זאל טהאן, האט זיא מיט א ווילדע שטימע אויסגעשריען.

— א קלאג איז צו מיר! וואס איז דארט געשעהען?

אויף חיה דבורה׳ס ווילדע גוואלדען זיינען איהר פיער דערוואקסענע טעכטער אויפגעשפרונגען פון זייערע בעטען ניט טויט ניט לעבעדיג, אויך דיא קעכין איז וויא א פער׳סמ׳טע מויז אריינגעלאפען פון קיך, אבער אויף אלע זייערע פראגען האט דיא צושראקענע חיה דבורה ניט געהאט דיא מעגליכקייט צו ענטפערן ערשט אין אייניגע מינוטען שפעטער, ווען זיא איז צו זיך געקומען, האט חיה דבורה האסטיג ארויפגעווארפען אויף זיך איהרע קליידער, און מיט נעהמענדיג איהרע טעכטער איז זיא מיט זייא צוזאמען שנעל וויא א בליטץ ארויסגעלאפען פון הויז.

דער זעלבער מלאך, וועלכער האט אנגעזאגט חייה דבורה׳ן דיא בשורה רעה פון איהר מאן, האט אויך ניט פערשווינט חוה זעלדען ר׳ געטציל שמעריל׳ס ווייב, אדער זיין אלטע וויא איהר מאן האט איהר גערופען, אויך זיא האט דערהערט קלאפענדיג אין דיא לאדענס פון איהר הויז, און איין אונבעקאנטע שטימע שרייענדיג דיא ווערטער.

— חוה זעלדע, חוה זעלדע! אייער מאן ר׳ געטציל שמעריל איז אין סכנה, גבריאל דער נאמן מיט זיין ווייב און מיט זיינע טעכטער זיינען איהם איבערפאלען און האבען איהם מערדערליך געשלאגען, שנעל, לויפט ראטעוועט איהם, דען ער איז אין דיא גרעסטע געפאהר!

חוה זעלדע, וועלכע איז אין דיא זעלבע צייט שוין לאנג געלעגען אין בעט האט קיין שהיות ניט געמאכט, דיא מעלדונג אז איהר מאן איז אין געפאהר, האט איהר ניט געלאזען רוהען, מיט א ווילדען האסט איז זיא אויפגעשפרונגען פון איהר געלעגער, און ארויפווארפענדיג אייף זיך איין אונטערקלייד מיט א פארצייילע אויף איהרע פלייצלס איז זיא מיט א ווילדע וואהנזינגע אויפרעגונג ארויס געלאפען פון הויז, פערטהיג צו פערטהיידיגען איהר מאן מיט אלע איהרע קרעפטען.

און דער זעלבער מלאך, וועלכער האט געטהאן דיאביידע שליחות אויפצורייצען דיא ביידע פרויען, האט זיך ניט געאיילט ארויפצופליהען צוריק אויפ׳ן הימעל, מיט א צופרידענעם שמייכעל איז ער ארויף אויפ׳ןביידעס פון דיא ווייבערשע שוהל, וואו דיא סעודה פון חברה קדישא איז אפגעהאלטען געווארען,

דאָרט איז ער צוגעגאַנגען צו א פענסטער, וועלכער האָט געפיהרט צו דיא עזרת נשים און אַ קליינע ווילע האָט ער מיט א שפּאַטישען שמייכעל בעטראַכט דעם שרעדליכען טומעל און דיא פורכטבארע מלחמה, וועלכע דאָרט האָט אויסגע־בראָכען, צו זיין גרעסטעס פערגעניגען האָט ער פון ווייטען געזעהן דורכ'ן פענסטער וויא דיא צוטראָקענע שטרייענע קאַזאַקען קעמפּפען איינער מיט דעם צווייטען מיט דיא גרעסטע פערצווייפלונג, איינער רייסט דעם צווייטען פאר זיין באָרד, און דער צווייטער בייסט איהם מיט זיינע צייהנער, דער דריטער בריקט מיט דיא פיס און דער פיערטער באָמבאַנדירט מיט זיינע פויסטען אויף יעדען, וועלכען ער טרעפט פיעל מעהר נחת האָט אָבער דער לוסטיגער מלאך געהאַט פון דיא ווייבער, וועלכע האָבען פון כעס ניט געוואוסט וואו פריהער צו פאלען און זוכענדיג צו פער־טהיידיגען זייערע מענער, האָבען זייא געשלאָגען רעכטס און לינקס, שרייענדיג דערבייא אויף דיא העכסטע אָקטאַווע פון זייערע שטימען.

אין דעם איינענבליק האָט דער לוסטיגער שפּאַס פויגעל געעפנט דעם פענסטער, און אויפרייסענדיג א קלוינע קישעלע, וועלכע ער האָט צו דעם צוועק פארבערייטעט, האָט ער אַלאַז געטאָהן א שטראָם פעדערען אויף דיא צוזאַמעלטע קעמפּפער, א ווינט האָט גענומען בלאָזען און האָט אויסגעלאָשען אַלע ליכט, און אום זייער שרעק נאָך מעהר צופערגרעסערן, האָט ער אויסגיקעהרט וויא א האָהן, דאַן האָט ער גענומען בילען וויא א הונד און קוויטשען וויא אַ קאַץ, און וועהרענד פון אַלע זייטען האָבען זיך געהערט ווילדע הערצרייסענדע געשרייען, שדים, מזיקים, מלאכי חבלה, געוואלד ראַטעוועט! איז ער אונבעמערקט פערשוואונדע געוואָרען.

גלייך נאָך דיא בעשריעבענע סצענע אין דיא ווייבערשע שוהל איז דער זעלבער מלאך, אין וועלכען מיר דערקענען דעם מוטהיגען לעבענסלוסטיגען יונגען חיים יעקב, צוריק געקעהרט אין בית המדרש פון דיא בעלי עגלה, אין וועלכען זבולון דער מלמד האָט דיא נאַכט פערבראַכט, און מיט א צופריעדענע מינע פון זיך אליין, האָט ער איהם ערצעהלט פון דעם געלונגענעם שפּיצעל, וועלכען ער האָט דיא חברה קדישא לייט אָפּגעטהאָן, דער ערליכער אונשולדיגער, גלויביגער מלמד האָט אָבער אָנפאַנגס ניט איין וואָרט געגלויבט וואס דער לוסטיגער חיים יעקב האָט איהם ערצעהלט, און וויא אזוי האָט ער איהם געקענט גלויבען, אז ער וועט וואגען אין מיטען נאַכט אַרויפצוגעהען אויפען ביידעם פון דיא ווייבערשע שוהל און אונבעשעדיגט צוריק קעהרן? דיא גאַנצע שטאָדט האָט דאָך געוואוסט

א זדאָרט נעבטיגען מתים, און שדים, וויא אזוי איז דאָס מעגליך אז ער וואלט דאָרט ניט ניזק געווארען?

מיט דיא ארגימענטען האט זבולון דער מלמד געזוכט חיים יעקב'ן צו וויעדערשפרעכען, און אבוואהל דער זעלבער האָט איהם געשווארען מיט דיא הייליגסטע שבועות אז דיא מתים מיט דיא שדים צוזאמען האָבען אויף איהם קיין שליט ניט געהאט, און אלעס וואס ער האָט איהם ערצעהלט איז אמת, האָט איהם זבולון דאָך ניט געגלויבט, און אום איהם צו וויזען, אז ער איז ניט קיין לייכטזיניגער מענש, וועלכער גלויבט אין אונמעגליכע זאכען, האָט ער איהם קורץ און שארף געזאָגט דיא טראַציגע ווערטער.

—דוא ווערסט מיר ניט איינריידען קיין בבא מעשות, א וועלט איז ניט משוגע, אונזערע אבות אָבותינו האָבען געגלויבט אז אויפ'ן ביידעם פון דיא ווייבערשע שוהל האלטען זיך אויף יעדע נאכט מתים מיט פולקע שדים, מען ערצעהלט זאָגאר פון זייא מעשות וואָס מענשען האָבען מיט זייערע אויגען געזעהען. פון וועלכע עס שטעלט זיך דיא האָר קאפויער, און דוא ווילסט מיר איינריידען, אז דוא בינסט אזא צדיק, אז אויף דיר האבען זייא קיין שליטה ניט געהאט?

אָבער ערשט אויף מארגען ווען זבולון דער מלמד איז ארויס אין שטאָדט און ער האט דערהערט וואָס דיא נאכט האָט אין דיא ווייבערשע שוהל פאסירט, האָט ער זיך איבערצייגט אז דאָס וואס חיים יעקב דער קונדס האָט איהם ערציילט איז דאָך אמת, דאן ערשט האָט ער גינומען פאר איהם מורא האָבען, יעצט ערשט האָט דער בחור, מיט וועלבען ער איז געוועזען פון איין שטאָדט, בעטראַכטעט ווערדער פאר א מכשף אָדער פאר א שד, און בייא דיא ערזינערונג אז ער האָט גענעסען פון דיא בלינצעס, וועלבע ער האָט איהם געבראַכט, איז א טויטשרעק אויף איהם געפאלען.

ה.

דיא אסיפה רבה.

אויף דיא צווייטע נאכט נאָך דיא פירכטערליכע סצענע, וועלבע עס האָט זיך אָפגעשפיעלט אין דיא ווייבערשע שוהל, האָט ר' געטציל שמעריל דער גבאי ראשון גערופען איין אסיפה רבה ניט נור מיט דיא חברה קדישא לייט אליין, זאָנדערען נאָך מעהרערע וויכטיגע בעלי בתים זיינען גערופען געווארען, אום צו

בעשפרעכען דיא אונערהערטע נבלה, און זיך בעראטהען וואס עס איז ערשט דערבייא צו טהאן.

אויף פיעלע געזיכטער פון דיא פערזאמעלטע, איז נאך געווען צו מערקען צייכענס פון דער מלחמה, וועלכע האט זיך געספרען אבענד צווישען זייא צו פלאקערט, בייא איינעם איז געווען אויסגעריסען דער בארד,ביים צווייטען איז דאס געזיכט געווען צוריסען און צו דראפעט, א דריטער האט געהאט אונטער געשלאגענע בלויע אויגען, און אבוואהל זייא האבען ענדליך צווישען זיך שלום געשלאססען, דאך האט עס אויסגעוויזען וויא זייא זיינען נאך ברוגז איינער אויף דעם צווייטען.

— איך זאג און בלייב דערביי! האט ר׳ געטציל שמעריל דער גבאי ראשון דער ערשטער מיט א פעסטע שטימע אויסגערופען, דער גנב פון דיא בלינצעס און דער לץ, וועלכער האט זיך פון אונז לוסטיג געמאכט, איז איינער און דער זעלבער מופקר, וועה צו דיא יאהרען וואס מיר האבען דערלעבט, ווען בייא אונז אין שבילה א שטאדט פון ישיבות, פון תורה, פון עהרליכע אידען, זאל אזא נבלה קענען פאסירען, דאן דארף דיא וועלט אונטערגעהען!

— דאס איז אמת! האט א צווייטער בעל הבית צו געשטימט, בייא אונז געווארען ערגער וויא אין סדום, וואו האט מען פערצייטען געהערט פון אזעלכע נבלות?

— און איהר מעגט אייך ריידען וואס איהר ווילט! האט איינער פון דיא חברה קדישא ליט, מיט א פרומע ערנסטע מינע אויסגערופע, איך גלויב ניט אז א מענש איז דא געווען אים שפיעל, ניט קיין מענשליכע האנד האט גע׳גנב׳עט דיא בלינצעס פון אייוועז, ניט א מענשליכע שטימע האט גערופען דיא וויבער אונז צו פערטומלען, נים א מענשליכע האנד האט ארויסגעלאזען דיא פעדערן, און נ׳ט דער ווינט האט אויסגעלאשען דיא ליכט אין שוהל, רבותי! דאס איז א שפיצעל פון דיא ניט גוטע, גאט ברוך הוא זאל אונז אלעמען משמר ומציל זיין מיר האבען נאך אלע מיט גליק געשפיעלט אז מיר זיינען מיט אונזער לעבען ניצל געווארען, וויא פיעל וואלט געפעהלט —

— נארעשקייט! האט חשביה דער בעל מחשבה ניט לאזענדיג דעם חברה מאן ענדיגען זיינע לעצטע ווערטער, מיט א שטאלצע מינע פון א דעתן אויסגערופען, געווים האט דאס געטהאן א ניט גוטער, אבער וועניג שדים און לצים גיעבט עס צווישען מענשען? אין א מקום קדוש קומען ניט דיא מזיקים, דאס איז דאך בעוואוסט, און ווען זייא האלטען זיך אפילו אויף דעםביידעם, האבען

זייא אויך קיין שליטא ניט אין א הייליגען אָרט, און בפרט אין אזא ציים וואו אידען זיינען געזעסען בייא א סעודת מצוה, איך גלויב דעריבער אז דאָס איז א שפּיצעל פון א שיינעץ, פון איינעם פון דיא יונגע בתורים, וועלכער האָט זיך איבער אונז לוסטיג געמאכט !

— וויא קען דאָס אָבער זיין ? האָט דער חברה קדישא מאן ענערגיש פּראָטעסטירט, ווערען וועט איינפאלען צו ריזיקירען זיין לעבען, ארויפצוגעהען אויפ'ן ביידעם פון שוהל וואו מתים מיט שדים טאנצען ארום ? דאָס איז דאָך שווער צו גלויבען !

— אונזין ! האָט גבריאל דער נאמן אויסגערופען, ר' חשביה האָט פאלקאָם רעכט וועניג מופקרים זיינען דאָ, וועלכע גלויבען ניט אין מתים און אין שדים ? איהר האָט פערגעסען אז מיט צעהען יאָהר צוריק האָט מען אויף דעם זעלבען ביידעם געפּאקט דעם פרוש מיט דיא אשת איש, און דיא מופקרים האָבען זיך פאר דיא מתים מיט דיא שדים גאר ניט אָבגעשראקען.

— רעדט וואָס איהר ווילט האָט דער חברה קדישא מאן ערענסט ערוויעדערט איך קען עס דאָך ניט בעגרייפען, ווען מיר זאָלען שוין אננעהמען, אז דאָס האט געטהאן א מענש, וועלכער האָט קיין גאט אין הארצען ניט און שרעקט זיך ניט פאר שדים, דעריבער וועלען דיא ניט גוטע איהם פערשווינען ? ער האָט דאָך גאדארפט ניזק ווערן אויף דער שטעלע !

— טפוי, חלעבען עס פאלט אן חלשות הערענדיג דיא נאררעשקייטען ! האָט אוריה דער סוחר ערגערליך אויסגעשריען, הערט שוין אויף דיא פוסטע וויכוחים וועגען שדים און וועגען רוחות, דעם שפּיעצעל האָט אייך אָפּגעטאָהן א בשר ודם, א חצוף וועלכער האָט זיך געוואָלט לוסטיג מאכען איבער חברה קדישא, און עס איז מעהר ניט וויא רעכט, אז מ׳ן זאָל מיט איהם לערנען בלק !

— איך בין אויך אין דיא זעלבע מיינונג, האָט ר' געטציל שמעריל צו געשטימט, דעריבער שלאָג איך פאָר אז מען זאָל פערשרייבען אין פנקס, אז דער לץ זאָל בעגראָבען ווערן קבורת חמור !

קבורת חמור ! קבורת חמור ! האָבען אלע פערזאמעלטע איינשטימיג אין איין קול אויסגעשריען. דער מ׳פקר האָט דיא שטראָפע עהרליך פערדיענט!

פערשרייבט עס אין פנקס פון דער חברה ! האָט ר' געטציל שמעריל זיך ווענדענדיג צום קהל׳שען שרייבער, מיט א בעפעהלענדע מינע אויסגעשפּראָכען.

— איך דארף דאָך אבער וויסען צוערשט א נאָמען וועמען צו פערשרייבען !

האַט דער שרייבער מיט אַן אונטערדריקטען שמייכעל ערוויעדערט, וועמען מיינט איהר דען צו בעגראָבען קבורת חמור?

— דיא פראַגע וועלכע דער שרייבער האַט אַ האַלב שמייכלענדיג געשטעלט, האַט דיא ריכטער אין פערלעגענהייט געבראַכט, יעצט ערשט האַבען זייא זיך ארומגעזעהען, אז זייא משפט'ן אַ פערברעכער, וועלכען זייא קענען גאָר ניט און ווייסען ניט ווער ער איז, און ניט וויסענדיג וואס אויף דיא פראַגע צו ענטפערן, האָבען זייא איינער אויף דעם צווייטען געוואָרפען תמ'עוואַטע בליקען.

ר' געטציל שמעריל איז דער ערשטער געפאַלען אויף אַ פּלאַן, און מאַכענדיג אַ שטאָלצע מינע וויא איהם וואָלט איינגעפאַלען דיא גרעסטע חכמה, האָט ער זיך געווענדעט צום שרייבער מיט דיא ווערטער.

— וואָס פערשטעהסט דוא דאָ ניט? שרייב, דער וויל איין נור דעם „פערברעכער" און ווען מיר וועלען איהם פּאַקען וועסט דוא צושרייבען דאַן זיין נאַמען.

— ריכטיג! ריכטיג! האָבען מעהרערע פון דיא פערזאַמעלטע צו געשטימט.

— ווייסט איהר אָבער רבותי, האָט איינער פון דיא חברה קדישא לייט מיט אַן אונענטשלאָסענע אונרוהיגע מינע אויסגעשפּראָכען וועמען איך בין חושד אין דער נבלה?

— וועמען, וועמען? האָבען מעהרערע חברה לייט אונגעדולדיג אויס־געשריען.

— וואָס שווייגסט דוא? האָט ר' געטציל שמעריל דער גבאי, זעהענדיג וויא דער חברה מאַן איז געבליעבען זיצען שטום און אונענטשלאָסען צו אויס־רעדען זיין פערדאַכט, ערגערליך אויסגערופען, וואָס האָסט דוא מורא? שוטה! פערגעס ניט אז דאָ האַנדעלט זיך ניט נור וועגען אונזער כבוד, זאָנדרן וועגען דעם כבוד פון אונזער חברה קדישא, ער מעג זיין יהיה מי שיהיה, דעם רב'ס זהון, אדער איינער פון אונזערע גבירישע קינדער, קיינעם וועט עס ניט געשאַנקען ווערען!

— דאָס איז אפילו אמת, האָט דער חברה מאַן מיט אַ בעזאָרגטע אונ־רוהיגע מינע ערוויעדערט, דער כבוד פון אונזער חברה קדישא איז מיר אויך זעהר טהייער, דאָך דאַרפט איהר ניט פערגעסען רבותי, אז איך בין איין אָרע־מאַן, און ווען איך זאָל דאדורך בעריהרען דעם כבוד פון איינעם פון אונזערע גבירים, דאַן וועל איך בײַ איהם שלעכט אָפּשניידען.

— אונזין! מיר וועלען דיר אלע בעשיצען! עס וועט דיר קיין בייזעס ניט געשעהן, זאג שנעל אויף וועמען האסט דוא דעם חשד?

— איך בין חושד, אבער —

— קיין אבער! האט ר' נעטציל שמעריל אויסגעדאנערט, דוא מוזט עס אונז זאגען, ווייסט דוא דעם פשט פון דיא ווערטער, אם לא יגיד ונשא עונו? ווען אן עדות וויל ניט זאגען וואס ער האט געזעהען, דאן ווערט ער בעשטראפט פאר דיא זינדע.

— איך בין חושד, האט ענדליך דער חברה קדישא מאן מיט א שטילע ציטערענדע שטימע אויסגעמורמעלט, מאכענדיג דער בייא א מינע וויא ער האט זיך דערשראקען פאר זיינע איינענע ווערטער, איך בין חושד שמואל'קען כלב דעם גבירס זוהן.

— שמואל'קע כלב'ס האבען מעהרערע פוז דיא פערזאמעלטע מיט א ווילדען צארן אויסגעשריען, אויף דעם משומד קען מען עס גלויבען, מיר קענען איהם שוין לאנג פאר א יונגאץ, א מופקר וועלכער איז ארויס לתרבות רעה, א פינסטערע מפלה אויף זיין קאפ קבורת חמור זאל ער בעגראבען ווערן!

— וויא אזוי איז דיר אבער איינגעפאלען? האט גבריאל דער נאמן רוהיג געפרעגט.

— נעכטערן אבענד, האט דער חברה מאן ערוויעדערט, ווען מיר זיינען אלע געזעסען ארום דיא טישען, האב איך איהם בעמערק שטעהענדיגד נעבען אייווען מיט א ביטרען שמייכעל אויף זיין פנים, און פלוצלונג איז ער האסטיג פערשוואונדען געווארען.

— איהר קלערט נאך אויב דער ממזר האט מיט אונז דיא טייפעלשע קאמעדיע געשפיעלט? האט איינער פון דיא פערזאמעלטע מיט געוויסהייט אויסגערופען, אויף שמואל'קע כלב קענט איהר עס גלויבען בייא מיר איז עס מעהר וויא געוויס!

— יעצט ערשט האב איך מיר דערמאנט, אז איך האב אויך בעמערקט! האט א צווייטער חברה קדישא מאן אויסגערופען, עס איז קיין ספק ניט אז דאס איז שמואל'קעס ארבעט!

— פאר וואס אבער שווייגט איהר? האבען פיעלע פון דיא פערזאמעלטע ערנערליך אויסגעשריען, זעהענדיג וויא דער גבאי מיט גבריאל דעם נאמן זיינען געליעבען זיצען שטום אין מוהטלאז.

אויב דאס איז ווירקליך שמואל'קע כלב'ס ארבייט, האט ר' נעטציל זיפצענ־

דינ געענטפערט, מהומ עס מיר זעהער לייד, דען מיר קענען דערבייא גאָר נים טהאָן.

— וואָס הייסט מיר קענען נים טהאָן? האָבען אייניגע עזות פנים׳ער אויפ־שפרינגענדיג פון זייערע ערטער וויטהענד אויסגעשריען, וואָס מיינט איהר, דיא וועלט איז הפקר? און אז שמואל׳קע דער מופקר איז יא כלב דעם גביר׳ס א זוהן, דארפען מען איהם דעריבער פערשוויינען אזא נבלה, וועלכע איז נאָך אויף דער וועלט נים געהערט געוואָרען.

— מיר קענען איהם אָבער דאָך גאָר נים טהאָן! האָט דער גבאי פערדריסליך געענטפערט, עס וואלט געוועזן מעהר נים וויא רעכט, אז מען זאָל דעם יונגאטץ דאפיר אָפגעבען פאר א סאָלדאט, ער האָט עס געווים כשר פערדינט, איהר דארפט אבער נים פערגעסען ווער כלב דער גביר איז, ער איז א גרויסער תקיף בייא נאצאילסטוואָ, און מיר קענען זיך געגען איהם נים שטעלען.

— דאן דארף מען וועניגסטענס פערשרייבען אין פנקס, אז ער זאָל בעגראָבען ווערן קבורת חמור!

— דאָס קענען מיר אויך נים.

— פארוואָס?

— איך קען דאָס עפענטליך נים זאָגען, איהר פערשטעהט אליין!

— פע, איהר דארפט אייך שעמען אין אייער וויטען האלז! האָט איינער פון דיא פערזאמעלטע אויסגעשריען, איהר זיים גאָר בריות מיט אייערע צינגער העלדען מיט דיא מיילער, און וויא עס קומט וואָס צו טהאָן נעמט איך אָפ דיא הענד מיט דיא פים!

— היה לא תהיה! האָט חשביה דער בעל מחשבה פלוצלונג לאבענדיג אויס־געדופען, איהר קריעגט אייך ערשט איבער א ביצה שלא נולדה, איהר האָט אבער א גרויסען טעות, איך פערזיכער אייך, אז לא די וואָס שמואל׳קע כלב׳ס האָט דיא קאמעדיע מיט אונז נים געשפיעלט, עס איז איהם אפילו דאָס גאָר אויף זיין זינען נים ארויף, נים ער איז געוועזן אין דיא ווייבערשע שוהל, נים ער האָט גע׳גנב׳עט דיא בכינצעס, און נים ער האָט זיך לוסטיג איבער אונז געמאכט, דער גנב און דער לץ שטעקט דאָ גאָר אין איין אנדערן הולטאי!

— פון וואנען ווייסט איהר עס מיט אזא בעשטימטהייט צו זאָגען?

— ווען איך זאָג מסתמא ווייס איך שמואלקע כלב׳ס איז נאָך אזוי ווייט

ניט פערקראָכען, אום אַזעלכע קאָמעדיעס מיט אונז צו שפּילען, איך קען איהם בעסער וויא איהר אַלע!

אַלע פערזאַמעלטע וועלכע האָבען פריהער מיט אַ ווייל אויסגערעדעט כל דבר אסור אויף שמואלקע בלב׳ס האָבען ערשט מודה געווען, אַז חשביה דער בעל מחשבה האָט רעכט.

— דאַן קען זיין אַז איך האָב ווירקליך אַ טעות געמאַכט, האָט דער חברה מאַן, וועלכער האָט זיין פערדאַכט געאייסערט, מיט אַ צושראָקענע מינע אויסגעמורמעלט, עס קען זיין אַז מיר האָט זיך נור געדוכט אַז איך זעה שמואלקע בלב׳ס ווערענד באמת איז גאָר געווען אַ אַנדער אינגעל, איך בעט אייך רבותי, האָט אויף מיר רחמנות און מאַכט מעהר דעריבער קיין רייד ניט.

— דאַן בלייבט עס אַזוי וויא איך האָב פריהער געזאָגט! האָט ר׳ געטציל שמעריל זיך ווענדענדיג צום קהלש׳ען שרייבער אויסגערופען, פערשרייב אין פּנקס דער וויל נור דעם וואָרט פערברעכער, דעם נאָמען פון דעם הולטאי וועלען מיר שוין נאָכהער צו שטעלען ווען מיר וועלען איהם פּאַקען.

אַבער אין דעם אויגענבליק, ווען דער שרייבער האָט אויסגעפיהרט דעם גבאי׳ס בעפעהל, האָט זיך דיא טהיר מיט שטורם געעפענט, אַפּרוי איז אריינגעלאָפען מיט אַ ווילדע האַסט, און וואַרפענדיג צו שראָקענע בליקען אויף דיא פערזאַמעלטע, האָט זיא מיט אַ ציטערענדע שטימע אויסגעשריען:

— רבותי, איין אונערהערטע נבלה איז אין שטאָדט אפּגעטאָהן געוואָרען.

ו.

דער סוד איז ארויס.

אין דיא זעלבע צייט, ווען דיא חברה קדישא האָבען אָפּגעהאַלטען זייער אסיפה רבה אין דיא ווייבערשע שוהל, איז דער אינגעל וועלכער האָט געסטערען אבענד געבראַכט זבולון דעם מלמד דיא בלינצעס, געזעסען בייא אַ גמרא אונטען אין בית המדרש, און שמייכלענדיג האָט ער צו געהערט וויא זייא זוכען דעם פערברעכער ניט וויסענדיג אַז ער איז דאָ נור דריי טריט פון זייא, ווערענד אַבער ער איז געזעסען און געקליבען נחת פון זייער אונטערהאַלטונג, איז זבולון דער מלמד מיט אונטערגעהאַקטע פיס צוגעגאַנגען צו איהם, און מיט ציטערענדע ליפּען האָט ער איהם אריינגעמורמעלט אין אויער דיא ווערטער.

— קום שנעל מיט, מיט מיר, איך דאַרף דיר וואָס נויטהיגעס זאָגען!

מיט דיא ווערטער איז דער מלמד האסטיג ארויסגעגאנגען פון בית המדרש און דער אינגעל איז איהם נאכגעגאנגען, דערזעהענדיג אבער אז זבולון האלט זיך קוים אויף זיינע פיס פון אנגס און פון אויפרעגונג, האט ער איהם שמייכלענדיג געפרעגט.

— וואס איז מיט אייך געשעהען ר׳ זבולון? פאר וואס זייט איהר אזוי צושראקען?

— רוא פרעגסט נאך? האט דער מלמד ציטערענדיג מיט אלע גליעדער געענטפערט, וועה איז מיר! וואס האסט דוא געטאהן? דער סוד איז דאך ארויס!

— ווירקליך? האט דער אינגעל לאכענדיג אויסגערופען.

— דוא לאכסט נאך וועהרענד מיר גיסט זיך בלוט פון הערצען? האט דער מלמד מיט א פינסטערע פארוואורפספאלע מינע אויסגעשפראכען, הערסט דוא דען ניט וואס איך זאג דיר, אז דער סוד איז ארויס?

— אבער וויא איז עס מעגליך? דיא אסיפה לייט קריכען גאר אויף פרעמדע קברים, און האבען קיין אהנונג ניט ווער עס איז דער אמת׳ער פערברעכער!

— מיין ווייב, מיין ווייב, האט זיך פון דעם סוד דערוואוסט! האט זבולון וויינענדיג אויסגערופען, קומענדיג א היים האט זיא געפונע, אויף מיין בארד ברעקלאך פון דיא בלינצעס, און זיא איז צו מיר אזוי צו געשטאנען, אז איך האב איהר ענדליך געמוזט אויכזאגען —

— דאן האט איהר מיר אונגליקליך געמאכט! האט דער יונגער אינגעל אונרוהיג אויסגערופען, וויא האט איהר עס געקענט פועל׳ן בייא זיך אויספלוידערן פאר איהר מיין געהיימנים? ווייסט איהר דען ניט ווער אייער ווייב איז?

— שיט מיר קיין זאלץ אויף מיינע וואונדען! האט דער מלמד פערצווייפעלט ערוויעדערט, וואס עס איז איין מאל געשעהן קען מען ניט חאפען צוריק, דוא בינסט אונגליקליך, זייא וועלען דיר ערשט פאקען און אפגעבען פאר א סאלדאט,

— זייא וועלען מיר שוין זעהען אין זייערע אויגען, וויא זייא זעהען זייערע לינקע אויערן! האט דער יונגער אינגעל ענטשלאסען אויסגעמורמעלט, מיט דיא ווערטער איז ער האסטיג ארייין צוריק אין בית המדרש, און וועהרענד זבולון דעם מלמד׳ס ווייב האט אויסגעשריען פאר דער אסיפה אז אין שטאדט האט א נבלה פאסירט, האט ער געכאפט זיין רענצעלע מיט דיא ביסעל זאכען, וועלכע ער

האָט דאָרט געהאַט און איז אונבעמערקט פערשוואונדען געוואָרען פון בית המדרש.

— רבותי ! האָט זבולונס ווייב אויף דיא העכסטע אָקטאַווע פון איהר שטימע אויסגעשריען, דיא בלינצעס האָט גע׳גנב׳עט דער גנב, און ער האָט אויך דעם גאַנצען טומעל געמאַכט, איך בין דעריבער עקסטרא געקומען אום אייך צו זאָגען אַז מיין מאַן איז דערביי ניט שולדיג, ער איז אַ נאַר, אַ לא יוצלח, איין אייזעל אָבער ניט קיין גנב ; אמת דער שלאַק האָט זיך פון מיר ניט גענאַרט, אָבער —

— רייד קלאָרע ווערטער ! האָט געטציל שמעריל אַריינפאַלענדיג אין איהרע רייד פערוואונדערט אויסגערופען, וואָס ווילסט דוא דאָ איינגענטליך אונז ערצעהלען ?

— איהר זאָלט נור ניט בעשולדיגען מיין מאַן ! האָט דיא מלמד׳יכע אין דיא גרעסטע אויפרעגונג אויסגעשריען, עס איז אמת אַז ער איז אַ גרויסער שוטה, איך שווער אייך אָבער בייא גאָט, אַז ניט ער האָט גע׳גנב׳עט דיא בלינצעס. —

— דאָס ווייסען מיר אָהן דיר, האָט דער גבאי איהר ווידער אונטערברעכענדיג שמייכלענדיג ערוויעדערט, קיינעם פון אונז איז ניט איינגעפאַלען חושד צו זיין זבולון דעם מלמד, אַז ער האָט דיא נבלה אָפּגעטאָהן !

— ער האָט געוואוסט ווער דער גנב איז, ער האָט אָבער ניט געקענט אַ יעק וואַרפען דעם חדר מיט דיא תלמידים און אייך קומען מעלדען, איהר ווייסט אַז זייא זיינען שקצים מחבלים, וועלכע אָהן רב׳ן קערען זייא אום דעם חדר קאַפּויער.

— דאַן ווייסט דוא ווער דער גנב איז ! האָבען מעהרערע פון דיא פערזאַמעלטע מיט איין קול אויסגעשריען.

— געוויס ווייס איך, מיין זבולון האָט עס מיר אַליין געזאָגט, און ער האָט מיר געשיקט אייך דאָס מעלדען.

— דאַן זאָג שנעל, ווער האָט דיא בלינצעס גע׳גנב׳עט און געמאַכט דעם טומעל ?

— דער גנב ! גאָט זאָל מיר אַזוי העלפען וויא מיין מאַן איז ניט שולדיג !

— ווער איז אָבער דער גנב ?

— דער איז דער שייגעץ, דער לץ, וועלכען איך האָב אימער פיינט געהאַט וויא אַ שפּין און פלעג איהם מיט שטעקענס אַרויסיאָגען פון מיין הויז.

— רייד קלאָרע ווערטער, וויא רופט מען איהם ?

— זיין נאמען ווייס איך ניט, איך ווייס נור אזוי פיעל, אז ער איז מיט מיין מאן פון איין שטאָדט.

— שמש ! האָט ר' געטציל שמעריל מיט א בעפעהלענע מינע אויסגערופען, געה שנעל און רוף זבולון דעם מלמד, ער מוז זאָפאָרט קומען !

איינינע מינוטען שפעטער האָט דער שמש צוריק געקעהרט אין בעגלייטונג פון זבולון דעם מלמד, וועלכער איז נאך מעהר צושראָקען געוואָרען דערזעהנדיג זיין ווייב בייא דער אסיפה.

— איהר האָט געוואוסט ווער דער גנב איז ? האָט דער גבאי ווארפענדיג שטרענגע בליקען אויף דעם צושראָקענעם מלמד בייז אויסגעשריען, ווארום האָט איהר אונז גלייך ניט געמעלדעט ?

— רבותי ! האט זבולון מיט א פוינעלשע שטימע קוים אויסגעפיפצעט, איך בין א שבר יום, איך האָב ניט געקענט א ווקוואָרפען דעם חדר.

— אבער ווער איז דער גנב ? זאגט שנעל, וויא רופט מען איהם ?

— איין גאָט אין הימעל ווייס, אז איך בין אונשולדיג —

— דאָס וועלען מיר שפעטער זעהען, זאָגט צו ערשט ווער דער גנב איז !

— איהר קענט איהם אלע, האָט זבולון דער מלמד מיט א שמערצליכע פערצווייפעלטע מינע ערוויעדערט ער האָט דאָך בייא ר' גבריאל דעם נאמן גענעסען א טאָג.

— ווער איז ער דען ? וויא רופט מען איהם ?

— חיים יאנקעלע, ער האָט דאָ געלערנט אין בית המדרש !

— חיים יאנקעלע ! האָט גבריאל דער נאמן העכסט ערשטוינט אויס־גערופען, דערמיט האָט ער עס מיר אָפגעדאנקט פאר מיין זאלץ און ברויט ?

— חיים יאנקעלע האָט אָפגעטהאָן דיא נבלה ! האָבען מעהרערע פון דיא פערזאמעלטע קוועצענדיג מיט דיא פלייצעס אויסגעשריען, דאן מוז דיא וועלט אונטערגעהען !

— דאס האָט נאך צווישען אידען ניט פאסירט !

— א ישיבה בחור, א וואויל לערנער, זאָל אפטהאָן אזא נבלה !

— איך האב אלע מאהל געזאָגט אז דער בחור'ל געפעלט מיר ניט, זיינע אויגען האָבען אימער געברענט וויא בייא א קיסלער, מעהר וויא לצנות האָט מען פון איהם ניט געהערט !

— חאפט איהם, פאקט איהם! האט ר׳ נעטציל שמעריל מיט נאך מעהר־ערע אין איין קול אויס געשריען, שמיעדעט איהם אין קייטען, ער מוז דאפיר אפ־געגעבען ווערען פאר א סאלדאט!

— איך גיעב פינפציג רובל לטובת החברה! האט גדליהו דער חוכר פון דיא פלייש קאראבקע אויסגעשופען, און דער יונגאץ זאל געהען אין דינסט פאר מיין זוהן!

און איך גיעב לטובת החברה הונדערט רובעל! האט איינער פון דיא בעלי בתים אויסגעשריען, און דער מופקר זאל געהען אין דיענסט פאר מיין זוהן!

— איך גיעב אויך הונדערט רובל!

— ער געהערט מיר, איך האב דיא סומע פריהער געבאטען!

— איך בין אבער געוועזען דער ערשטער, וועלכער האט אנגעבאטען געלד לטובת החברה!

— דאן דארף מען ווארפען גורל צווישען זייא! האבען דיא אסיפה לייט בעשטימט.

וועהרענד דיא חברה קדישא לייט האבען געווארפען גורל וועמען דער העבט זאל געהערען, האבען זיך איינינע שמשים אלאז געטאהן אין שטאדט איהם צו פאנגען אין זייער נעץ, זייא האבען זיך אבער באלד צוריק געקעהרט מיט אראפ־געלאזענע נעזער, דער שפאספויגעל איז שוין געוועזען איבער אלע בערג און דיא חברה קדישא לייט האבען זיך געמוסט בענוגענען דערמיט, וואס זייא האבען פערשריעבען אין זייער פנקס, אז דער זעלבער חיים יאנקעל זאל בעגראבען ווערען קבורת חמור.

ר׳ נעטציל שמעריל האט אבער קיין אנהונג ניט געהאט, אז עס וועט קומען א צייט, ווען ער וועט זיין איינינעל פיהרען אונטער דער חופה מיט דעם זעלבען פערברעכער, וועלכען ער האט ערשט פערשריעבען קבורת חמור, דער זעלבער חיים יעקב, וועלכער האט נע׳גנב׳עט דיא בלינצעס און אנגעמאכט דעם טומעל מיט דיא ווייבער און מיט דיא שדים, איז גלייך נאכדעם א וועק אי־ווילאזענער ישיבה, וואו ער האט זעהר פלייסיג געלערענט, און ערשט נאך איינינע יאהר שפעטער, נאכדעם וויא דיא געשיכטע פון סקאנדאל איז שוין פערגעסען געווארען, האט חיים יעקב צוריק געקעהרט אין סקלאוו, וואו עס איז ארויס א קלאנג אז ער איז קלאר טויזענד בלאט גמרא אויסוועניג, און דער כבוד התורה

האט איהם פערשאפט דאס גליק צו ווערן ר׳ געטציל שמערילס איידעם און צו בעקומען זיין יונגע שעהנע אייניקעל פאר א ווייב.

דעם ערשטען טאג נאך דער חתונה, האט אבער דער לעבענסלוסטיגער חיים יעקב בעגאנגען דיא אונפארזיכטיגקייט צו פער טרויען זיין יונגע שעהנע פרוי זיינע פערגאנגענהייט, דיא זעלבע האט עס ערצעהלט איהר אלטע באבען, און דיא אלטע האט עס איבערגעגעבען איהר געטציל שמערלען, וועלכער איז שיער פון הויט ניט ארויסגעשפרונגען, הערענדיג אז זיין איידעם איז דער זעלבער תכשיט, וועלכער איז פערשריעבען אין פנקס פאר קבורת חמור, וואס עס האט נאכהער פאסירט, וויא ער האט איהם געשלעפט צו יחזקאל דעם דיין איהם צווינגען צוגעבען א גט, און וויא דערזעלבער חיים יעקב איז ווידער פערשוואונדען געווארען פון שטאדט, איז שוין דעם לעזער בעקאנט.

ז.

וואהרע ליעבע און טרייהייט.

מיט חיים יעקב׳ס פערשוויגדען, איז ניט נור ר׳ געטציל שמעריל מיט זיין אלטע געבראכען געווארען, בייא דעם אינערוואַרטעטען אונגליק, איז אויך דיא האפפענונג פון א צווייטען מענש פערלארען געגאנגען. ר׳ זבדיה דער אלמן, וועלכער איז געוועזן איינער פון דיא רייכסטע בעלי בתים אין שטאדט, און דערצו נאך בעריהמט פאר א מדינה חכם, בייא וועלכען מען פלעגט קומען פרעגען עצות פון אלע זייטען, האט געווארפען איין אויג אויף ר׳ געטצילס שעהנע אייניקעל, וועלכע ער האט זעהר געליעבט, נאר אזוי וויא חיים יעקב׳ס תורה האט אריבערגעשטיגען זבדיה׳ס רייכטהום מיט זיין חכמה, האט דער פרומער ר׳ געטציל שמעריל דעם ישיבה בחור געגעבען דעם פארצוג.

נאטירליך האט דער שטאלצער זבדיה וועלכער האט די יונגע שעהנע אסתר ליידענשאפטליך געליעבט, געקריצט מיט דיא צייהנער אויף ר׳ געטציל שמערלען פארוואס ער האט איהם אזוי בעליידיגט און האט פארגעצייגען דעם ארעמען ישיבה בחור פאר איהם, זיין צארן איז אבער נאך פיעל שטארקער געווארען ווען ער איז ערפאהרען, אז פאר דעם בעטראג פון פיער הונדערט רובל האט חיים יעקב געוואלט געבען גט, נור צוליעב דעם אלטענס קארגהייט איז פון דער אפמאך ניט געווארען. מיט א ווילדע אויפרעגונג איז ער אריינגעלאפען בייא ר׳ געטציל

שמערלען אין הויז, און האט איהם געמאכט דיא ביטערסטע פּאָרווירפע מיט דיא ווערטער.

— איהר דארפט אייך שעהמען אין אייער ווייטען האלז, אז צוליעב לומפּיגע פיער הונדערט רובעלס האט איהר אייער איינקעל געמאכט פאר א וויסטע עגונה ווען איהר וואלט עס מיר געזאָגט, וואָלט איך מיט פערגניגען דאס געלד געגעבען, וואָס פאר א ראָלע שפּיעלען בייא מיר איינינע רובל, וואו עס האנדעלט זיך צו ראַטעווען א אידישע טאָכטער?

— ווען איהר מיינט עס ווירקליך ערנסט, האט געטציל שמעריל נאך א קורצען נאכדענקען זיפצענדיג געענטפערט, דאן וועל איך אייך מאכען א פאר־שלאג.

— וועלכען פארשלאג ווילט איהר מיר דען מאכען?

— נעהמט אייך דיא מיהע אויפצוזוכען דעם פושע ישראל, און פאלס אייך וועט געלינגען ארויס צו קריגען פון איהם א גט, דאן וועל איך וויסען מיט וואס אייך דאנקבאר צו זיין.

דער חיטרער זבדיה, וועלכער האט פערשטאנען וואס געטציל שמעריל מיינט מיט דיא ווערטער, איז מיט דעם פארשלאג צופריעדען געוואָרען, מיט א פולע הארץ מיט האָפפענונג האָט ער זיך גלייך געווענדעט צו דיא שעהנע אסתר, און האָט איהר געטרייסט מיט דיא גוטע בשורה אז ער וועט ניט רוהען און ניט ראשען ביז ער וועט איהר פערשאפען א גט פון איהר ניעדערטרעכטיגען מאַן, אבער ניט נענוג וואָס דיא שעהנע אסתר האט איהם צומאל דאפיר ניט געדאנקט זיא האָט איהם זאָגאר דערויף גאר ניט געענטפערט, גאר זבדיה, וועלכער האָט עס אָנגענומען פאר שאמהאפט אין יוגענדליכע אונשולד, האט דאדורך זיין טוטה ניט פערלאָרען, מיטגעהמענעיג מיט זיך א געהעריגע סומע געלד און זיינע נויטהיגע זאכען, האט ער גלייך אונטערנומען דעם וועג זוכען זיין קאנקורענט, דער מדינה חכם האט זיך אָבער באלד איבערצייגט אז זיינע מיהע איז אומזאנסט, אומזאנסט האָט ער צוויי מאנאטען לאנג זיך ארומגעטריבען פון איין ישיבה צו דער צווייטע, פון חיים יעקב'ען איז ניט געוועזן צו הערען און צו זעהען, ער איז שפורלאָז וויא אין וואסער א ריין, און ענדליך האט ער געמוזט צוריקקעהרען א היים מיט א ביטערע הארץ.

טראצדעם וואָס זבדיה האט זיין ציעל ניט ערדייכט, איז דאך זיינע ליידענשאפטליכע ליעבע צו דיא יונגע שעהנע אסתר ניט אויסגעלאשען געוואָרען, ער איז געוואָרען זעהר איין אפטער איינגעהער אין ר׳ געטציל שמעריקס הויז.

און האט געזוכט דיא התקרבות פון דיא שעהנע פויגעלע, וועלכע איז ארויס־געפלויגען פון זיין שטייג.

וועהרענד אבער איהרע עלטערען און פיעלע פרעמדע האבען בעוויינט דעם שיגזאל פון דיא יונגע ענונה, האט אסתר איהר האפפענונג ניט פערלארען, זיא איז אין איהר מאנס ריינע ליעבע צו איהר איבערצייגט געווען. און ניט אין איין אויגענבליק האט זיא געצווייפעלט אין זיינע טרייהייט, זיא האט געוואוסט אז איהר יעקב חיים וועט איהר ניט לאזען זיצען איין אויביגע ענונה, און ער וועט ענדליך צו איהר צור־ריק קומען. איהר האפפענונג איז דאדורך פיעל שטארקער געווארען, ווייל גראדע א צייט שפעטער זייט איהר מאן האט געמוזט אנטלויפען פון סקלאוו, איז איהר גרויס פאטערס איינציגער זוהן געשטארבען, און דעם אונערווארטעטען אונגליק האט דער אלטער געטציל שמעריל בעטראכט פאר א שטראף אויף איהם, דער־פאר וואס ער האט וועה געטהאן זיין אייניקעל דיא יתומה, און האט פערטריבען איהר מאן פון איהר, ניט איין מאל האט דער אלטער זיידע, וועלכער האט גע־פיהלט אמת'ע געוויסענס ביסע, זעהענדיג וויא זיין שעהנע אייניקעל פערברייננגט איהר בעסטע יונגע יאהרען איינזאם און טרויעריג, איהר געבעטען אום ענ־טשולדיגונג פאר דעם אונגליק, וועלכען ער האט אויף איהר געבראכט, און האט איהר געזוכט צו טרייסטען און צו בערוהיגען, און דיא ענדערונג, וועלכע דער טרויעריגער צופאל האט אויף דעם אלטען געטציל שמערלען געבראכט, האט דיא ארעמע אסתר צוגעגעבען מוטה און האפפענונג, דיא גאנצע צייט האט זיא דעם אונפערשעהמהען זבדיה, וועלכער האט איהר פערפאלגט מיט זיינע גליהענדע ליידענשאפטליכע בליקען, אויסגעווייכט וויא דיא פעסט, לעצטענס אבער ווען ער איז צו איהר צו געשטאנען מיט זיינע פרעכע ליעבעס ערקלערונגען, האט זיא מיט א שטאלצע מוטהיגע מינע אויסגעשריען.

אונפערשעמטער גאטלאזער מענש! וויא וואגסט דוא צו ריידען אזעלכע רייד אין דיא אויערן פון א אשת איש? ווען דוא וועסט נאך א מאל וואגען צו קומען צו מיר מיט אזעלכע ווערטער, וועל איך עס עפענטליך אלעמען ערצעהלען און דוא וועסט ווערען צו שפאט און צו שאנדע אין שטאדט!

זבדיה איז אויפגעציטערט געווארען, אויף אזא פינסטערע מפלה פון דיא שעהנע אסתר האט ער זיך גאר ניט געריכט, זיך שעהמענדיג וויא א גנב האט ער דיא שעהנע עהרליכע אסתר געבעטען רחמים אז זיא זאל ניט פערשווארצען זיין גוטען נאמען אין שטאדט, און נאכדעם וויא ער האט איהר געשווארען מיט דיא הייליגסטע שבועות, אז ער וועט איהר מעהר ניט בעלעסטיגען מיט זיינע ליעבע

ערשט דאן האט זיך אסתר בערוהיגט, און זיא האט מיט איהם וויא אימער וועניג פערקעהרט, און זבדיה דער אלמן האט ווירקליך זיין ווארט געהאלטען, דעם זיסען חלום צופאנגען דיא שעהנע אסתר אין נעטץ פון זיינע ליעבע, האט ער זיך ענדליך ארויסגעשלאגען פון זיין קאָפּ, און נאך אין דעם זעלבען מאנאטה, האט ער זיך פערבונדען מיט איין אנדער פרוי.

ח.

דער בורח:

יעקב חיים איז געוועזן איינער פון דיא פעסטע חאראקטערע, וועלכע ווען עס איז איהם איינגעפאלען צו מאכען א שפּאס, האט ער זיך דעם טייפעל ניט פּאר־געשטעלט, זיין אונגליק איז אָבער געוועזן זיין שוועכע וואָס ער האט ניט געקענט האלטען קיין סוד, מיט זיין לייבט זין האט ער אזוי וויט געטריבען, אז נאך יעדען שפּיצעל וועלכען ער פלעגט אפּטהאן, פלעגט ער אליין מיט זיינע בעריהמערייא זיך פערראטהען, און ניט איין מאָל האט ער דאדורך געהאט קורצע אפּגעשניטענע יאָהרען.

יעקב חיים איז געווען א קינד פון אָרעמע עלטערען פון דיא שטעדטיל לביש אין וועלכע עס האבען זיך קוים געפונען פינפציג אידישע פאמיליעס, זיין פאטער איז געוועזן דער קבורת מאן אין שטעדטיל, און אזוי וויא ער האט אפט געהאט דיא געלעגענהייט צו זעהען מתים, מיט וועלכע זיין פאטער האט ניט געמאכט קיין בעזאנדערע צערעמאניעס, האט זיך בייא איהם ניט איינגעבירגערט דער שרעק פאר מתים און פאר שדים, און פון זיין פריהעסטען יוגענד האט ער ניט געוואוסט וואָס עס הייסט מורא האבען.

נאך זיין פאטערס טויט איז ער געבליעבען א איינגעל פון צעהען יאהר, ניט האָבענדיג וואָס צו טהאן און זיין געבורטסשטעדטיל, איז ער אוועק אין איינע פון דיא דערבייאיגע ישיבות, ער האָט אבער דארט לאנג ניט געקענט פערבלייבען, איהם איז איינגעפאַלען דעם משגיח פון דער ישיבה, וועלכער האט איהם בייא טאג געשלאגען, אָפּצוטהאן א שפּיצעל, אז ער זאל איהם האבען צו געדענקען, אין דיא זעלבע נאכט, ווען דער משגיח האט געשלאָפען, האט ער זיך איינגעוויקעלט אין א ווייסען קיילאך, און איז איהם איבערפאלען דריקענדיג זיין האלז שרייענדיג מיט א ווילדע שטימע, דעם יאהר וועסט דוא שטארבען!

מען קען זיך דענקען דיא ווירקונג, וועלכען דער טויטשרעק האט אויף דעם

משגיח געמאכט, דער אונגליקליכער איז פון אימה ארייגעפאלען אין א שווערע היצקראנקהייט, און האט שיער ניט מיט זיין לעבען בעצאהלט, דער סוף אבער פון דיא קאמעדיע איז געווען, אז דער שפאספויגעל האט זיין געהיימניס אליין אויס-געפלוידערט, און ווען ער וואלט זיך ניט געאיילט צו מאכען פליטה, וואלט איהם דעם משגיח׳ס וייב א גאנצען ביין ניט געלאזען.

אין דיא זעלבע צייט, ווען אונזער יונגער העלד איז ענדליך מגולגל געווארען אין סקלאווער ישיבה, האט דיא רעגירונג ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז קרוינס לעהרער זאלען א שטונדע אין טאג לערנען מיט דיא ישיבה בחורים דיא לאנדעס-שפראכע און דיא ערשטע רעגעלען פון רעכענען, יעקב חיים וועלכער איז געווען קלוג גענוג אום דיא גוטע געלעגענהייט אויס צו ניטצען, האט זעהר פלייסיג גע-לערענט, און האבענדיג גוטע פעהיגקייטען און א פעסטען ווילען, האט ער אין א קורצע צייט אזוי וייט געבראכט, אז דיא לעהרער האבען זיך ניט געקענט אפ-וואונדערען איבער איהם, און זייא האבען איינשטימיג ערקלעהרט אז ער איז צו וואס גרויסעס געשאפען.

נאכדעם וויא ער האט איבער זיין לייכט זין צום צווייטען מאל געמוזט אנ-טלויפען פון שטאדט, איז ער אויף זיין שעהנע יונגע פרוי ניט בייז געווען פאר-וואס זיא האט אויסגעפלוידערט זיין געהיימניס איהר באבען, דען ניט ווילענדיג האט ער געמוזט צוגעבען, אז נור ער אליין האט שולד אין זיין אונגליק, ער האט דאך ניט געקענט פערלאנגען פון דיא יונגע אונערפארענע אסתר אז זיא זאל מיט איהר מויל פארזיכטיגער זיין פון איהם, אין נאך א קורצען קאמפף מיט זיך, איז בייא איהם געבליעבען אז ער זאל איהר ניט געבען קיין גט פאר קיין געלד אויף דער וועלט, דער אלטער געטציל שמעריל וועט אייביג ניט לעבען, האט ער צו זיך אליין געזאגט, און קוים וועט ער נאר צומאכען זיינע אויגען, וועל איך צוריק קעהרען צו מיין געליעבטע פרוי, און וועל מיט איהר לעבען גליקליך און צו פריעדען!

מיט דעם פעסטען ענטשלוס האט יעקב חיים פערלאזען סקלאוו און טרעפענ-דיג דעם ערשטען בעסטען בעל עגלה, וועלכען ער האט בעגעגענד אונטערוועגענס, איז ער מיט דעם זעלבען גלייך מושווע געווארען איבער דעם פרייז, וועלכען ער האט פון איהם פערלאנגט, און אהנע וועלכען בעשטימטען ציעל פאר זיך צו האבען איז ער האסטיג ארייגעשפרונגען אין פוהר, און האט זיך געלאזען פיהרען פון צו-פאל.

שפעטער נעגען אבענד האט דער בעל עגלה אנגעהאלטען בייא א גרויסע

קרעטשמע, אין וועלכע ער האט בעשלאסען צו בלייבען נעכטיגען, יעקב חיים וועלכער איז געווען זעהר אויפגערעגט פון זיין ציעללאזען לויפען און מיעד פון וועג, איז פון דעם בעל עגלה׳ס ענטשלוס זעהר צו פריעדען געוואָרען, ער האָט גלייך געדונגען ביי דעם קרעטשמער א בעזונדערן צימער, אין וועלכען ער האט זיך גאנץ אליין פערשפארט, אום ער זאל קענען האבען דיא מעגליכקייט אונגעשטערט נאכצודענקען וואס ער זאל ערשט טהאן, אין וועלכען וועג ער זאָהל אונטערנעהמען.

אריינקומענדיג אין צימער, האָט זיך חיים יעקב געמאכט גאנץ בעקוועם, ער האט א ראפגעווארפען פון זיך זיין מאנטעל מיט דיא היטעל פון זיין קאָפּ, פערגעסענדיג דערבייא וועלכע ראלע ער האָט ביז יעצט געשפיעלט. דאן האט ער גענומען פלאטץ נעבען א קליינעם טישעל, אויף וועלכען ער האט אנגעשפארט זיין קאָפּ מיט ביידע הענד און האט זיך שטארק פערטיעפט אין זיינע טריבע געדאנקען.

אבער אין דעם אויגענבליק, ווען פערשיעדענע פלענער זיינען וויא בליצען דורכגעפלויגען זיינע געהירען, און עס איז איהם אומעגליך געווען צו קומען צו וועלכען ענטשלוס, איז דיא טהיר מיט שטורם פלוצלונג אויפגעריסען געווארען, און דער קרעטשמער אין בעגלייטונג פון א ציגאוניק זיינען מיט פעסטע טריט אריין אין צימער.

אין דעם ערשטען אויגענבליק, איז חיים יעקב געבליעבען שטעהען וויא א געלעהמטער, ער האָט געגלויבט אז זיין שווער ר׳ געטציל שמעריל האט אונטער געשיקט דעם ציגאָוניק איהם צו פאקען, און ניט וויסענדיג וואס ער זאָל ביי דער פערלעגענהייט טהאָן, האָט ער געווארפען צושראקענע בליקען אויף דיא ביידע אונגעריכטע געסט.

— האסט דוא דען ניט געהערט וואָס איך האָב דיר געזאָגט ? האט דער בעל אכסניה ערגערליך אויסגערופען, נעה שנעל ארויס איך דאַרף דעם צימער האבען פאר דעם אדון !

הערענדיג אז דאָ האנדעלט זיך ווענען צימער ניט ווענען זיין פערזאָן, האָט יעקב חיים צוריק זיין מוטה בעקומען, און שטעלענדיג איינינע טריט נעהענטער צום קרעטשמער, האָט ער אין א ריינע ריכטיגע רוסישע שפראכע זיך געווענדעט צו איהם מיט דיא ווערטער.

— איך מוז אייך צו ערשט אויפמערקזאם מאכען, אז עס איז געגען דרך

ארץ וואס איהר רעדט מיט מיר אידיש אין געגענוואדט פון דעם בעאמטען, וועלכער פערשטעהט ניט איין ווארט פון אונזער שפראכע.

— איך בין ניט געקומען לערנען פון דיר דרך ארץ! האט דער קרעטשמער אין א געבראכענע רוסיש ערגערליך ערוויעדערט, איך בעפעל דיר נור אז דוא זאלסט ריימען דעם צימער.

— דוא האסט ניט דאס רעכט אויף מיר צו בעפעהלען! האט יעקב חיים איהם אויך זאגענדיג דוא, מיט א פעסטע שטימע אויסגעשפראכען, איך האב דעם צימער בייא דיר איבער נאכט גדונגען, און ער געהערט געזעטצליך מיר, ווען איך וועל עס טהאן, דאן טהוא איך עס נור צוליעב דעם העררן, אבער ניט צוליעב דיר!

— איהר האט פאלקאם רעכט! האט דער צינאווניק ארויפקריעכענדיג א האנד אויף יעקב חיים׳ס שולטערן, מיט א צופריעדענעם שמייכעל אויסגעשפראכען וויא מיר שיינט, מוזט איהר גאר ניט זיין פון דער געגענד, דען איהר רעדט דיא לאנדעס שפראכע ריכטיג און געלויפיג, מיר איז אייער געזעלשאפט גאנץ אנגענעהם, אויב איהר ווילט וועלען מיר צוזאמען נעכטיגען אין דעם צימער.

יעקב חיים׳ס געזיכט האט אויפגעשטראהלט פון פריידע, ער האט אבער דערויף ניט געענטפערט, און האט זיך נור העפליך פערנייגט.

— וואס שטעהסט דוא וויא א פלאקען? האט דער צינאווניק זיך ווענדענדיג צום פערוואונדערטען קרעטשמער מיט א בעפעהלענדע שטימע אויסגעשריען טראג שנעל אריין א צווייטע בעט, דוא הערסט דאך אז מיר וועלען דא צוזאמען נעכטיגען!

מורענדיג אונטערן נאז האט דער קרעטשמער גלייך פערלאזען דעם צימער און ארייננעהענדיג צוריק אין דיא גרויסע שענק שטוב, וואו דיא איבעריגע אורחים זיינען געזעסען, האט ער אלעמען ערצעהלט דעם וואונדער, אז דער יונגערמאן, וועלכער איז מיט זייא צו זאמען געקומען און ווייסט אויס צו זיין א ישיבה בחור אדער א פרוש, זיצט אין צימער אהן א היטעל און רעדט רוסיש וויא אן עכטער גוי.

— וואס איז דאס פאר א וואונדער? האט איינער פון דיא אורחים ערנסט איסגערופען, מסתמא איז ער א משומד!

— אנדערש קען עס דאך ניט זיין! האבען דיא איבעריגע אורחים צו געשטימט.

מ.

דיא שרעקליכע ערשיינונג.

דאס האט פאסירט צו דיא ערשטע סליחות, א גרויסער עולם, וועלכער איז געגאנגען צוריק פון דיא בתי מדרשים, האבען בעלאגערט ר׳ געטציל שמעריל׳ס הויז, און וויא עס האט אויסגעזעהן האט דארט וואס בעזאנדערס געמוזט פאסירען. דער עולם האט זיך שטארק געקאכט, געלארעמט און געפילדערט, און איינער האט דעם צווייטען איבערגעשריען.

— שטייטץ, ר׳ געטציל שמערלען זאל אזוי וואס מ׳עפען! מען זאגט אז א מת איז איהם איבערפאלען.

— השם יתברך זאל זיך מרחם זיין, ער האט געבאך געהאט א בייזע בעגעגעניש!

— דער מת האט איהם שיער ניט דערווארגען!

— רחמנא יצילינו דאס איז נאך ניט געהערט געווארען!

— מען האט איהם א טויטען א רייגעטראגען צוריק אין הויז!

— וואלט איך מעהר וויא זיין קאפ ניט אנווערען! האט איינער פון דיא פערזאמעלטע אריינגעמורמעלט דעם צווייטען אין אויער, וועניג קבורה געלד האט ער געריסען פון ארעמע מתים?

— געוויס האט ער עס כשר פערדיענט, האט דער צווייטער צוגעשטימט, וואו איז עס געהערט געווארען צו פעריאגען א מאן פון א ווייב, און אונגליקליך צו מאכען איין אייגענע אייניקעל צוליעב א פוסטע נאררעשקייט? גאט ווארט לאנג, ער בעצאהלט אבער עהרליך!

אין דיא זעלבע צייט׳ ווען דער פערזאמעלטער עולם האט אזוי געשטורעמט און געלארעמט, האט זיך אין הויז פאלגענדע סצענע אפגעשפיעלט, ר׳ געטציל שמעריל איז געלעגען אין בעט, זיין קאפ איז געווען פערבונדען מיט א נאסע טוך זיינע אויגען זיינען געווען איינגעגראבען טיעף אין זייערע לעכער, און זיין געזיכט איז געווען לייבענבלאס, ארום זיין בעט זיינען געזעסען אייניגע עלטערע חברה קדישא לייט, אונטער וועלכער אונזער בעקאנטער זבדיה, וועלכער איז אונטערדעסען צום צווייטען מאל אן אלמן געווארען, האט זיך אויך איינגעפונען, אייניגע טריט וויטער נעבען א טיש איז געזעסען דער שרייבער פון דער חברה מיט א פעדער אין דער האנד ווארטענדיג אויף א בעפעהל וואס צו שרייבען. פלוצלונג האט דער קראנקער געעפענט זיינע פערגלעזערטע אויגען, און בעטראכטענדיג אלע ארומיגע מענשען

האט ער מיט א שוואכע קוים הערבארע שטימע בעגייסטערט אויסגערופען!

— גאט זיי דאנק, איך לעב נאך! ערשט וועל איך טהאן וויא גאט האט מיר געהייסען דורך זיין שליח!

— ר׳ געטציל שמעריל! האט גבריאל דער נאמן דער ערשטער זיין ווארט גענומען, שפירט איהר איך ערשט קרעפטיגער געגוג אונז צו ערצעהלען וואס מיט איך האט פאסירט?

— גאט ב״ה איז א רחום וחנון! האט דער קראנקער מיט א ציטערענדע שטימע ערוויעדערט, ער האט מיר מיינע שוואכע כחות אויף א קליינע ווילע צוריק געגעבען, אום איך זאל קענען גוט מאכען דעם פעהלער, וועלכען איך בין בעגאנגען.

— רבותי! האט דער קראנקער אפציהענדיג שווער זיין אטהעם מיט א וויינענדע שטימע ווייטער געזאגט, איך בין מיר פאר אייך מתודה, איך האב א גרויסען פערברעכען בעגאנגען דערימט, וואס איך האב צו שיידעט א מאן פון א ווייב, איך האב פעראונגליקט מיין אייניקעל אסתר דיא ארעמע יתומה, איך האב פעריאגט פון איהר איהר מאן, וועלכער איז אויך א יתום, און צוליעב וואס? צו ליעב א קינדערשע צולאזענקייט, וועלכע ער האט אלס איינגעל געטהאן, איך האב שוין לאנג חרטה געהאט אויף דעם פעהלער, וועלכען איך בין בעגאנגען, און ווען איך וואלט געוואוסט וואו דער פערטריבענער חיים יעקב געפינט זיך, וואלט איך איהם שוין לאנג צוריק געבראכט.

— דאס איז מעהר ניט וויא רעכט, האט איינער פון דיא חברה קדישא לייט ערנסט אויסגעשפראכען, זאגט אונז אבער ר׳ געטציל שמעריל, וואס האט דיא נאכט מיט אייך פאסירט?

— דיא נאכט! האט דער קראנקער מיט ציטערענד ליפען אוים געמורמעלט אך, איך וועל איהר ניט פערגעסען ביז מיינע לעצטע מינוטען. איך בין אויף גע־שטאנען צו סליחות זעהר פריה, דרויסען איז געוועזן זעהר פינסטער און אויף דיא גאסען איז נאך קיין לעבעדיגער מענש ניט געוועזן צו זעהען, פלוצלונג ווען איך בין שוין געוועזן ניט וויט פון שוהל, האב איך פאר דעם שיין פון דיא וועקסענע ליכט וועלכע איך האב געהאלטען אין מיין האנד, דערזעהען א מת מיט א לאנגען גראען בארד, איינגעוויקעלט אין ווייסע תכריכים. מיינע פיס זיינען מיר פון שרעק וויא אונטערגעהאקט געווארען און איך בין געבליעבען שטעהען וויא א געלעהמטער פלוצלונג האב איך דערהערט א שטימע וויא פון אונטער דר׳ערד אויסשרייענדיג דיא ווערטער.

— געטציל שמעריל, דעם יאָהר וועסט דוא שטאַרבען!

מיר איז פינסטער געוואָרען אין מיינע אויגען, מיינע הענד האָבען גענומען ציטערען, דיא ליכט איז ארויסגעפאַלען און פערלאָשען געוואָרען, אבער אין דעם אויגענבליק, ווען איך בין שוין געווען פערטיג צו פאַלען אין א טויט הלשות, האָב איך ווידער דערהערט דעם טויטענס שרעקליכע שטימע, זאָגענדיג דיא ווערטער.

— דוא האָסט א גרויסע זינדע בעגאַנגען דערמיט וואָס דוא האָסט צו שיידט א מאַן פון א ווייב, וועלכע זיינען ביידע יתומים, דוא מוזט וויסען אז איך בין חיים'ס געשטאָרבענער פאָטער, און איך בין געקומען דיר מזהיר זיין, אז דוא זאָלסט מיין זוהן צוריקקעהרען צו זיין ווייב, און מיט איהם פריעדען שליסען, דוא וועסט איהם געפינען אין גמלה, און אז דוא וועסט מיר געהאָרכען, וועל איך בעטען גאָט פאַר דיר, און דוא וועסט בלייבען לעבען.

מעהר האָב איך שוין ניט געהערט וואָס דער מת האָט צו מיר געזאָגט, דען איך בין גלייך געפאַלען אין א טיעפען אונמאַכט, ווען מען האָט מיר געבראַכט צוריק אין מיין הויז און איך בין ענדליך צו זיך געקומען, האָב איך מיר דערמאָנט אז ערשט מיט איינגע וואָכען צוריק איז מיר געקומען צו חלום מיין פערשטאָרבענע טאָכטער אסתר'ס מוטער, און האָט מיר ביטערע פאָרווירפע געמאַכט איבער דעם שיקזאַל פון איהר קינד, לכן רבותי פערלאַנג איך פון אייך, אז איהר זאָלט אויס־מעקען פון אונזער פנקס דאָס וואָס מיר האָבען מיט פינף יאהר צוריק פערשריבען און איך נעהם מיר פאַר, אז אין דעם טאָג ווען גאָט וועט מיר אויפהויבען פון מיין קראַנקע בעט, וועל איך גלייך פאָהרען אין גמלה און וועל דעם פערשטויסענעם יעקב חיים צוריק ברייגנען אין מיין הויז, און ער וועט זיין מיין איינציקער יורש.

אלע פערזאמעלטע זיינען אויפגעציטערט געוואָרען אויסהערענדיג דיא זאָנדערבארע געשיכטע פון דיא שרעקליכע בעגעגנעש מיט דעם טויטען, קיינער האָט ניט געוואָגט צו צווייפלען אין דיא ווארהייט פון דעם מערקווירדיגען צופאַל דער איינציגער וועלכער האָט געמאַכט א מיסטרויאישע מינע, איז געווען זבדיה דער מדינה חכם, ער איז געבליעבען זיצען שאָקלענדיג מיט זיין קאָפּ און א גיפטיגער שמייכעל איז אריבער איבער זיינע ליפּען.

— איך פערשטעה נים, האָט חשביה דער בעל מחשבה זיך ווענדענדיג צו זבדיה דעם אלמן, פערדריסליך אויסגעשפּראָכען, פאַרוואָס שאָקעלט איהר אייגענטליך מיט אייער קאָפּ!

— גאנץ איינפאך, האט זבדיה מיט געוויסהייט ערווידערט, ווייל איך גלויב ניט אין דיא אלע וואונדער.

— דאס ! איהר גלויבט ניט ? האבען איינינע פון דיא פערזאמעלטע אין איין קול אויסגעשריען, זייט ווען זייט איהר עס געווארען אן א פקורס ניט צו גלויבען אין מתים ?

— איך בין ניט קיין אפקורס ! האט זבדיה מיט א פעסטע שטימע אויסגערופען, איך האב נור אפענע קלארע אויגען, איך זעה דיא זאך מיט איהרע ריכטיגע פארבען, איך בין זיכער, אז דיא זעלבע האנד, וועלכע האט מיט פינף יאהר צוריק גע׳גנב׳עט דיא בלינצעס, און אנגעשיקט אויף אייך דיא שדים מיט דיא מזיקים, דיא זעלבע האנד האט דא ערשט מיט אונזער ר׳ געטציל שמערלען דיא זאנדערבארע קאמעדיע געשפיעלט.

— היה לא תהיה ! האט חשביה דער בעל מחשבה אויסגעשריען, וועמען ערצעהלט איהר מעשית פון פוסטע קאמעדיעס ? ר׳ געטציל שמעריל האט דאך דעם מת געזעהן מיט זיינע אויגענע אויגען, אין יעקב חיים איז דאך גאר אין שטאדט ניטא, ווער פערשטעהט דא ניט, אז זיין פערשטארבענער פאטער האט זיך בעוויזען, אום זיך אנצונעהמען פאר זיין אבידע ?

אלע פערזאמעלטע האבען געגעבען חשביה דעם בעל מחשבה רעכט, ר׳ געטציל שמעריל אליין איז אויך זעהער צופריעדען געווארען פון זיינע רייד, ענדליך איז דיא געשיכטע בעקאנט געווארען אין שטאדט און אלע האבען מיט דיא גרעסטע אונגעדולד ערווארטעט יעקב חיים׳ס צוריק קומען. נאר ר׳ געטציל שמעריל׳ס קראנקהייט האט זיך פערשלעפט און האט איהם צוויי מאנאטה צוגעהאלטען אין זיין קראנקע בעט, און ווען ניט דיא שעהנע בליהענדע אסתר וואלט ניט אויפגעפאסט איהר אלטען זיידען, וועלכענס לעבען עס איז איהר ערשט דאפעלט טהייער געווען, וואלט אונזער ר׳ געטציל פיעללייכט געווען שון א גאסט אין דיא בעסערע וועלט.

זיך זעלבסט פערראטהען.

ענדליך איז געקומען דער ערווארטעטער טאג, אין וועלכען חיים יעקב האט זיך צוריקגעקעהרט אין דיא שטאדט, פון וועלכע ער איז מיט שאנדע און מיט

שרעק צוויי מאל אנטלאפען, ר' נעטציל שמעריל האט זיין ווארט געהאלטען, ער האט ווירקליך געשריעבען א צואה, אין וועלכע ער האט זיין איידעם געמאכט פאר זיין אייגציגען יורש, דיא יונגע שעהנע אסתר, וועלכע איז אונטער דער צייט נאך פיעל שעהנער און רייצענדער געווארען, איז מיט איהר מאנס צוריק קעהרען איבערגליקליך געוועזען. און יעקב חיים האט אין איהרע ארעמס פערגעסען אלע זיינע ליידען, דיא נעגעווארט האט איהם רייכליך בעצאהלט פאר זיינע טרויעריגע פערגאנגענהייט, און ער האט זיך געשעטצט הערכסט גליקליך און זעהר צו־פריעדען.

זעלבסט דיא שטאדט לייט האבען איהם עמפפאנגען בכבוד גדול, מען האט איהם אנגעוויזען דעם העכסטען ארט אין בית|המדרש, און מען פלעגט איהם מכבד זיין מיט דיא בעסטע עליות, און ווען מען האט זיך ענדליך דערוואוסט אז ער איז מעכטיג אין דיא לאנדעס שפראכע, האט מען איהם געמאכט פאר דעם קהל'ישען שרייבער, דיא שטעלע איז געוועזען ניט נור איינטרעגליך, זאנדערען זיא האט געמאכט דעם אידישען ציגאוויניק פאר א הערשער, פאר וועלכען דיא שטאדט לייט האבען רעספעקטירט און מורא געהאט.

זבדיה דער אלמן, וועלכער האט זיך געהאלטען פאר א מדינה חכם, איז יעקב חיימ'ען ארויס אנטקעגען, ער איז געוועזען דער ערשטער, וועלכער האט איהם עמפפאנגען מיט כבוד און האט איהם געציינט צייכענס פון אכטונג און פון פריינדשאפט, ביז דער לייבטזיניגער יעקב חיים, וועלכער איז געוועזען א שוואכער מענשענקענער, האט איהם ענדליך געשאנקען זיין גאנצען צו פערטרויען, און האט מיט איהם געשלאסען א בונד פון בריעדערליכע ליעבע און פון וואהרע פריינדשאפט.

ווען דיא עהרליכע אונשולדיגע אסתר וואלט געהאט דעם מוטה צו פער־טרויען איהר מאן, אז דער זעלבער זבדיה, וועלכען ער בעטראכט ערשט פאר זיין בעסטען פריינד, האט אין דיא צייט פון זיין אבוועזענהייט געווארפען זיינע אויגען אויף איהר, און האט געזוכט איהר אריינצוציהען אין נעטץ פון זיינע ליידענשאפט־ליכע שמוציגע ליעבע, מעגליך אז זיא וואלט איהם דערמיט צוריקגעהאלטען פון דיא פריינדשאפט מיט דעם געפעהרליכען מענשען, וועלכען זיא האט פערהאסט און פעראכטעט, אסתר האט זיך אבער געשעהמט דיעזעס געהיימניס איהר מאן אנ־צופערטרויען, זיא האט זיך נור בענוגענט מיט טרוקענע ווערטער מיט א טרוקענע ווארנונג, אז פון דיא פריינדשאפט וועט קיין גוטעס ניט ארויס קומען, דעראיבער האט יעקב חיים איהר ראטה ניט געהארכט, בעהויפטענדיג אז דאס איז נור א

ווייבערשע שרעק, און ער אלס מאן קען דיא וועלט מיט דיא מענשען בעסער און ווייס וויא פארזיכטיג צו זיין.

און דער דורכגעטריעבענער זבדיה האט געוואוסט יעקב חיים׳ס לייכטזין וויא אוים צו ניטצען פאר זיך, ער האט ניט אויפגעהערט איהם צו לויבען, צו בע־וואונדערען זיין תורה מיט זיינע קענטניסע, און איהם צו געבען דעם גרעסטען כבוד, און יע מעהר דער שלויער פוקס האט זיך צו איהם צו געשמייכעלט און איהם געמאכט קאמפלאמענטען, דעסטא מעהר ווערטה האט יעקב חיים געלייגט אויף זיינע פריינדשאפט, און ענדליך איז אזוי ווייט געקומען, אז דער לייכטזינגער העלד וועלכער האט שוין ניט איין מאל געליטען איבער זיינע בעריהמעריי, האט דעם טייפעל אין מענשענגעשטאלט געשאנקען זיין גאנצען צופערטרויען, און ער האט פאר איהם געעפענט זיין גאנצעס הערץ.

אין א געוויסען אבענד, ווען דיא צוויי גוטע פריינד זיינען געזעסען פערשפארט אין א צימער און האבען זיך אינטים אונטערהאלטען, האט דער לייכטזיניגער יעקב חיים אויסגעפלוידערט פאר זבדיה׳ן זיינע אלע געהיימניסע. זבדיה האט גע־וואוסט וועלכע סטרונעס אין יעקב חיים׳ס הערץ אנצוציהען, ביז איהם איז גע־לונגען זיין ציעל צו ערייכען. זיין פערטרויטער פריינד האט איהם אויספיהרליך ערצעהלט אלעס וואס מיט איהם האט פאסירט זייט ער איז צום צווייטען מאל פון סקלאוו אנטלאפען.

— וויא אזוי קומסט דוא אבער צום טשינאווניק ? האט זבדיה מיט א פריינדליכען שמייכעל געפרעגט, עס פאדערט דאך מוטה אום מיט אזא מענשען בעקאנשאפט צו שליסען !

— מוטה האט מיר קיין מאל ניט געפעהלט, האט יעקב חיים מיט א שטאלצע מינע ערוויעדערט, ווען איך וואלט ניט געהאט קיין מוטה, וואלט געטציל שמעריל מיט מיר קיין שלום ניט געשלאסען, און מיין אסתר—

— וואס מיינסט דוא דערמיט ? האט זבדיה אריינפאלענדיג אין זיינע רייד נייגעריג געפרעגט.

— דוא ווילסט דאך צו ערשט וויסען וויא אזוי איך בין בעקאנט געווארען מיט דעם טשינאווניק ! האט יעקב חיים שמייכלענדיג ערוויעדערט, דאן מוסט דוא מיר צוערשט רוהיג אויסהערען, און ניט אונטערברעכען, דען זאנסט ווער איך מבולבל.

— גוט, ערצעהל, און איך וועל רוהיג הערען !

— מיט דעם טשינאווניק האב איך מיר צוזאמענגעטראפען אין א קרעטשמע

דורך מיינע קענטניסע אין דער רוסישען שפראכע האָב איך בייא איהם אין דיא אויגען בייפאל געפונען, און נאכדעם וויא מיר האָבען אונז א רעכט לאנגע צייט אונטערהאלטען, האט ער מיר געמאכט דעם פאָרשלאג, מיר מיט צו נעהמען אויף זיינע רייזען אין רוסלאנד.

— און דוא האסט זיין פארשלאג אָנגענומען?

— געוויס! וואס האָב איך געהאט אָנצואווערען? איך האב דאך קיין ציעל פאר זיך ניט געהאט, איך האָב עס בעטראכט פאר א גליק, און איך האב עס מיט פריידע אנגענומען, נאטירליך דאס האט פאסירט ניט גלייך, איך האב מיר נאך אונטערדעסען ארומגעטריבען פון איין ישיבה צו דער צווייטע, ביז דער לעבען איז מיר מיאוס געוואָרען צו שפיעלען אפאלשע צבוע׳שע ראלע, ביז איך האב ענדליך אויפגעזוכט דעם משינאָוואניק אין גוברניע, וועלכער איז שוין געווען פער־טיג זיין געפלאנטע רייזע צו אונטערנעהמען, און בין לסוף מיט איהם מיטגעפאָרען, צעהען מאנאט האבען מיר צוזאמען געררייזט אין פערשיעדענע געגענדען מיר זיינען געקומען אין אזעלכע שטעדט, אין וועלכע קיין אידישע פוס האָט נאך ניט בע־טראָטען.

— פון וואס האָסט דוא דיא גאנצע צייט געלעבט? האט זבדיה מיט בליצענדע אויגען געפרעגט?

— וואָס הייסט פון וואס? האָט יעקב חיים לאבענדיג געענטפערט, פון עסען און פון טרינקען!

— דוא האָסט דאָך אבער געזאָגט, אז אין יענע שטעדט זיינען קיין אידען נימא?

— איז וואָס? האב איך דעריבער געדארפט, אויסשפייען מיין נשמה? פון איוואנס שחיטה האב איך אויך מיין מאגען ניט פערדארבען, איבעריגענס מוזט דוא דאך וויסען דעם דין, אז פקוח נפש איז דוחה דיא גאנצע תורה.

נעוויס, נעוויס! האָט זבדיה מיט א הייכלערישען שמייכעל אויסגערופען דוא האָסט רעכט, גוים זיינען אויך מענשען, איך אויף דיינער שטעלע וואלט אויך דאס זעלבע געטהאן, וואָס איז אבער געווען דער סוף פון דיינע רייזען מיט דעם משינאָוואניק?

— דער סוף איז געווען, אז נאך אלאנגע שעהנע רייזע וואו איך האב מיר אָנגעזעהען א גרויסע וועלט, האבען מיר ענדליך צוריקגעקעהרט אין גוברניע, וואו דער משינאוואניק האט א קורצע צייט שפעטער בעקומען דיא שטעלע אלס גובער־נאטאר, מיין וואהלטהעטער האט מיר שטארק צוגערעדט אז איך זאל מיר טויפען

דאן וועט ער מיר געבען דיא בעסטע שטעלע אין זיין קאנצעלאריע און צוגלייכער צייט האט ער מיר פערשפראָכען מיט געוואלד ארויסצורייסען מיין ווייב פון גע־טציל שמעריל'ס נעגעל, איך האב אבער פון דעם פלאן ניט געוואלט הערען און זעהען, אלעס אויף דער וועלט וואָלט איך געטהאן, נור ניט טויפען זיך. און איך האָב מיר ענטשלאָסען ליעבערסט אליין מיין פלאן אויסצופיהרען.

— און דוא אליין ביסט עס געוועזן דער מת, וועלכער האט אויף דעם אכטען געטצלען געוואָרפען אזא טויט שרעק ? האט זבדיה מיט א שאלאנדען געלעכטער אויסגערופען.

— יא, איך אליין האב מיט דעם אלטען דיא קאמעדיע געשפיעלט ! האט יעקב חיים מיט א שטאלצען שמייכעל ערוויעדערט, איך האב מיין פלאן פערטרויט דעם טשינאווניק, דער זעלבער האט זיך געהאלטען אין דיא זייטען לאכענדיג, ער האט מיר גלייך מיטגעגעבען א קארעטע מיט צוויי פערד געשפאנט, און צוויי בעגלייטער, וועלכע זאָלען מיר רעטען אין איין אונגליקספאל.

קומענדיג אין סקלאָוו בין איך געוועזן פערקליידעט אין א געניראלסקען יוניפאָרם און ארייגעפאהרען אין איינעם פון דיא גרעסטע האָטעלען, נאטירליך בין איך דעם גאנצען טאָג ארומגעגאנגען פראנק און פריי איבער דיא גאסען, און קיינער האט מיר ניט דערקענט, נאך האלבע נאכט האב איך ארויפגעוואָרפען אויף זיך דיא תכריכים מיט דעם לאנגען גראָען בארד און האב מיר פערשטעקט אין א ווינקעל, ביז איך האב ענדליך ערווארטעט דעם אויגענבליק ווען מיין ר׳ געטציל שמעריל איז ארויס פון זיין הויז, דאן בין איהם גלייך ענטקעגען געקומען, און וואס ווייטער האט פאסירט איז דאך דיר שוין נאטירליך בעקאנט.

— וואס אמת איז אמת! האט זבדיה מיט א הייכלערישען שמייכעל אויסגע־רופען, מיר קענען אלע בייא דיר שטיפעל פוצען, דוא ביסט א העלד וועלכען מען מוז ניט ווילענדיג רעספעקטירען, און איך בין שטאָלץ אויף דיינע פריינדשאפט!

מיט דיא ווערטער האט זבדיה ווארעם געדריקט יעקב חיים'ס האנד, און מיט א פעהיגען שמייכעל, וועלכען זיין לייבטזינינגער פריינד האט ניט בעמערקט, איז ער ארויס פון צימער.

יא.

דער חרם.

א מהומה און א יאמער איז אין שטאָדט, א גרויסער אונגליק האט פאסירט א רעוויזאָר אין בעגלייטונג פון א גרויסע מחנה אביעסציקעס מיט קאזאקען, איז אין מיטען נאכט איבערגעפאלען די קראמען, און איידער די קרעמער האבען געהאט די מעגליכקייט מבער צו זיין זייערע חמץ, האט דער ראָוויזאר געפאקט א מאסע קאָנטראָבאנדע, עס איז ניט געווען איין גרויסע קראָם, וואו ער האט ניט געפונען א פגר, און דער רעזולטאט פון דעם טרויעריגען איבערפאל איז געווען, אז נאך אין די זעלבע נאכט זיינען פינף און צוואנציג קרעמער נכבדים פון שטאָדט, געשמידעט געוואָרען אין קייטען, און צוזאמען מיט זייערע טריפה סחורה זיינען זייא אונטער א שטריינגע וואך אפגעשיקט געווארען אין גובערניע.

דער אונערווארטעטער אונגליק האט פעראייניגט אלע הערצער אין שטאָדט, חסידים און כתנגדים האָבען פערגעסען זייערע סכסוכים איבער די שוחטים און זייערע אלטע קריגע, אויב מען דארף זאָגען הודו פאר ברוך שאמר אדער פערקעהרט, ר׳ אליקים דער ראש הקהל האָט פעררופען איין אסיפה רבה, צו וועלכע דער גרעסטער טהייל פון די בעלי בתים זיינען געקומען, דען דער אונגליק האט כמעט יעדען בעריהרט, און יעדער איז נייגעריג געווען צו וויסען וואָס די אסיפה רבה וועט דא אויסקלערען, אום די אונגליקליכע געפאנגענע ארויס צו רעטען.

— מיין עצה איז, האט אליהו דער גביר פון שטאָדט, מיט א בעזאָרגטע מינע אויסגערופען, אז מיר זאָלען צוזאמענווארפען אלע א היבשע סומע געלט, און מיר זאלען שיקען מענשען אין גובערניע וועלכע זאָלען די געלדט איבערגעבען דעם גובערנאטאָר, איך גיעב דערצו דער ערשטער פינף טויזענד רובל.

— אייער עצה וואלט געווען ניט שלעכט, האט שלמה דער האָלץ סוחר ערוויעדערט, איך בין אויך צופריעדען צו געבען צו דעם צוועק דריי טויזענד רובל, דען די מצוה פון פדיון שבוים איז קיין קלייניגקייט ניט, איך האב אבער געהערט אז דער נייער גובערנאטאר איז א נקי כפים, מיט אזא גרויסען טשינאָווניק אין די ריזיקע אנצובאָטען שוחד זעהר גרויס, אונזערע שלוחים קענען א מאָל פאר אזא מעשה מאום ארייגפאלען.

— דערפאָר זאלט איהר ניט זאָרגען, האט יקותיאל דער שתדלן מיט א

פעסטע שטימע ערוויעדערט, איך האב געזעהען נענוג אזעלכע פויגלען, וועלכע קלאפּען אנפאנגס מיט זייערע פליגלען, אז עס איז א מורא צו צוגעהען צו זייא, קוים אבער ווייזט מען זייא פון ווייטען א רעכטע מטבעה, הערען זייא אויף צו פּיקען מיט זייערע שנאָבלען, און ווערען גוט און ווייך, האטש נעהמט און לייזט זייא צו צו א געשוויר.

— וואס רופט איהר א רעכטע מטבעה ?

— ווענינגסטענס פינפציג טויזענד רובל, צו אזא טשינאווניק קען מען מיט א קלייניגקייט ניט צו קומען, און בפרט וואו עס האנדעלט זיך אום פינף און צוואנציג שבוים, איהם מוז מען געבען א שטעבענעש וואס זאל איהם פערבלענדען דיא אויגען !

— וואס וועט איהר אבער טהאן, ווען דיא גרויסע סומע וועט אויך ניט העלפען, און ער וועט אייך נאך שמיעדען אין קייטען און איבער געבען דאס געריכט פאר אָנבאָטען שוחד ? ווייסט איהר מיט וואס דאס שמעקט ?

— דומהייט ! וואס מיינט איהר, איך בין א אינגעלט, וועלכער קען קיין צוויי ניט צעהלען ? ווער וועט דען וואגען א גובערנאטאר אנצובאָטען שוחד ? וויס איך דען ניט אז דאס שמעקט מיט סיביר ? מען דארף אבער האבען שכל און וויסען וויא דערביי צו האנדלען, איך בין זיכער ווען איך זאל מיר מאכען פערגעסענדיג אין גוּבערנאטאָרס קאבינעט א פּאק מיט פינפציג טויזענד רובל, וועט ער פערשטעהען וואס מען מיינט און וועט קיין לארעם ניט מאכען.

— מיר קענען זיך אויף נסים ניט פערלאזען !

— איבעריגענס, האט יקותיאל דער שתדלן מיט א פרומע מינע אויס־גערופען, איז דאס אונז ניט דער ערשטער מאל, אידען זיינען געוואוינט צו צרות, גאט האט אונז אבער אלע מאל געהאלפען, און ער וועט אונז ערשט אויך העלפען !

— וויא קענט איהר פערלאנגען נאטעס הילף, ווען איהר געהעט ניט אין זיינע וועגען ? האט פלוצלונג איין אלטער מאן, וועמעס עהרליכעס געזיכט האט איינגעפלעסט עהרע און רעספּעקט, מיט א פעסטע שטימע אויסגעשפּראָכען, איהר אכיין זייט שולדיג אין דעם אונגליק —

— מיר זיינען ערשט ניט געקומען הערען פון אייך מוסר ! האט יקותיאל דער שתדלן אריינפאלענדיג אין דעם מאנס רייד ערגערליך ערוויעדערט, מיר מוזען אונז בעראטהען וואס עס נעהט צו טהאן, אבער ניט הערען פּוסטע דרשות!

— דאס וואס איהר ווילט ניט הערען קיין מוסר, האט דער עלטערער מאן זיפצענדיג געענטפערט, איז אייער אונגליק, איך בין אבער פערפליכטעט אייך עס צו זאגען, אום מיין געוויסען צו בערוהיגען. איך זאג אייך נאך א מאל אז נור איהר אליין זייט שולדיג אין דעם אונגליק, וואס האט איהר געהאט צו יעקב חיים'ען, אז איהר האט איהם אהן דין און אהן משפט אראפגעווארפען פון זיין שטעלע און עפענטליך אזוי מאוס בעליידיגט? וועלכע בייזעס האט ער אייך געטהאן? האט ער דען קהל ניט ערליך געדיענט? איהר אבער האט איהם דער מאנט זיינע חטאות נעורים, איהר האט זיך געבאדען אין זיין בלוט, איהר אליין האט איהם געטריעבען צו דיא פערצווייפעלטע נקמה, און איהר דארפט וויסען אז יעקב חיים איז א מענש מיט א שפראכע און מיט מוטה, וועלכער שרעקט זיך פאר קיין זאך ניט אפ, ווען אייך זאל שוין אפילו געלינגען דעם גובערנאטאר צו זאמען מיט דעם רעוויזאר צו בעשטעכען, ווער קען אייך גאראנטירען, אז יעקב חיים וועט מיט זיין צונג ניט דערגרייכען ביז פעטערסבורג?

— טא וואס זע ווילט איהר אייגענטליך? האט יקותיאל דער שתדלן פער־דריסליך אויסגערופען־

— מיין עצה איז, האט דער עלטערער מאן מיט א דאנערענדע שטימע אויסגעשפראכען, אויב איהר ווילט לעבען רוהיג, זאלט איהר מיט יעקב חיים'ען מאכען שלום, איהר זאלט איהם צוריק געבען זיין שטעלע, און איהם אויפהערען פערפאלגען איבער זיינע חטאים, פיר וועלכע איהר זייט ניט פעראנטוואָרטליך געהמט אייך ניט אן גאטעס קריוודע, ער פערלאנגט עס גאר ניט פון אייך!

צווישען דיא פערזאמעלטע איז געווארען א גרויסער לארעם, מאנכע האבען צוואר געפונען, אז ער האט רעכט, אבער דער גרעסטער טהייל פון דיא בעלי בתים האבען געוויזען א מערקבארע אונצופריעדענהייט פון דיא ווערטער וואס זייא האבען געהערט, און ווען דער רעדנער וואלט ניט געווען א רייכער מאן און דערצו זעהר אן אנגעזעהענער מענש און א גרויסער למדן, וואלטען זייא איהם פיעלייכט אין צורה אנגעשפיינען.

— הערט נאר ר' אהרן! האט ר' אליקום דער ראש הקהל מיט א פינ־סטערע ערנסטע מינע אויסגערופען, איך האב אימער געהאט פאר אייך דיא גרעסטע עהרע און רעספעקט, ליידער אבער קען איך היינטיגען מאל צו אייער עצה ניט מסכים זיין, ווען מיר זאלען נאכגעבען איין דאנאסציק און איהם אונטער־שטיצען, דאן וועלען זיך געפינען זיינע בּרידער גענוג, מיר וועלען אונז ליעבערסט

לאזען קאָסטען פינפציג טויזענד רובעל אויף נאַצאַלסטוואָ, איידער איין פעניג צו געבען דעם דאַנאַסטיק, וויא קענט איהר פון אונז פערלאַנגען אַז מיר זאָלען צוריק געבען דיא שטעלע צו אַ מענשען, וועלכער האַט געליי‍קענט אין גאָט און אין זיין תורה, דער דאַנאַסטיג איז דאָך שוין פערקראָכען אין מ״ט שערי טומאה, וועלכע גוטעס קען מען פון איהם שוין ערוואַרטען?

— ווער האָט אָבער געזעהען זיינע אַלע בייזע מעשים? האָט ר׳ אהרן פערדריסליך אויסגעשפּראָכען, ווער קען דאָס אונז איבערציי‍גען?

— זבדיה! האָט דער ראש הקהל אויסגערופען. שטעה אויף און ערצעהל עפענטליך אַלעס וואָס דוא האָסט געהערט מיט דיינע אויערן!

מיט בליסצענדע אויגען פון אויפרעגונג, איז זבדיה אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, זיך אוועקשטעלענדיג געגען אַלע פערזאַמעלטע, האָט ער מיט פייער אויסגעשפּראָכען.

— רבותי! איהר אַלע ווייסט אַז איך בין געוועזען יעקב חיים׳ס בעסטער פריינד, נור זייט איך האָב ערפאַהרען וויא וויט ער איז פערקראָכען פון וועג, האָב איך מיר פון זיינע פריינדשאַפט ענטזאַגט, ער אַליין האָט מיר ערצעהלט, אַז ער איז מיטגעפאַהרען מיט אַ טשינאָווניק און צעהן מאַנאַטהען נאָך דער רייזע האָט ער געגעסען טריפות, ער אַליין האָט מיר ערצעהלט וויא ער האָט זיך פערשטעלט פאַר אַ מת צו דיא ערשטע סליחות און האָט דיא קאָמעדיע געשפּיעלט מיט זיין שוועהר, אום ער זאָל מיט איהם פריעדען שליסען. ער אַליין האָט מיר ערצעהלט —

— אָבער צו וועלכען צוועק האָסט דוא עס אַלעס דערצעהלט קהל? האָט ר׳ אהרן ניט לאַזענדיג זבדיה׳ן ענדיגען זיינע לעצטע ווערטער ערגערליך אויסגעשריען, ווען דוא וואָלסט ווירקליך געוועזען יעקב חיים׳ס אַ גוטער פריינד, וואָלסט דוא איהם דאָך ניט פערראַטהען.

— מיין גלויבען אין גאָט און מיין אכטונג צו אונזער הייליגע אמונה שטעהט בייא מיר העכער וויא מענשליכע פריינדשאַפט! האָט זבדיה מיט אַ פרומע מינע אויסגערופען, ניט איך בין געוועזען יעקב חיים׳ס ריכטער, איך בין נור געוועזען איין עדות, און איך בין פערטיג צו שווערען בייא אַ ספר תורה, אַז אַלעס וואָס איך האָב פון איהם ערצעהלט פאַר קהל, האָב איך געהערט פון זיין אייגענע מויל!

— דוא ניעדערטרעכטיגער אויסוואורף! דוא וואַגסט נאָך עפענטליך צו בעשולדיגען מיין מאַן!

דיא ווערטער האָט אסתר יעקב חיים׳ס פרוי אויסגעשריען מיט אַ ווילדע

שטיסע, אריינלויפענדיג פלוצלינג מיט שטורם אין שוהל וואו דיא אסיפה איז אפּ־געהאלטען געוואָרען, און זיך אוועקשטעלענדיג געגען גאנצען עולם, האט זיא ווארפענדיג אויף זבדיה׳ן גליהענדע בייזע בליקען, מיט א געוואלדיגע שטימע אויס־געשריען.

— הערט נור רבותי! דער זעלבער אויסוואורף, וועלכער שטעלט זיך ערשט פאָר פאר אייך פאר א צדיק, בייא וועלכען דיא הייליגע אמונה איז טהייערער וויא מענשליכע פריינדשאפט, האט אויף מיר געוואָרפען זיינע אויגען נאך איידער מיין איידע עליו השלום איז געשטארבען, איך האב מיר אָבער אימער געהיט פון איהם און האב איהם אויסגעוויכט וויא דיא פעסט, ענדליך האט ער אבער בעקומען אזוי פיעל חוצפה, אז אין א געוויסען אבענד ווען ער האט מיר געפונען אליין אי׳ן מיין צימער, האט ער פערגעסענדיג אז איך בין אן אשת איש און מיר אויפגעפאָדערט צו א זינדע, נאטירליך האב איך איהם מכבד געוועזען דאפיר וויא ער האט פער־דינעט, און איך האב געוואָלט מאכען א גוואלד, אום מען זאל וויסען ווער דער צדיק איז, ער האט אָבער פאר מיר גענומען וויינען, און זיך בעטען אז איך זאל איהם ניט מאכען אונגליקליך, און נאכדעם וויא ער האט מיר געשוואָרען, אז ער וועט שוין מעהר ניט וואגען מיין עהרע צו בעריהרען, האב איך איהם געלאזען לויפען, זייט דאן איז ער אבער מיט מיין מאן געוואָרען א בלוט פריינד, און אום פאר מיין מאן א קבר צו גראבען, האט ער געזוכט זיינע פריינדשאפט צו ערווערבען, אום ער זאל נאכהער קענען ווייזען זיינע צדקות!

בייא דיא ווערטער איז אסתר געפאלען צו דר׳ערד בייא א טיעפען אונמאכט וועהרענד אָבער בייא דער פערזאמלונג איז געוואָרען א גרויסער טומעל און א לארעם, זיינען דיא שמשים צוגעשפרונגען צו דיא אונמאכטיגע יונגע פרוי, און האבען איהר אויף זייערע הענד ארויס געטראגען דרויסען.

— און וואס זאגט איהר ערשט? האט דער אלטער ר׳ אהרן, זיך ווענדענדיג צו אלע פערזאמעלטע מיט א שטרענגע ערנסטע מינע אויסגערופען.

צווישען דיא פערזאמעלטע בעלי בתים האט געהערשט א טויטענשטילקייט קיינער האט ניט געוואגט א וואָרט אויסצושפרעכען, אלע זיינען געבליעבען זיטצען מיט אויפגעריסענע אויגען, ווארפענדיג נייגיעריגע בליקען אויף זבדיה׳ן, אום צו הערען וואָס ער ווערט דאָ ערשט זאגען.

א קליינע ווילע איז זבדיה געבליעבען זיטצען וויא א געלעהמטער פון שרעק, זיין געזיכט איז געווען לייכענבלאס און אלע זיינע גליעדער האבען מערקבאר גע־ציטערט, פלוצלונג איז ער אבער אויפגעשפרונגען פון זיין ארט, און אויפ־

הויבענדיג זיינע אויסגעגלאָטצע אויגען צום הימעל, האָט ער מיט א פרומע מינע אויסגערופען.

— וואָס זאָל איך זאָגען, און וואָס זאָל איך ריידען ? איין בורא עולם ווייס אז ניט איין וואָרט אמת איז דאָ אין איהרע רייד, איך שווער בייא גאָט, אז נור דערפאר וואָס איך האב ערצעהלט דיא שעהענע מעשים פון איהר מאַן, האט זיא עס אויסגעטראכט, אום צו נעהמען נקמה פון מיר !

— נאַטירליך, האָט ר׳ אהרן מיט א טרויעריגען שמייכעל אויסגעשפּראָכען, נאָט איז איין אומזיסטער עדות פון אלע פערברעכער !

— רעדט וואָס איהר ווילט, ר׳ אהרן ! האָט אליקום דער ראש הקהל פער־דריסליך ערוויעדערט, דאס גלויב זיך מיר ניט, מיר פערשטעהען דיא קונצען אסתר האָט דאָ געוואָלט נעהמען פון זבדיה׳ן נקמה, איך וואָלט אבער קיין מאָהל ניט געגלויבט, אז זיא זאָל האבען אין זיך אזוי פיעל חוצפה מיט אזא בעשולדיגונג נעגען א אידען עפענטליך ארויסצוטרעטען !

— א אישה איז איבערהויפט פסול לעדות ! האט גבריאל דער נאמן מיט א פעסטע שטימע אויסגעשפּראכען, ווער דארף דען לייגען א ווערטה אויף איהרע ווערטער ?

— און איך זאָג אייך צום לעצטען מאל ! האט דער אלטער אהרן אויפ־שפּרינגענדיג פון זיין ארט מיט א דאָנערענדע שטימע אויסגעשריען, הערט ניט צו דיא ווערטער פון דעם מענשען וועלכער שטעלט זיך פאר אייך פאָר אונ־טער דיא מאסקע פון א ירא שמים וואָס נעהמט זיך אן גאָטעס קריוודע, דער שלאנג וויל אייך אלעמען פערניפטען, און וועה וועט אייך זיין ווען איהר וועט נעהארכען זיינע עצות און געהען אין זייגע וועגען, איך זאָג אייך צום לעצטען מאל, פאָלגט מיר, שיקט רופען יעקב חיים׳ען און שליסט מיט איהם פריעדען, פערגעסט ניט אז ער איז א תלמיד חכם, און ווען אויך אז ער האט געזינדיגט, וועט איהם דער רוח פון דער תורה מחזיר למוטב זיין, איהר וועט מיט גוטען מיט איהם פיעל בעסער מאכען, גיעבט איהם צוריק זיין שטעלע מיט זיין כבוד, און איך בין זיכער אז דיא שבוים וועלען בעפרייהט ווערן, און אלעס וועט זיך ענדיגען צו אייער גע־נענזייטיגע צופריעדענהייט, מיט דיא ווערטער האט דער אלטער עהרעהאפטער ר׳ אהרן געוואָרפען א שטרענגען בליק אויף אלע פערזאמעלטע, און האט פערלאָזען דיא אסיפה.

— דער אלטער ר׳ אהרן האט מיר פורכטבאר בעליידינט ! האט זבדיה אפּ־ציהענדיג פרייער זיין אָטהעם, מוטהיג אויסגעשפּראכען, איך בין איהם אבער מוחל

דען איין גאט ווייס אז ניט צוליעב מיין כבוד אדער מיינע איינענע אינטערעסע האב איך אייך ערצעהלט יעקב חיים'ס חפצות, איך וויל אייך אבער שטעלען נור איין פראגע, ר' אהרן האט פון אונז פערלאנגט אז מיר זאלען שליסען פריעדען מיט יעקב חיים'ען, און איהם צוריקגעבען זיין כבוד מיט דיא שטעלע, וועלכע ער האט ביי קהל געהאט, זאגט מיר רבותי, איך בעט אייך, וועלכע גוטעס קענען מיר ערווארטען פון אזא תלמיד חכם, וועלכער האט געגעסען טריפות און געלאכט פון גאט און פון זיין תורה? שוין דער פאקט אליין, אז ער האט זיך ערלויבט ארויס-צוטרעטען עפענטליך אלעס דאנאסציק און אונגליקליך מאכען אזוי פיעל אידישע פאמיליעס, בעוויזט דאך אונז דייטליך גענוג וואס מיר קענען אין דער צוקונפט פון איהם ערווארטע, איבעריגענס וויל איך אייך קיין דעה ניט זאגען. איהר זייט אלע עהרליבע אידען און קלינער פון מיר, טהוט וויא איהר פערשטעהט!

— זבדיה האט רעכט, מיר קענען קיין גוטעס פון דעם עוכר ישראל ניט ערווארטען!

— מיר ווילען אונז ניט אונטערווארפען אונטער דיא פיס פון דעם דאנאסציק!

— דער רשע וועט נאכדעם נאך מעהר רייטען אויף אונזערע קעפ!

— מיר מוזען איהם ווייזען, אז מיר האבען פאר איהם גאר קיין מורא !

— מיר מוזען איהם רודפ'ן עד חרמה, אום מקיים צו זיין דיא מצוה „ובערת הרע מקרבך" !

— דאס ערשטע וואס מיר מוזען טהאן, איז איהם ארייננצולייגען אין חרם! ער טאר קיין תקומה ניט האבען!

— אין חרם! אין חרם! האבען מעהרערע שטימען, מיט איין קול אויסגעשריען, דער דאנאסציג מוז ווערן אויסגעשטויסען און פעריאגט פון גאט און פון מענשען!

דיא שטראפע איז איינשטימיג אנגענומען געווארען, און נאך אין דעם זעלבען אבענד איז זיא בייא דער אסיפה אויסגעפיהרט געווארען, מען האט גלייך אנ-געצונדען שווארצע ליכט, איינער פון דיא שמשים האט געעפענט דעם ארון הקדש א צווייטער האט געבלאזען מיט א שופר, א דריטער האט זיך אוועקגעשטעלט אויף דער בימה, און האט מיט א גוואלדיגע שטימע אויסגערופען.

— על דעת המקום, ועל דעת הקהל, זיינען מיר מחרים ומנדה דעם רשע יעקב חיים, וועלכער האט געלעסטערט גאט און זיין תורה, און האט מיט זיין בייזען

צונג נעבראכט איין אונגליק אויף פיעלע אידישע פאמיליעס,' ער איז ניט מעהר
אונזער ברודער, עס איז אסר צו שטעהן אין זיינע ארבע אמות, און אזוי וויא
ער איז דא מוחרם פון אונז, אזוי זאל ער אויך זיין אין חרם אויף יענער וועלט,
און זיין נשמה זאל קיין מאל איהר רוהע ניט געפינען!

— אמן, אמן! האבען זיך געהערט מעהרע שטימען שרייענדיג מיט איין קול.—

דער רעזולטאט פון דיא שרעקליכע אסיפה איז געוועזן, אז נאך אין דעם זעלבען אבענד האבען זיך דיא גבירים מיט אלע בעלי בתים פון שטאדט בעטהיילינט אין דיא גרויסע מצוה פון פדיון שבוים, דער בעטראג פון פינפציג טויזענד רובל, וועלכער איז צוזאמענגעוואָרפען, געוואָרען איז איבערגעגעבען געווארען יקותיאל דעם שתדלן, וועלכער האט גלייך אונטערנומען דעם וועג אין גובערניע, אום צו ווייזען זיין קונסט וויא ער קען פערגעסען געלד אין דיא הויכע פענסטער.

איידער אבער ער האט זיך גענומען צו דער ארבייט, האט ער פרובירט אויסצואיבען דעם זעלבען קונסט פאר זיך און נאכדעם וויא ער האט אהעלפט פו דיא געלט פערגעסע: און זיין אייגענע קעשענע, האט ער זיך בעגעבען אין גובער־נאטאָרס קאנציליאריע, פאר וועלכען ער האט זיך פארגעשטעלט מיט דער ביטע צו רעטען דיא אונגליקליכע געפאנגענע, און ריידענדיג האט ער דיא איבעריגע געלט פערגעסען אין קאנצעלאריע, מיט דעם האפענונג אז ווען דער גוברנאטאָר וועט געפינען דעם אוצר, וועט ער ווייכער ווערן.

דער חיטרער שתדלן האט אבער געמאכט דעם רעכענונג אהנע דעם ווירטה, דען קוים איז ער פערשוואונדען געווארען, האט דער גובערנאטאָר בע־פאָהלען איהם נאכצולויפען און איהם ברייננען צוריק אין קאנצעלאריע, אנפאנגס האט יקותיאל צוואר פרובירט לייקענען, בעהייפטענדיג אז ער האט גאר ניט פער־געסען, נאר ווען דער גובערנאטאָר האט אויף איהם אוואָרף געטהאן אשטרענגען דורכדריגנענדען בליק, איז ער געווארען לייבענבלאס און אלע זיינע גליעדער האבען גענומען ציטערן.

— עס ליגט אין מיין מאכט דיר דאפיר ארייגצוּוואָרפען אין אסטראג, און נאכהער דיר איבערצוגעבען אין געריכט! האט דער גובערנאטאר מיט א דאָ־ערענדע שטימע אויסגעשריען, איך וויים אז דוא האסט פערגעסען דיא געל אבזיכטליך, אום מיר אונטערצוקייפען, איך האב אבער מיטלייד מיט דיר און וויל דיר אונגליקליך ניט מאכען, דעריבער לאָז איך דיר לויפען, נעהם דאס געלד צוריק,

אונפערשעמטער לומפ, און דוא זאלסט מעהר ניט וואגען צו ווייזען דיינע אוינע פאר מיר !

בייז אויף זיך און אויף דעם נאררישען גובערנאטאָר, וועלכער האט אויס־געלאכט זיין קונסט פון פערגעסען, האט יקותיאל דער שתדלן ענדליך צוריק געקעהרט אין סקלאַוו, בעזאנדערס האט איהם געשמערצט, וואס ער האט גע־מוזט צוריקגעבען קהל אויף דיא געלט, וועלכע ער האט פערגעסען אין זיין אייגענע קעשענע, זיין איינציגע תשובה איז געווען, אז גאטס ווילען איז דערביי ניט געווען, און אז גאט וויל ניט קען זיך א מענש צו רייסען, און אזוי זיינען דערווייל דיא אונגליקליכע געפאנגענע געבליעבען שמאכטען אין אסטראָג, אהנע וועלכע אויס־זיכט אויף רעטונג.

יב.

דער פערצווייפעלטער ענטשלוס.

אין א קליינע פויערשע הייזעל אויסען שטאדט, אין וועלכע דיא ווענט זיינען פערדרייכערט און דיא דילען זיינען ניט געפלאסטערט, איז ערשט געזעסען דער אונ־גליקליכער יעקב חיים אין טיעפען נאכדענקען, זייט דיא לעצטע איינינע מאנאטען איז זיין געזיכט זעהר איינגעפאלען און פערענדערט געוואָרען, און פון זיינע בליסצ־ענדע אויגען איז דייטליך געווען צומערקען, אז א גוואלדיגער שטורם וויטהעט אין זיין הערצען, איהם נעגענאיבער איז געזעסען זיין יונגע פרוי מיט א זוינלינג בייא איהר ברוסט, און ווארפענדיג געהיימע פערוארגטע בליקען אויף איהר מאן, האבען זיך וויא ניט ווילענדיג א רויסגעריסען שווערע זיפצען פון איהר ברוסט.

וויא עס האט אויסגעוויסען האבען דיא שווערמיטהיגע זיפצען אויפגעריסען יעקב חיים'ען פון זיינע געדאנקען, דען ער איז האסטיג אויפגעשפרונגען פון זיין ארט, און צוגעהענדיג צו זיין בעזאָרגטע יונגע פרוי, האט ער מיט א בעוועגטע שטימע אויסגעשפראָכען.

— וואס איז דיר, אסתר ? ווארום זעהסט דוא היינט אויס אזוי שטארק בעזארגט ?

— האב איך דען וועניג וואס צו זארגען ? האט אסתר מיט א שוואכע ציטערענדע שטימע ערוויעדערט, וועניג זיינען מיר דען געפלאגט און פער־פאכגט ?

— מיט וואס איז היינט ערגער פון נעכטען ?

— און נעכטען איז מיר בעסער געוועז ? איך האב געדולדעט אזוי לאנג וויא מיינע קרעפטען האבען מיר ערלויבט, ערשט אבער שפּיר איך אז מיינע קרעפטען פערלאזען מיר, מיין הערץ איז געבראָכען און וויס גאט אויב איך וועל עס אריבער־טראגען !

— פארוואס ביסט דוא אבער היינט אזוי פערצווייפעלט ? האט יעקב חיים מיט א שמערצליכע פאָרוואורפספאָלע מינע אויסגעשפּראכען, אנשטאט מיר צו טרייסטען, צו שטארקען מיין געזונקענעם מוטה, שיסט דוא נאָך זאַלץ אויף מיינע בלוטיגע וואונדען.

— איך האב דיר קיין מאל פארווירפע ניט געמאכט, האט אסתר מיט א פערשטיקטע שטימע פון טרעהרען ערוויעדערט, איך האב אלע מיינע צרות גע־דריקט אין מיין הערצען און האב דיר צומאל ניט געלאזען מערקען מיין טרויער, דיא מאס צרות איז שוין אבער צו פיעל, און וויא לאנג נאך וועלען מיר עס קענען אויס האלטען ? זאגאר ווען דער גובערנאטאר פלעגט דיר לעצטענס מאנאטהליך צו שיקען געלד, פלעגט מיין הערץ אויך צושפּרונגען ווערן בייא דער ערינערונג, אז אָן דיא געלט קלעפּט דיא בלוט פון אונזער ברידער, נור אבער אום דיר ניט וועה צו טהאן, האב איך מיט דיר דעראיבער קיין מאל ניט גערעדט, וואס זאלען מיר אבער ערשט טהאן ? עס איז דאך שוין דער צווייטער מאנאטה זייט ער האט דיר מעהר א פעניג ניט צו געשיקען, פון וואנען וועלען מיר ערשט לעבען ? וואס הויבען מיר אן צו טהאן ?

— ווער האט אבער שולד אין אונזער יעצטיגע לאגע, ווען ניט דיין זיידע דער גזקן ? האט יעקב חיים מיט ציטערענדע ליפּען פון וואַטה ערוויעדערט, ווען ער וואָלט אונז ניט ארויסגעיאָגט פון זיין הויז, וואלטען מיר היינט אין דער לאגע ניט געוועזן.

— מיין זיידע עליו השלום האט אנדערש ניט געקענט האנדלען ! האָט אסתר מיט בליסענדע אויגען פון אויפרעגונג אויסגערופען, דוא בעשולדיגסט איהם אומזיסט, דוא דארפסט ניט פערגעסען אז יעדעם מענש האנדעלט נאך זיין גוט דענקען, ווער האט דען שולד אז דוא האסט מיר ניט געהאָרכט און דוא האסט אויסגעפּלוידערט דיינע געהיימניסע זבדיה'ן דעם פעררעטהער ? האב איך דען דיר ניט טויזענדע מאל געווארענט און בעשוואָרען, אז דוא זאָלסט אויסווייכען דיא פאלשע פריינדשאפט פון דעם גיפטיגען שלאנג ? וואס איז אלזא פאר אוואונדער־אז מיין זיידע עליו השלום, וועלבער איז געוועזן א פרומער עהרליכער איד, האט

גענדערט זיין צוואה אין דיא לעצטע טעג פון זיין לעבען ? עס איז אמת, אז ער האט אלעס וואס ער האט געהאט פערשריעבען פאר קהל, אין זיין צוואה געפינט זיך אבער א פונקט, אז פאלס איך וועל מיר ענטשליסען צונעהמען פון דיר גט, מוז מיר קהל צוריקגעבען זיין פערמעגען, און דאס בעווייזט אז ער איז נאר ניט געווען אזא גזלן וויא דוא מיינסט לויט זיין בעגריעף האט ער אנדערש ניט געקענט האנדלען.

וויא עס האט אויסגעוויעזען, האבען דיא ווערטער, וועלכע דיא פערצווייפעלטע אסתר האט מיט אזא ביטערן ערנסט אויסגעשפראכען, געמאכט זעהר א שלעכ־טען איינדריק אויף דעם אויפגערעגטען יעקב חיים, דען ער איז מיט א מטרק־בארען צארן אפגעשפרונגען פון איהר איינינע שריט, און ווארפענדיג אויף איהר א דרובדרינגענדען פערדריסליכען בליק, האט ער מיט א שארפע שניידענדע שטימע אויסגעשפראכען.

— וויא איך פערשטעה האסט דוא חרטה פארוואס דוא נעהמסט טהייל אין מיינע ליידען, און באמת צו וואס דארפסט דוא ליידען אומזאנסט נויטה, שאנדע, און פערפאלגונגען ? דיין גוטער זיידע האט דאך דיר געגעבען דיא מעג־ליכקייט צו לעבען וויא א גביר׳תע, און פיעללייכט נאך אונטער דעם שוטץ פון דעם רייבען זבדיה, וועלכער —

— און דאס זאגסט דוא מיר ? האט אסתר אונטערברעכענדיג איהר מאנס לעצטע ווערטער, מיט א הערצרייסענדע וויינענדע שטימע אויסגעשריען, און דאס איז דער לוין פאר אלע אפפער, וועלכע איך האב פער דיר געבראכט ? איך האב פערלאזען א פערמעגען און א רוהיגס הויז, און בין נאך געגאנגען נאך א מאן, וועלכער איז פערדאמט פון גאט און פון מענשען, איך האב געטהיילט מיט דיר דיינע ליידען, ניט גענוג וואס איך האב מיר ניט בעקלאגט אויף מיין פינסטערן לאס האב איך דיר נאך געזוכט צו טרייסטען און צו מוטהיגען, און אלס דאנקבארקייט פאר מיינע ליעבע און פאר מיינע טרייהייט רעדסט דוא מיט מיר אזעלכע ווערטער דוא צייגסט מיר אז איך בין דיר צולאסט, אז דוא ווילסט פון מיר פטור ווערן, איך וועל דיר אבער לאנג ניט בעלעסטיגען, איך וועל —

דיא לעצטע ווערטער האט דיא אונגליקליכע אסתר ניט געקענט ענדיגען איהרע הייסע טרעהרען האבען פערשטיקט איהר שטימע, און ניט מעהר קוקענדיג אויף איהר מאן, וועלכער האט זיך קוים געהאלטען אויף זיינע פיס פון אויפרעגונג׳ האט זיא מיט איהרע ציטערענדע הענד פערדעקט איהר שעהנעס געזיכט, און האט ביטער געוויינט.

וויא עס שיינט, האט יעקב חיים איינעזעהען אז ער האָט דא פערבראָכען געגען זיין גוטע טרייע ווייב, דען ער איז שיער ניט משוגע געוואָרען פון פערדרוס, מיט א ווילדע נערוועזע אויפרעגונג איז ער איהר געפאלען צו דיא פיס, און אָפּ־רייסענדיג איהרע הענד פון איהר שעהנעם געזיכט האט ער מיט א געבראכענע ציטערענדע שטימע אויסגעשריען.

— אסתר! מיין טהייערע גוטע אסתר! דוא האסט רעכט, איך האב דיין אויפאָפּפערענדע טרייע ליעבע ניט פערדיענט, איך בין א מערדער א ניעדערט־רעכטיגער שופט, און אויסוואורף פון דער געזעלשאפט, איך בין א בלוטדורסטיגער טיגער, און דוא ביסט א שוואכע גוטמוטהיגע אונשולדיגע שעבסעלע, איך בין א שד, א מזיק, א טייפעל, און דוא ביסט א גוטער מלאך אין א מענשענגעשטאלט, אויף מיין צוקונפט האב איך ניט מעהר וואָס צו האפפען, מיין שטערען איז גע־שטעמפעלט מיט קין׳ס צייכען, מיין שינזאל האט מיר פעראורטהיילט צו זיין נע ונד אין דער וועלט, וואצו אבער זאלסט דוא ליידען צו ליעב מיר? אנטלויף פון מיר, מיין טהייערע, לאזען דיא אלע גיפטיגע קוילען, וועלכע זייא שיסען, טרעפען נור מיר, אנטלויף פון מיר, אסתר, ווייך מיר אויס, דען אזוי לאנג וויא איך זעה דיין עהרליכעס אונשולדיגעס געזיכט, זיינען מיינע הענד וויא געבונדען, איך קען מיר ניט אָפּרעכענען מיט דעם שופט, ווען איך האב אלע מיינע צרות צו פערדאנקען.

מיט דיא ווערטער האט דער אויפגערעגטער יעקב חיים מיט זיינע פער־קראמפפטע פויסטען געקלאפט אָן זיין ברוסט, און זיינע מיט בלוט פערגאסענע אויגען האבען געשאָסען מיט פייער, דיא גוט הערציגע אסתר איז זעהר געריהרט געווארען זעהענדיג זיינע ליידען, און וויא עס האט אויסגעוויזען, האט איהר שוין פערדראסען פארוואס זיא האט אויפגעריהרט זיינע בלוטיגע וואונדען און האט איהם מיט איהרע פאָרווירפע פעראורזאכט אזוי פיעל שמערצען, דען זיא האט איהם גלייך געשלאסען אין איהרע אָרעמס, און איהם צודריקענדיג פעסט צו איהר ברוסט, האט זיא מיט אזאנפטע ווייכע שטימע אויסגעשפּראכען.

— ענטשולדיג מיר מיין ליעבער מאן וואס איך האב דיר וועה געטהאן, ווען דאס הערץ איז פול געהען דיא ליפען אריבער, און מען הערט מאנכעס מאהל אליין ניט וואס מען רעדט; איך וועל מיך פון דיר ניט שיידען ביז דיא לעטצטע מינוטען פון מיין לעבען, מיר וועלען צוזאמען טרינקען פון דעם זעלבען בעכער, וועלכען דער שיגזאל האט פאר אונז בעשטימט.

— דוא בעטסט נאך פון מיר ענטשולדיגונג! האט יעקב חיים אויפ־

שפרינגענדיג אויף זיינע פיס, מיט א ווילדע בעווענטע שטימע אויסגעשריען, דוא אונטשולדיגער גוטער מלאך בעסט פון א שד, פון א מלאך חבלה, אז ער זאל דיר ענטשולדיגען פאר אלע אונגליקען, וועלכע ער האט אויף דיר געבראכט! ווילסט דוא דען בעטרעטען גאטעס שטעלע אויף דער וועלט און מוחל זיין דעם מאן ויעלכער האט דיר אריינגעוואָרפען אין דעם זומפ?

— איך דארף דיר ניט ענטשולדיגען, ווייל נענען מיר האסט דוא ניט פער־בראָכען, האט אסתר מיט א קינסליכע רוהיגע מינע ערוויעדערט, ווען איך טהייל־מיט מיט דיר דיינע ליידען, קומט מיר קיין דאנק ניט דאפיר, דאס איז מיין פפליכט אלס פרוי וועלכע ליעבט טריי איהר מאן, איך וואָלט אָבער איין זאך פון דיר פערלאנגען.

— וואס פערלאנגסט דוא פון מיר, מיין טהייערע? האט יעקב חיים מיט א ווילדע אויפרעגונג אויסגעשריען, דיין וואונש איז פאר מיר א געטליכער הייליגער בעפעהל, זאג מיר דיין פערלאנג, און איך בין פערטיג צו געהען פאר דיר אין פייער און אין וואסער!

— איך וויל אויף דיר ניט בעפעהלען, איך וויל דיר נור ראטהען! האט אסתר מיט א בעגייסטערטע ערנסטע מינע ערוויעדערט. מיין עצה איז, אז דוא זאלסט אוועקווארפען דיינע אלע פלענער פון מלחמה און פון ראכע, דוא זאלסט זיך ליעבערסט נעהמען א וועג צו פריעדען.—

א הערצרייסענדער טיעפער זיפץ, וועלכער האט זיך אין דעם אויגענבליק ארויסגעריסען פון יעקב חיים׳ס ברוסט, האט אסתר׳ן דייטליך געגעבען צומערקען, וועלכען איינדריק איהר פארשלאג האט אויף איהר מאן געמאכט, זיא האט אבער איהר מיטה ניט פערלארען, און האמ ווייטער פאָרטגעזעצט איהר געשפרעך מיט דיא ווערטער.

— איך ראטה דיר נור צום גוטען, ווען דוא וועסט זיך צוריקקעהרען צו אונזער פאָלק, וועט גאָט אויך אויף אונז רחמנות האָבען, און מיר וועלען אלע אונזערע צרות פערגעסען!

— וואָס זאָל איך אבער טהאן? האָט יעקב חיים מיט ציטערענדע ליפען נעפרעגט, וויא זאָל איך מיט זייא פריעדען שליסען? דוא ווייסט דאך, אז זייא וואָלטען מיר אלע דערטרונקען אין א לעפעל וואסער!

— מיין עצה איז, אז דוא זאלסט זיך ווענדען צום ראש הקהל! האט אסתר מיט שטראהלענדע אויגען פון אויפרעגונג ערוויעדערט, וויא דוא ווייסט, איז ער ניט אזא אביר לב, אז ער זאל דיר אָפשטויסען פון זיך, איך בין פעסט איבערצייגט

אז ווען דוא װעסט איהם זאָגען, אז דוא האסט זיך ענטשלאָסען תשובה צו טהאָן, און ניט מעהר מיט שטאָדט צו פיהרען מלחמות, בין איך זיכער אז זייא װעלען דאן ארונטערנעהמען פון דיר דעם חרם, און נאכדעם וויא זייא װעלען אונז צוריקגעבען דעם זיידענס ירושה, װעלען מיר מאכען אלעס צו געלד, און מיר װעלען פליהען פון דאַנען וואו דיא אויגען װעלען אונז טראגען!

— איך בין בערייט פאַר דיר און פאַר אונזער קינד אלעס צו טהאָן! האט יעקב חיים מיט א פערצווייפעלטען ענטשלוס אויסגעשפּראָכען, איך בין פערטיג זיך צו װארפען צו דיא פיס פון ראש הקהל או איהם בעטען רחמים, איך װעל איהם שװערען בייא אלעס װאָס מיר איז הייליג, אז איך װעל װערן א בעל תשובה, אז איך װעל זייא מעהר אין װעג ניט קומען, װאס װעל איך אבער טהאָן אז נאך אלעמען װעלען זייא מיר נאכהער ניט װעלדן צוריקגעבען דיין זיידענס ירושה? זאָל איך דאן אויך איינבויגען מיין קאפּ און שװייגען?

— יעדענפאַלס טאָרסט דוא קיין נייע פלענער פון ראַכע ניט אונטערנעהמען! האט אסתר מיט א שװערמוטהיגען זיפץ געענטפערט, דוא דארפסט ניט פערגעסען אז דוא האָסט געשאסען דיא פאָרשטעהער פון קהל פאַר דאס אונרעכט, װעלכעס זייא האבען דיר געטהאָן, אין דיינע קוילען האָבען געטראָפען אונשולדיגע מענשען װעלכע זיינען דורך דיר אונגליקליך געװאָרען, װען דוא װעסט אונטערנעהמען נייע פלענער פון נקמה, װעסט דוא װיעדער ברייגגען נייע אונגליקען אויף אונשולדיגע מענשען. און דאס װעט זיין פאַר מיר א טויטקלאַפּ, איך װעל עס ניט מעהר קענען אריבערטראָגען, דוא מוזט זוכען שלום מיט אלע דיינע קרעפטען, אלע אין שטאָדט זיינען דאך ניט אזוי שלעכט און אזוי פערדארבען װיא זבדיה דער אונפערשעהמטער לומפּ, טהוא דיין פפליכט, יעקב חיים, און דער גוטער גאָט װעט דיר צו הילף זיין!

— איך װעל דיר געהארכען מיין ליעבע טהייערע, אסתר איך געה גלייך!

— דוא מוזט צוערשט אריינגעהן צו דעם גוטהערציגען אלטען ר׳ אהרן, ער איז געװען דער איינציגער, װעלכער האט אויף דיר גוטעס גערעדט בייא דער אסיפה, איך בין זיכער אז ער װעט דיר פיהרען מיט זיין קלוגען פּראַקטישען שכל, און מיט זיין הילף װעלען מיר האבען דיא מעגליכקייט צו בעקומען צוריק אונזער ירושה און צו פערלאזען דיא שטאָדט.

— דאס איז דאס איינציגע װאס עס קען היילען מיינע בלוטיגע װאונדען, האט יעקב חיים קורץ און שארף אויס געשפּראָכען, מיט דיא װערטער איז ער

צוגענאנגען צו א שראנק, פון וועלכען ער האט ארויסגענומען א רעוואָלווער און האט איהם פערשטעקט אין זיין טאש.

— צו וועלכען צוועק דארפסט דוא דעם רעוואָלווער ? האט אסתר אונרוהיג געפרעגט.

— ווייסט דוא דען ניט, מיין טהייערע, אז זייא האבען מיין בלוט הפקר געמאכט ? האט חיים יעקב מיט א טרויעריגען שמייכעל ערוויעדערט, ער איז ערשט פאר מיר דער בעסטער בעגלייטער, ווער ווייס אויב איך וועל ניט געצוואונגען זיין פון איהם געברויך צומאכען ?

— דוא האסט א גרויסען אירטהום, מיין מאן ! האט אסתר רוהיג ער־וויעדערט, דוא שרעקסט זיך אומזאנסט, אונזערע ברידער זיינען פערטיג פון בעס אלעס צו טהאן, זייא קענען רודפ'ן אמענשען עד חרמה, נור בלוט וועלען זייא ניט פערגיסען.

— איבעריגענס, האט יעקב חיים ארויסנעהמענדיג זיין רעוואָלווער צוריק פון טאש ענטשלאָסען אויסגעשפראכען, ווען דיר איז עס לא לרצון, דאן לאז איך איהם איבער צו הויז !

— ניין, ניין, נעהם איהם מיט ! האט אסתר נאך א קורצען נאכדענקען אויסגערופען, וואס קען עס דען שאדען, ווען דוא וועסט איהם מיט האבען מיט זיך ? יעדענפאלס האף איך צו גאָט, אז דוא וועסט פון איהם קיין געברויך ניט מאכען !

— יעקב חיים האט מעהר קיין שהיות ניט געמאכט, ער האט גלייך וויעדער פערשטעקט דיא פייערשפייענדע וואפע אין זיין טאש, און נאכדעם וויא ער האט צערטליך געקוסט זיין פרוי און דעם זויגלינג, וועלכער האט זאנפט גע־שלומערט אין זיין טהייערער מוטערס ארעמס, איז ער מיט פעסטע טריט ארויס פון הויז.

יג.

א שטראהל פון האָפפענונג.

נעהענדיג צו דעם אלטען ר׳ אחרן, איז דער אונגליקליכער יעקב חיים פיעל פעסטער און מוטהיגער בייא זיך געווארען, דיא געדאנקען אז ער געהט ערפיהלען אסתרס וואונש, אז ער געהט זוכען פריעדען, וועלכע זיין טרייע ערגעבענע פרוי ווינשט עס אזוי, האט איהם וויא נייא אויפגעלעבט, אין דיא מינוטען האט ער

פערגעסען אלע זיינע צרות, און זיין ביטערען האס צו זיינע פערפאלגער, און ער האט זיך בעטראכט וויא נייא געבארען. און ער האט פיעל פרייער אויפ־געאָטהעמט.

זייט דער אונגליקליכער יעקב חיים איז אויסגעשטויסען געוואָרען פון קהל אלעס חרם׳ניק, האט זיך א העלישער פייער פון נקמה צופלאקערט אין זיין הערצען. טויזענדע פלענער פון ראכע האבען זיך ארומגעדרעהט אין זיינע געהירען, און ווער וויים וויא וויים ער וואלט פערקראכען, און וועלכע נייע אונגליקען ער וואלט ווידער אין שטאָדט געבראכט, ווען אסתר וואלט איהם מיט איהרע זאנפטע אויגען ניט געהאלטען וויא מיט צוואנגען, ער האט איהרע ריהרענדע בליקען דייטליך גע־לעזען וואס אין איהר הערצען קומט פאָר, אין איהרע ליידען האבען איהם פיעל מעהר געשמערצט וויא זיינע אייגענע ליידען, פאר איהר קלענסטען וואונש איז ער פערטיג געווען דעם גרעסטען אָפּפער צו בריינגען. דעריבער איז ער יעצט פאָלער פריידע געווען, ווען אסתר האט ענדליך געאויסערט איהר וואונש צו זוכען שלום, פון וועלכען ער איז צוואר זעהר וויים געווען, וויא שוועהר און ביטער דער שריט איז איהם געווען זיך צו אונטערוואַרפען אונטער דיא פיס פון זיינע פערפאָלגער, וועלכע ער האט ליעבערסט געוואלט פערניכטען, איז ער דאך צופריעדען געווען מיט דער אונטערנעהמונג, דער געדאנקען אז ער וועט דאדורך רעטען זיין געליעבטע פרוי מיט זיין קינד פון נויטה און פון קוואל, האט איהם געיאָגט און געטריבען, ביז ער איז ענדליך געבליעבען שטעהן בייא דער טהיר פון דעם אלטען ר׳ אהרנ׳ס הויז.

דיא טהיר האט זיך געעפענט, און א פרוי פון אייניגע און זעכציג יאָהר מיט א גוטעס פריעדליכעס געזיכט איז איהם ענטקעגען געקומען, יעקב חיים האָט גלייך ערקענט אז זיא איז ר׳ אהרנ׳ס פרוי, דען ווען ער איז נאָך געווען אין דער ישיבה, האט ער אין דיא הויז צוויי טעג אין דער וואך געגעסען, קוים האט איהם אבער דיא גוטע פרוי בעמערקט, איז זיא מערקבאר צו שראָקען געוואָרען, און ניט ריידענדיג מיט איהם א וואָרט, האט זיא איהם געלאָזען שטעהען אליין און איז פון איהם אנטלאָפען געוואָרען.

— באַרעמהערציגער גאט ! האט יעקב חיים בלייבענדיג שטעהן בייא דער טהיר וויא פון בליטץ געטראפען, מיט א ווילדע פערצווייפלונג אויסגעמורמעלט, בין איך דען ווירקליך אזוי געזונקען אז זאָגאר דיא גוטע מענשען וויכען מיר אויס וויא דיא פעסט אין פליהען פון מיר וויא פון א שד?

פון גראם און פערדרוס האט יעקב חיים געוואָלט שוין פערלאָזען דאס הויז,

אָבער אין דעם אויגענבליק האט ער פּלוצלונג דערהערט אַ זיסע קלינגענדע שטימע אויסשרייענדיג דיא ווערטער.

— וועמען דארפסט דוא דאָ?

יעקב חיים האָט אויפגעהייבען זיינע גליהענדע אויגען, און ער האָט פאר זיך דערזעהען אַ יונגע זעבצעניאָהריגע שעהנע מיידעל, וועלכע האט איהם דרייסט אָנגעקוקט מיט איהרע הימעלבלאָע אונשולדיגע אויגען, יעקב חיים האט איהר גלייך דערקענט, אָבוואָהל זיא איז נאָך אַ קינד געווען ווען ער האט געגעסען דיא צוויי טעג אין איהר פאטערס הויז, נאר זעהענדיג אז זיא ווייכט איהם ניט אויס און קוקט איהם אָן מוטהיג גראדע אין געזיכט, איז ער בייא זיך אַ ביסעל פעסטער געוואָרען, און האט קורץ געענטפערט.

— איך וואָלט וועלען זעהען דיין פאטער.

— ליידער אָבער איז מיין פאָטער זעהר קראנק, האט דיא יונגע מיידעל זיפצענדיג געענטפערט, איך ווייס ניט אויב ער וועט דיר קענען עמפּפאנגען.

— וויא? האט יעקב חיים פערצווייפעלט אויסגערופען, ר' אהרן איז קראַנק?

— און דוא ווייסט עס ניט? האט דיא יונגע מיידעל פערוואונדערט געפרעגט, מען האט דאָך אויערעבכטען געזאָגט תהילים אין אלע בתי מדרשים, מען האָט פעלד געמאָסטען אין זיין נאָמען געענדערט, און דוא האסט דערפון גאָר ניט געהערט?

— ניין, ווייל איך וואוין אויסען שטאָדט, האָט יעקב חיים וועהרענדיג פערשעמט פון זיינע אייגענע ווערטער, טרויעריג ערווידערט, איז אַזוא פער מיר קיין האָפפנונג ניטאָ דיין פאטער צו זעהען?

— איבעריגענס, האָט דיא מיידעל נאָך זעהר אַ קורצען נאַכדענקען ערווידערט, ווארט דאָ אַ קליינע ווייקע, איך וועל איהם געהן פרעגען אויב ער קען דיר עמפפאַנגען.

— מיט דיא ווערטער איז דיא מיידעל פערשוואונדען געוואָרען, און אין אַ פּאָר מינוטען ארום האט זיא זיך צוריקגעקעהרט, און האט יעקב חיים'ען אריינגעפיהרט בייא דעם קראנקען אין צימער.

— וואס פערלאַנגסט דוא פון מיר? האט דער קראנקער ר' אהרן קוקענדיג אויף זיין גאסט מיט שמערצליכע מיטליידענדע בליקען, מיט אַ שוואכע שטימע אויסגעשפּראָכען.

יעקב חיים האט דערבייא בעמערקט, אז ר׳ אהרן האט צוריקגעצויגען זיין האנד, וועלכע ער האט איהם דערלאנגט, זיינע אויגען זיינען מיט בלוט פערלאָפען געוואָרען בייא דעם געדאנקען, אז זעלבסט דער עדעלער גוטער מענש, וועלכער האָט בייא דער אסיפה פאר איהם אזוי געשריטען, וויל יעצט אויך מיט איהם אין בעריהרונג ניט קומען, ער האט אבער זיין גליהענדען צארן גלייך בעהעררשט, און האט מיט א שארפע שטימע קורץ געענטפערט.

— איך פערלאַנג גנאדע, בארעמהערציגקייט, און פערצייהונג, ניט צוליעב מיר, נור צוליעב מיין אָרעמע אונגליקליכע פרוי און מיין קינד!

— דיא האסט דאס רעכט דאס זעלבע אויך פאר דיר צו פערלאנגען, האט דער קראנקער מיט קוים א הערבארע שטימע ערוויעדערט, מיט וואָס אבער קען איך דיר העלפען? וואהרשיינליך האָסט דוא דאך געהערט, אז איך האב בייא דיא לעצטע אסיפה אנגעווענדעט אלע מיינע קרעפטען דיר צו פערטהיידיגען, מיר איז אבער ניט געלונגען דיר צורעכטפערטיגען, און אין דער תורה שטעהט אחרי רבים להטות!

— אָבער ניט צו שלעכטס! האט יעקב חיים מיט א פעסטער שטימע אויסגערופען, דיא זעלבע הייליגע תורה זאָגט אונז אויך, לא תהיה אחרי רבים לרעות!

— דאָס איז אמת, איך בין דאָך אבער א מענש ניט קיין גאָט, וואָס קען איך וויסען אויב זייא האָבען דיר עהרליך אָדער פאלש פעראורטהיילט?

— דאן פערשטויסט איהר מיר אויך פון זיך! האט יעקב חיים מיט א ציטערענדע שטימע אויסגעשריען, וועהרענד זיינע אויגען האָבען אויפגעבליטצט וויא צווייא קוגלען פייער, אויך איהר, ר׳ אהרן, ווילט מיר ניט געבען אייער האנד מיר ארויסצושלעפען פון מיין טיעפען אונגליק? אָבער יעצט ווייניגסטענס איז מיין געוויסען רוהיג, איך האב פרובירט דעם לעצטען אין דעם גרעסטען אָפּפער צו בריינגען, און ניט אויף מיר וועט ערשט פאלען דיא שולד, ווען מיין לאגע וועט מיר פערשלעפען אין א טיעפערן זומפּ.

— דוא האסט מיר שלעכט פערשטאנען, האט דער קראנקער ר׳ אהרן מיט א מיטליידענדע מינע ערוויעדערט, איך וואלט דיר גערן העלפען ווען איך זאָל נור קענען, זאָג מיר אבער וואס פערלאנגסט דוא אייגענטליך פון מיר?

— איך וויל צוריקקעהרען פון דעם שלעכטען וועג, אין וועלכען מיין בייזער שיקזאל האט מיר פערשלעפּט, האט יעקב חיים מיט א ריהערענדע שטימע אויס־גערופען, מיין ארעמע אונגליקליכע אסתר האט מיר מיינע אויגען געעפענט, צוליעב

איהר און צוליעב מיין אונשולדיגען קינד, בין איך פערטיג שלום צו שליסען מיט אלע מיינע פערפאלגער, דיא טויערן פון תשובה איז דאך פאר אלע פערברעכער אָפען, איך וויל אז מען זאל זייא פאר מיר אויך עפענען, מען זאל מיר געבען דיא מעגליכקייט צו פעררירכטען וואס איך האב פערבראכען, איך אליין וועל בעפרייען דיא געפאנגענע, ווען מען זאל מיר נור—

— וועלכע בעדינגונג ווילסט דוא אבער שטעלען? האט דער קראנקער אריינפאלענדיג אין יעקב חיים'ס רייד, אונגעדולדיג אויסגעשפראָכען, וועלכען פרייז פערלאנגסט דוא דאפיר?

— איך פערלאנג פאר מיר גאָר ניט! האט יעקב חיים ענטשלאָסען ערווידערט, דאס איינציגע וואס איך פאדער פון קהל, איז אז זייא זאלען ארונטערנעהמען פון מיר דעם חרם, וועלכער האט מיר אָפגעשטויסען פון גאָט און פון מענשען, דאן וועל איך פערלאָזען דיא שטאָדט, און וועל פליהען פון דאנען וואו מיינע אויגען וועלען מיך טראָגען!

— דער גייסט פון דער תורה רעדט פון דיר! האט דער קראנקער ר' אהרן מיט א צופריעדענע מינע אויסגערופען, איך האָב עס פון דיר ערוואַרטעט, איך האָב געוואוסט אז דיא ליכט פון דער תורה וועט דיר מחזיר למוטב זיין, און איך בין זיכער אז גאָט וועט דיר העלפען צוגעהן אין גראדען וועג, זאָג מיר אָבער, וואס דענקסט דוא נאכהער צו טהאן? פון וואנען וועסט דוא לעבען? דוא ביסט דאך הילפלאָז און ארעם, זעלבסט דער זיידע פון דיין פרוי האט דאך איהר בערויבט פון זיין ירושה!

— דאס איז דאך עבען וואס איך האב אייך געוואָלט זאָגען! האט יעקב חיים ערווידערט ווען קהל זאל מיר אנערקענען פאר א בעל תשובה און ארונטערנעהמען פון מיר דעם חרם, דאן פערלירט דיא צוואה פון דעם אלטען געטציל שמערלען איהר קראפט, דאן מעגען זייא דאך מיר צוריק געבען דיא ירושה פון מיין פרוי, איך וועל עס דאן גלייך מאכען צו געלד, און וועל צוזאמען מיט מיין קליינע פאמיליע זאָפארט פערלאָזען דיא שטאָדט.

— איך גלויב דיר אז דוא מיינסט עס ערנסט, האט דער קראנקער ר' אהרן זיפצענדיג געענטפערט, איך צווייפעל אבער זעהר אויב דיא פאָרשטעהר פון קהל וועלען גלויבען אין אלע דיינע פערשפרעכונגען, וועלכע בעוויזע צום ביישפיעל קענסט דוא זייא געבען, ווען זייא וועלען דיר פרעגען, ווען מיר זאָלען שוין נאכגעבען דיין וואונש, מיט וואס אָבער זיינען מיר זיכער אז דוא וועסט ערשט דאן ניט אויפשפיעלען מיט זייא א נאייע קאמעדיע?

— מיין צוזבראכענע הארץ איז פאר זייא דער בעסטער בעוויז! האט יעקב חיים מיט א ריהענדע שטימע ערוויעדערט, דיא פיהרער פון קהל ווייסען גאנץ גוט אז ווען איך וואָלט געוואָלט מיט זייא פיהרען ווייטער קריעג, וואָלט איך מיר נים געדארפט ערניעדעריגען און בעטען זייער פערצייהונג, און פאלען פאר דיא פים, וועלכע האבען אויף מיט געטראטען, מיט דיא הילף פון דעם גובערנאטאָר וואָלט איך מיין ווייבס ירושה פון זייא מיט געוואלד צוריק בעקומען, איין נאָט אבער ווייס אז איך מיין עס ערענסט, איך וויל מיך מיט זייא מעהר נים קריעגען, דער וואונש פון מיין טייערע פרוי איז נור צו זוכען שלום, און איך וויל איהר געהאָרכזאם זיין!

— איך בין טויט קראנק, האָט דער קראנקער ר' אהרן מיט א שוואכע שטימע ערוויעדערט, מיר איז אונמעגליך מיין בעט צו פערלאזען, איך ראטה דיר אָבער אז דוא זאלסט אריבער געהען צום ראש הקהל און איהם זאגען אז איך האב דיר צו איהם געשיקט, רייד מיט איהם דיא זעלבע רייד, וועלכע דוא האסט ערשט מיט מיר גערעדט, איך האָף אז ער וועט דיין עהרליכבען וואונש ערפיהלען, און ווען איך וועל נור לעבען, וועל איך אויך נים שטעהען פון ווייטען.

יעקב חיים האט דעם קראנקען ר' אהרן מעהר נים בעלעסטיגט, ער האט זיך גלייך מיט איהם פערפבשיידעט, מיט שנעלע טריט איז ער גלייך אוועק צום ראש הקהל, וועלבער איז געזעסען פערשפארט אין זיין קאבינעט אין א טיעפען נאכדענקען, און דערהערענדיג דיא אונערוואַרטעטע שווערע טריט פון דעם בעזוכער איז ער האסטיג וויא ער וואָלט ערוואכט פון א טרוים, אויפגעשפרונגען פון זיין ארט, און האט צו שראקען אויסגערופען.

— ווער איז דאָ?

— איך יעקב חיים! האט איהר מיר נים דערקענט?

— אך! דוא ביסט עס? וואס פערלאנגסט דוא פון מיר?

— פריעדע! האט יעקב חיים מיט זעהר א פעסטער שטימע אויס־גערופען.

— דוא פערלאנגסט פריעדען? האט דער ראש הקהל ווארפענדיג אויף זיין גאסט פאַרשענדע בליקען' מיט א מיסטרויאישע מינע אויסגעשפראָכען, מיר איז עס שווער צו גלייבען!

— יא איך וויל נור שלום! האט יעקב חיים ערנסט עריוועדערט, הלואי, וואָלט אייך גאט געגעבען אזא הארץ וויא מיינע צו זוכען נור פריעדען, עס וואָל־טען שוין לאנג אויפגעהערט אלע קריעג אין שטאדט.

— ווער ווייס אָבער וואָס אין דיין הערצען טהוט זיך?

— זאָל איך אויפרייסען מיין הארץ און אייך ווייזען זיינע בלוטיגע וואונדען? שוין מיין יעטציגער קומען צו אייך בעטען שלום, בעווייזט דאך אייך אז איך מיין עס ערנסט, דען זאָגסט וואס וואָלט מיר געצוואונגען זיך צו אונטערוואַרפען אונטער דיא פיס פון מיינע פערפאָלגער? נור מיין צובראָכענע אידישע הארץ, וועלכע אנערקענט איהר שולד, האט מיר ערשט דאָ צו אייך געבראַכט איך קום ערשט פון דעם אלטען ר׳ אהרן, וועלכער האָט מיר געשיקט צו אייך מיט דער פערזיכערונג, אז איהר וועט מיר רעטען פון מיין אונגליק.

— און ווער וועט העלפען דיא יעניגע, וועלבע דוא האסט אריינגעוואַרפען אין אַ טיעפען אונגליק?

— איך! האט יעקב חיים מיט פייערשפייענדע אויגען פון אויפרעגונג אויס־גערופען, ווען איהר וועט מיר געבען דיא מעגליכקייט צו ווערען אַ בעל תשובה, וועל איך גוט מאַכען דאס וואס איך האב פערדארבען, איך שווער אייך בייא גאָט, אז איך וועל דיא געפאנגענע בעפרייען און זייא וועלען זאגאר קומען צוריק צו זייער שאדען, דאס איינציגע וואס איך פערלאנג פון אייך, איז נור אז איהר זאָלט פערגעסען אלעס וואס מיט מיר האט דאָ אין שטאָדט פאסירט, און שליסען מיט מיר פריעדען!

— נאַטירליך, האָט דער ראש הקהל מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל אויס־געשפּראָכען, און אלעס צוגאָב פערלאנגסט דוא געוויס צוריק דיא שטעלע פון קהלס׳ען שרייבער?

— מאַכט נור פון מיר קיין שפּאַס ניט! האָט יעקב חיים מיט אַ בייזע פינסטערע מינע אויסגערופען, שטויסט מיר פון זיך ניט צוריק אין דעם מאמענט, ווען איך וויל מיט מיין גאנצען הערצען צו אייך צוריק קעהרען, פערגעסט ניט אז איך בין אויך נור אמענש ניט קיין מלאך, עס איז אמת, אז איך האב מיט מיין צארן צו ווייט געטריעבען, איך האב שווער געגען אייך פערבראָכען, ווער האט מיר אבער דערצו געבראכט, ווען ניט איהר אליין? ווייניג האט איהר אייך געבאדען אין מיין בלוט און בעשמוצט מיין כבוד? איך וויל אבער ניט בעריהרען מיינע אלטע וואונדען, ניט צוליעב דעם בין איך ערשט געקומען צו אייך, איך האָב מיך ענטשלאָסען צו בעטען שלום און גוט צו מאַכען מיין בעגאנגענעם פעהלער, און ווען איהר וועט מיך ערשט צוריקשטויסען פון זיך, ווייס דער אויבערשטער וואס פון מיר און פון אייך אלעמען וועט ווערן, איך בעט אייך רחמים, פערצאַמט ניט

מיין וועג מיט דערנער, ניט פון סיינט וועגען, נור צוליעב מיין ארעמע פרוי און מיין אונשולדיגען קינד !

וויא עס האט אויסגעוויזען, האבען דיא ווערטער, וועלכע יעקב חיים האט מיט אזא שטרענגע אויפגערעגטע מינע אויסגעשפּראָכען, זייער ווירקונג אויף דעם ראש הקהל ניט פערפעהלט דען ער האט איהם גלייך געשטעלט א שטוהל, אויף וועלכען ער האט איהם געבעטען זיטצען, און נאכדעם וויא ער האט ניט מורא האב־ענדיג צו זיין אין זיינע פיער אייגען, האט ער נעהמענדיג פּלאַטץ איהם געגענאיבער זיך געווענדעט צו איהם מיט דיא ווערטער.

— חלילה ! עס פאלט מיר גאָר ניט איין צוריקצושטויסען א אידען, וועלכער וויל צוריקקעהרען צו גאט און צו זיינע ברידער, מיין ניט אז איך האב א שטיינער־נעם הערץ, וועלכע קען ניט מיטפיהלען דיינע שמערצען, נור מיינע שטעלונג אלס ראש הקהל פערלאנגט פון מיר צו זיין שטרענג, און מאנכעס מאל זאָגאר הארט־הערציג, דוא מענסט מיר גלויבען אז איך האב דיא גרעסטע מיטליידען מיט דיין פרוי, מיר האבען איהד זאָגאר געוואָלט אונטערשטיצען מיט געלט, מיר האבען עס נור רעריבער געטהאָן, אום דוא זאלסט ניט זאָגען אז מיר האבען מורא פאר דיר, אָבער גלייך פיעל ; מיך פרעהט זעהר אז דוא ביסט ענדליך צו דיין ריכטיגען שכל געקומען, זאָג מיר אלזא קורץ און שארף, וועלכען פּרייז פערלאנגסט דוא דען פאר דעם שלום ?

— איך פערלאנג, האט יעקב חיים מיט א פעסטער שטימע ערוויעדערט, אז איהר זאָלט דיא ערשטע זאך ארונטערנעהמען פון מיר דעם חרם, וועלכער האט מיר דערווייטערט פון גאָט און פון מענשען, דאן וועל איך בעפרייען דיא געפאנ־גענע, און זייא אומקעהרען צוריק זייער שאדען, איהר אבער מוזט מיין פרוי צוריק־געבען איהר זיידענס ירושה, איך וועל דאן אלעס מאכען צו געלד, און וועל צוזאמען מיט פרוי פערלאָזען דיא שטאָדט.

— איך וואָלט עס דיר זעהר גערען געטהאָן, ווען איך וואָלט עס נור געקענט.

— וואָרום אָבער קענט איהר עס ניט ? גלויבט איהר דען אז איך וועל נאכ־הער ניט האלטען מיין וואָרט ?

— דאָס פאלט מיר נאָר ניט איין, איך וויים אז דוא ביסט נור א גרויסער בעסן און א ביסעל לייכטזיניג, אבער יעדענפאלס ניט קיין ליעגנער און ניט קיין בעטרינער, מיר קענען אבער אונמעגליך דיא ירושה דיין ליעבע פרוי צוריק־געבען.

— פארוואס קענט איהר ניט ? האט יעקב חיים אָנשטרענגענדיג אלע קרעפטען צו בעהערשען זיינע אויפרעגונג, מיט א קינסטליכע רוהיגע מינע געפרעגט וואס שטעהט אייך דען אין וועג ?

— אונז שטעהט אין וועג דיא צוואה ! האט דער ראש הקהל ערנסט גע־ענטפערט, ר׳ געטציל שמעריל האט דייטליך אין צוואה געשריבען, אז נור דאן זאָל מען זיין אייניקעל אסתר אפגעבען זיין ירושה, ווען זיא וועט זיך ענטשליסען צו נעהמען גט פון איהר מאן, און וויא קענען מיר האנדלען געגען דעם ווילען פון דעם מת ?

— יא איהר האט רעכט, האט יעקב חיים מיט א ווילדע פערצווייפלונג אויסגעמורמעלט, עס גיעבט אלזא פאר מיר קיין האפפנונג ניט זיך צו רעטען פון אונגליק !

— דאס זאלסט דוא ניט זאגען ! האט דער ראש הקהל גאנץ רוהיג געענטפערט, עס זיינען דאָ גענוג וועגען, אין וועלכע דוא קענסט דיין ציעל ער־רייכען.

— דאן זאָגט מיר וואס האב איך צו טהאָן ?

— מיין עצה איז, האט דער ראש הקהל ענסט געענטפערט, אז דוא זאלסט קיינעם ניט זאָגען אז דוא ווילסט ווערן א בעל תשובה, דען דאס קען זעהר פיעל שאדען צו דיין לאגע. איך קען דעם חאראקטאַר פון אונזערע ברידער בעסער פון דיר, אום צו זיין פאר זייא א בעל תשובה וועט זייא זיין וועניג דער טעלעריל פון הימעל, וויא ערנסט און עהרליך דוא וועסט מיט דיין תשובה מיינען, וועלען זייא אימער געפינען וואס אויסצוזעטצען אויף דיר, צו זוכען נייע בלבולים, און דיר דערמאנען דיינע אלטע חטאים, דאס בעסטע איז נאך מיין מיינונג, אז מיר זאלען ארויסלאזען א קלאַנג, אז עס איז געלונגען דיר אונטערצוקויפען מיט געלד, אום דוא זאלסט בעפרייען דיא געפאנגענע, דאן בין איך זיכער אז זייא וועלען אלע שרייען מיט איין קול, אז מיר זאָלען דיר געבען וויא פיעל דוא פערלאנגסט נור עס זאלען ווערן שלום אין שטאָדט, איך קען דיר פערשפרעכען אז ניט שפעטער וויא אין דריי טעג ארום וועל איך דיר קענען געבען דעם פרייז פון צעהען טויזענד רובל פאַר דעם פריעדען, וועלכען דוא פערלאנגסט, און וואס דיא ירושה בעטרעפט, האט עס נאך צייט, דערמיט וועלען מיר נאכהער זעהען.

— דאס וויל איך אבער ניט, האט יעקב חיים מיט א נערוועזע אויפרעגונג אויסגערופען, איך מיין באמת זיך צוריק צוקעהרען פון מיין שלעכטען וועג, דער־איבער וויל איך אז מען זאל ארונטערנעהמען פון מיר דעם חרם, איך זאל ניט

צוריקגעשטרטעסן פון מיינע ברידער, איהר ווייסט אַלע, אז דעם פערברעכען, וועלבע איך בין בעגאנגען, האב איך אויך ניט צוליעב געלט געטהאן, נור מיין צארן האט מיר דערצו געטריעבען, ניין, אזעלבע אומזיסטע בלוטיגע געלט וויל איך ניט, אזוי געזונקען בין איך נאך ניט, איך וואלט דאן דעם רעספעקט צו זיך אליין פערלאָרען און מיין פרוי וואָלט מיר פעראכטעט!

— דאן בלייבט פאר דיר איבעריג נור דער איינציגער וועג.

— וועלכען וועג מיינט איהר?

— אז דוא זאָלסט צו ערשט געבען דיין פרוי גט, און נאכדעם וויא זיא וועט בעקומען פון קהל דיא ירושה פון איהר זיידען, וועסט דוא מיט איהר צוריק הייראטהען.

— היה לא תהיה! האט יעקב חיים מיט א ווילדע אויפרעגונג אויסגערופען, ווען מען זאָל מיר אפילו געבען אלע אוצרות פון דער וועלט, וועל איך מיין געליבטע פרוי ניט גט'ן, דיא עצה געפעלט מיר ניט, דאס איז פאר מיר גאר קיין פלאן ניט!

— איך פערשטעה ניט פאר וואס דיא עצה געפעלט דיר ניט; האָט דער ראש הקהל קוועצענדיג מיט דיא פּלייצעס ערוויעדערט, ביסט דוא דען ניט זיכער מיט דיין פרוי, אז זיא וועט נאכהער זיך מיט דיר ווידער פעראייניגען, נאכדעם וויא זיא וועט בעקומען איהר זיידענס ירושה?

— אין דעם צווייפעל איך ניט! האט יעקב חיים מיט א שארפע שטימע געענטפערט, ווען מיין ליעבע אסתר האט זיך געקענט ענטשליסען צו טהיילען מיט מיר מיינע ליידען אין דיא צייט ווען איהר האט מיר מחרים געווען און מיין בכוט הפקר געמאכט, וואלט איהר געוויס דיא ירושה ניט צוריק געהאלטען, אום מיט מיר נאך א מאל זיך צו פעראייניגען, איך בין אבער איבערצייגט אז זיא וועט עס ניט וועלען פאר קיין געלט אין דער וועלט!

— יעדאך וואלט עס ניט שאדען, ווען דוא זאלסט פּרובירען איהר מאכען דעם פארשלאג!

— ווען אסתר זאל אפילו צו שטימען צו דעם פּלאן, וואלט איך עס אליין ניט וועלען.

— וואָרום אייגענטליך?

— איינפאך דעריבער, ווייל מען קען ניט וויסען וואָס עס קען זיך מאכען, איך בין איבערצייגט, אז ניט צוליעב מורא פאר גאט אדער אוים ליעבע צו קהל האט זבדיה דער באנדיט געגראָבען פאר מיר דעם קבר, ווער קען מיר זיכערען אז

דער זעלבער רוצח וועט ניט געפינען מיטלען אויפצוהאלטען דיא ירושה, אום ער זאל קענען האבען דיא מעגליכקייט צו פאנגען מיין געשיעדענע פרוי אין זיין נעטץ? איהר ווייסט דאך מכתמא, אז ער האט אויף איהר זיינע אונפערזעמטע אויגען געוואָרפען!

— מעגליך אז דוא האסט רעכט, דאן זאָג מיר דוא אליין וואָס איך קען טהאָן פאר דיר, איך האב פאר דיר קיי אנדער עצה ניט!

— איך וועל אייך זאָגען וואָס איהר קענט טהאן פאר מיר! האט יעקב חיים נאך א קורצען נאכדענקען ערוויעדערט, אין דער צואה איז געשריבען, אז פאלס אסתר וועט ניט וועלען נעהמען פון מיר גט, זאל דיא ירושה בלייבען בייא קהל, עס איז דאך אבער ניט געזאָגט אז קהל זאהל עס צונעהמען אומזיסט, קהל מעג זיך האלטען מיט דאס הויז און מיט אלעס וואס עס איז פון דעם אלטען ר׳ געטציל שמערלען געבליעבען, דעם ווערטה אבער פון דער ירושה דארף קהל אויס־צאָהלען מיין פרוי מיט געלט, און ווען דער חרם וועט זיין פון מיר ארונטערגענומען און איך וועל זיין א פרייער מענש, דאן וועל איך אייך מעהר צו לאסט ניט פאלען, מיר וועלען דאן זאָפאָרט פערלאזען דיא שטאָדט.

— דיין עצה וואָלט ווירקליך געוועזן זעהר גוט און ריכטיג, האט דער ראש הקהל מיט א בעזאָרקטע מינע ערוויעדערט, איך צווייפעל אבער זעהר אויב מיר וועט געלינגען איהר אוים צו פיהרען, ווער ווייס אויב עס וועלען זיך ניט געפינען צאנקזיכטיגע בעלי בתים, וועלכע וועלען זוכען מיין פארשלאָג צו צערשטערען? דוא קענסט דאך אונזערע ברידער, ווען איינער זאגט טאג מוז דער צווייטער זאגען נאכט, און פערפיהרען מיט זייא א קריעג בין איך שוין דער פאר צו שוואך.

— איך פערשטעה אייך ווירקליך ניט, האט יעקב חיים פערדריסליך אויס־געשריען, יעצט עבען האט איהר אליין געזאָגט, אז פאלס איך וועל בעפרייען דיא געפאנגענע, זייט איהר אומשטאנדע מיר צו געבען אומזיסט צעהן טויזענד רובל, און ווען איך פערלאנג נור דעם ווערטה פון דער ירושה צווייפעלט איהר אויב אייך וועט געלינגען אזא קלייניגקייט פאר מיר אוים צו ווירקען.

— איך ציהע נאך ערשט אויך מיינע ווערטער ניט צוריק, האט דער ראש הקהל ערנסט געענטפערט איך ווייס וואס איך זאָג, ווען איך זאל מאָרגען רופען אן אסיפה און מעלדען דעם עולם, אז מיר איז געלונגען אונטערצוקויפען דעם מסור מיט געלט, וועלען אלע מיט איין קול מסכים זיין, גאַץ אנדערש וועט אבער זיין ווען איך וועל זייא פארלייגען דעם פלאן, אז מען זאל דיר אויסצאהלען מיט געלט

דעם ווערטה פון דער ירושה, דאַן וועט זיך אנהויבען א גאַנצע שקלא וטריא, ויכוחים מיט סכסוכים, און גאָט ווייס וויא לאנג זייא וועלען עס פערשלעפּען, און צווישען זיך רוידענדיג, וויל איך דיר פערטרויען דעם סוד וועלכען, איך האב נאָך אויף מיינע ליפּען ניט געבראַכט, דוא מוזט וויסען אז איך אליין האב אויך מורא פאַר דעם זבדיה'ן וועלכער האט פערשטאַנען וויא זיך איינצושמייכלען בייא קהל, און ער נעהמט זיך ערשט זעהר א ברייטע דעה, איך בין זיכער אז ער וועט דער ערשטער ארויסטרעטען געגען מיר און מיט זיין גיפטיגען צונג וועט ער שוין גע־פינען געגנוג נאָכשפּרינגערס, וועלכע וועלען צערשטערן מיין פּארשלאַג, און וואס וועל איך דאַן טהאָן ? איך בין אלט און שוואך און ר' אהרן איז זעהר קראַנק, און או זעריע איבעריגע פיהרער, גאָט זאל מיר ניט שטראָפען פאַר מיינע רייד, זייא זיינען בהמות בצורות מענשען, איבעריגענס האב איך געהערט אז זבדיה איז גראַדע ערשט אין שטאָדט ניטאָ, איך וועל מיך דעריבער צואיילען און מאָרגען רופען איין אסיפה, פיעללייכט וועט מיר געלינגען דיין עהרליכען וואונש צו ערפיהלען, קום אלזאָ מאָרגען צו מיר אין דיא זעלבע צייט, וועל איך דיר זאָגען א קלאָרע תשובה.

— יעקב חיים האט דעם ראש הקהל הערצליך בעדאנקט, און מיט א הערץ פול מיט האָפפענונג האט ער צוריק געקעהרט צו זיין פרוי אום איהר צו ערצעהלען אלעס וואס ער האט אין דעם טאָג אויפגעטהאן.

יד.

חטאים אין שטאָדט.

ווער עס וויים דיא מאכט פון דעם מאמר „כל ישראל ערבים זה לזה"! דאס הייסט אז אלע אידען בירגען איינער פאַר דעם צווייטען, ווער עס האט צוגעזעהן דיא צרות און דיא אונגליקען, וועלכע דיא ערבות האט בייא אידען געבראַכט, דער וועט זיך וועניג וואונדערן איבער דער סצענע, וועלכע האט זיך אונטערדעסען אָפּ־געשפּיעלט אין שטאָדט.

א קלאַנג איז ארויס, אז אין שטאָדט האָט אויסגעבראָכען א מגפה, און ניט געגוג וואָס אייניגע קליינע קינדער זיינען פּלוצלונג געשטאָרבען, דיא מגפה האט אויך בערויבט דיא גרעסטע צוויי נכבדים פון שטאָדט, פריהער איז געשטאָרבען ר' געטציל שמעריל דער גבאי פון חברה קדישא, און ערשט איז נפטר געוואָרען דער

אלטער ר' אהרן, און דער שטאָדט מגיד האט אויספיהרליך אין זיין הספד גע־
זאָגט, אז איבער דיא זינד פון דעם דור איז דער צדיק געשטאָרבען.

אין אזא שלעכטע צייט וואו עס האנדעלט זיך אום סכנת נפשות איבער דיא
זינד פון דור, האבען אונזערע פרומע בעלי בתים פערגעסען יעקב חיים דער מסור,
דעם נייען שטרענגען גובערנאטאָר, און דיא אונגליקליכע געפאנגענע, וועלכע
האָבען געשמאכטעט אין אָסטראָג, און מיט א ווילדען אייפער האָבען זייא זיך
גענומען זוכען אין שטאָדט חטאים, דורך וועלכע דיא מגפה איז אויסגעבראכען;
און זייא האבען ניט פיעל נעדארפט זוכען. נאך וועניג מיהע איז זייא געלונגען צו
פאנגען אין זייער נעטץ צוויי גרויסע שווערע פערברעכער, וועלכע דיא שטאָדט
האָט דעם אונגליק פון דער מגפה צו פערדאנקען. דיא צוויי פערברעכער זיינען גע־
ווען; א בחור מיט א מיידעל, וועלכע מען האָט ערשט געפיהרט מיט גרויס פאראד
דורך אלע גאסען אין בית המדרש וואו איין עקסטרא אסיפה איז איבער זייא אָפּ־
געהאלטען געוואָרען.

דער בחור יוסף זמרי דעם פארבערס זוהן האט שוין לאנג זיין גוטען נאמען
אין שטאָדט פערלארען, דען אויסער וואס ער איז פון דער נאטור געווען הויך גע־
וואקסען און זעהר שעהן, האט ער אָפּגעקירצט זיינע קליידער העכסט נייסאָדעש,
פון פאות איז בייא איהם קיין זכר ניט געווען, זיין פארהעמד איז געווען געפרעסט
ווייס און זיינע שטיוועל האָבען אימער געגלאַנצט, מען האָט זאָגאר געמורמעלט
אין שטאָדט, אז דער זעלבער בחור איז אזוי ווייט פעעקראָכען פון אידישען וועג,
אז ער וואשט זיך מיט זייף און קאמט זיך אום שבת, דאָך האט קיינער ביז
עטצט ניט געוואגט איהם צו בעריהרען, ווייל זייא האבען מורא געהאט פאר
זיין פאָטער, זמרי דער פארבער, וועלכער איז געווען זעהר רייך און א גרויסער
תקיף בייא נאצאילסטוואָ, ערשט אבער האבען זייא אויסגענוטצט די געלעגענהייט
וואָס זמרי דער פארבער איז גראדע ניט געווען אין שטאָדט, דערצו האט זייא
דער שרעק פון דער מגפה געמוטהיג צו פאנגען דעם העכט אין זייער נעטץ, און
איהם פארצופיהרען פאר זייער אינקוויזיטארישען געריכט.

דער אלטער ר' אהרן איז געשטארבען ערב שבת, און דיא גאנצע שטאָדט
האט איהם מלוה געווען, און ווען דער שטאָדט מגיד, וועלכער האט איהם מספיד
געווען אייפ'ן רייגעם אָרט, האט מיט א יאָמערליכע שטימע אויסגערופען, אז איבער
דיא זינד פון דעם דור איז דער צדיק נפטר געוואָרען, איז אויף אלעמען געפאלען
א מוים שרעקענש, גלייך אויף מארגען אום שבת נאך קריאת התורה, האט דער

שמש אויף דעם בעפעהל פון גבאי פאלגענדען חרוז אין דער הויף פאר דעם עולם פארגעלעזען.

— רבותי א מגפה רחמנא לצלן האט אויסגעבראכען אין שטאָדט, און אזוי ויא איהר ווייסט, אז כל ישראל זיינען ערב איינער פאר דעם צווייטען, לכן איז א מצוה אויף יעדען איינעם ווער עס וויס אן עברה פון צווייטען, זאל קומען און מעלדען צו קהל!

אין בית המדרש איז געווארען א גרויסער לארעם און א טומעל, איינער האט ניט געוואוסט וואס דער צווייטער האט גערעדט, מעהר וויא אלע האבען אבער געלארעמט דיא ווייבער פון עזרת נשים, זייא האבען געקלאָגט און געוויינט וויא יום כפור צו ונתנה תקף, אין דעם טומעל האט פלוצלונג איינע פון דיא ווייבער מיט א קוויץ אויסגעשריען, אז דער שמש זאל זאָפאָרט ארויפגעהען אין עזרת נשים, דען זיא האט דעם עולם וואס וויכטיגעס צו מעלדען.

דער שמש איז גלייך ארויפגעשפרונגען אין דיא ווייבערשע שוהל, אין א פאָר מינוטען שפעטער האט ער צוריקגעקעהרט און האט זיך געווענדעט צום עולם מיט דיא ווערטער.

— רבותי! איך וויים שוין ווער דיא בעלי חטא׳ניקעס זיינען, מלכה שפרינצה ביילעס דיא אלמנה, וועלבע וואוינט בייא זמרי דעם פארבער, האט אליין געהערט פון דיא ערלית, וועלבע נעהמט אראָפ דיא לייבטער און הייצט דיא אייוועגס אין זמרים הויז, אז זיא האט אליין געזעהן, וויא זיין זוהן יוסף דער תכשיט האט זיך געקושט מיט זיין שוועסטערס טאָכטער דיא יתומה, וועלבע איז אויפגעצויגען געוואָרען מיט איהם צו זאמען אין זיין פאָטערס הויז.

א טויט שרעק איז אויף אלעמען געפאלען הערענדיג דיא ווערטער, אלע האָבען געוואוסט אז דער בחור איז ניט פרום, נאָר אז ער זאל טהאן אזא נבלה זיך ערלויבען צו קושען מיט א מיידעל, דאס האט קיינער פון איהם ניט ערווארטעט יעצט ערשט האבען אלע געוואוסט ווען מען האט דיא שרעקליכע מגפה אין שטאָדט צו פערדאנקען, און ענדליך נאָך א גרויסען לארעם און ווילדע געשרייען איז בעשלאָסען געוואָרען, אז מען זאל ביידע שווערע פערברעכער מארגען פאר־פיהרען פאר קהל, אום זיך עפענטליך צו בעראטהען, וועלבע שטראפע זייא צו געבען.

און דער בעשלוס איז ריכטיג אויסגעפיהרט געוואָרען, גלייך אויף מאָרגען נאבען דאוונען, האבען דיא שמשים אויפ׳ן בעפעהל פון גאנצען אויפגערעגטען עולם געבראכט דיא ביידע שווערע פערברעכער אין בעגלייטונג פון א גאנצע באנדע

יונג ווארג, וועלכע זיינען זייא נאכגעלאפען מיטווילדע געלעכטערס ביז דעם שוהל הויף, דארט האט זייא ערווארטעט א גרויסער עולם, און נאך א קורצע בעראטהונג איז בייא דיא פרומע גאָטס קאזאקען געבליעבען, אזוי וויא דיא מיידעל איז דאך ניט קיין אשת איש, קומט זייא ניט קיין מלקות, נור אום צו ווייזען א ביישפיעל פאר אלע איבעריגע בחורים און מיידלאך אין שטאָדט, זאל מען זייא עפענטליך פערשעהמען, און זיך לוסטיג מאכען איבער דיא בעלי עברה׳ניקעס.

און דער גאָטעס פירכטיגער עולם האט לאנג ניט געווארט, א קורצע צייט שפעטער איז דער שעהנער בחור געווען ניט צודערקענען, א פערפעכטער זאק האט פערדעקט זיין קערפער, אויף זיין קאָפּ איז ארויפגעצייגען געווארען א גרויסער פאפירענער קאפעלוש, וועלכער איז אויך בעגאָסען געווען מיט פעך און אָנ־געשטעקט מיט הינערשע פעדערן, דער אונגליקליכער בחור איז אזוי צוטומעלט געווען, אז ער האט גאר ניט געוואוסט וואס מיט איהם טהוט זיך, ער האט זיך זאָגאר ניט פערטהיידיגט ווערהענד איינער פון דיא שמשים האט איהם געבונדען דיא הענד, און האלטענדיג דעם ברעג פון דיא שטריק אין זיין האנד, האט ער איהם געפיהרט וויא איין אָקס צו דער שחיטה אונטער א בעגלייטונג פון הונדערטע קינדער, וועלכע האבען מיט ווילדע קולות נאכגעשריען.

— דער בעל חטא, דער בעל חטא!

אין דיא זעלבע צייט האבען דיא שמשים פון פיער פלעקער אריבער געצייגען מיט א שווארצען זאק אויפגעשטעלט א חופה, וועלכע הונדערטע אינגלאך האבען פעסט געהאלטען, גלייך דערויף איז אויך דיא אונגליקליכע מיידעל אָנגעצייגען גע־ווארען אין אזא עהדען קאסטיום, און אונטער א בעגלייטונג פון א קאטצען יאָמער מיט שאהלענדע ווילדע געלעכטערס, האט מען איהר ארונטער געפיהרט אונטער דער חופה בייא דער זייט פון דעם יונגענמאן, וועלכער האט זיך קוים געהאלטען אויף זיינע פיס, דאן ערשט האט זיך אנגעפאנגען דיא ריכטיגע לוסטיגע קאָמעדיע, ווער עס האט געהאט א נאָדעל, דער האט דיא אונגליקליכע געשטאָכען, ווער עס האט נאָר געהאט הענד, דער האט זייא פערוואָרפען מיט בלאָטע און מיט קיהישע מיסט ווערהענד דיא לוסטיגע אינגלאך, וועלכע זיינען דעם טאג פריי געווען פון דיא חדרים, האבען געפאטשט מיט דיא הענד און געשריען אנשטאט מזל טוב א שלעכ־טער מזל, א שלעכטער מזל אויף דיא בעל עברה׳ניקעס!

אָבער אין דעם אויגענבליק, ווען דער גאנצער עולם איז צו זעטצט געוואָרען לאבענדיג, האט עט וואס בעזאָנדערס פאסירט וואס עס האט אויפגעציטערט אלע פערזאמעלטע, דיא פיס פון דיא אונגליקליכע מיידעל האבען זיך אונטער איהר גע־

נומען בייגען, און פלוצלונג איז זיא וויא א שטיין געפאלען צו דר'ערד, אבער אין דעם מאמענט, ווען דיא שמשים זיינען מיט א ווילדע האסט צוגעשפרונגען צו דיא אונמעכטיגע מיידעל, אום איהר אויפצומינטערן, האט דער צוטומעלטער בחור געפונען זיין פערלארענעם מוטה, און אויסשרייענדיג מיט א געוואלדיגע שטימע, מערדער! איהר האט דיא אונגליקליכע געטייטעט, איהר וועט אלע געהען נאך סיביר! האט ער זיך וויא א ווילדער צורייצטער טיגער ארויפגעווארפען אויף דיא שמשים, און מיט זיינע אייזערנע פויסטען האט ער גענומען באמבארדירען אויף זייערע קעפ, דער לארעם און דער געוואלד איז געווארען אונבעשרייבליך, דיא שמשים, וועלכע זיינען מיט א ווילע פריהער געווען אזעלכע גרויסע העלדען, האבען זיך ערשט געצאפעלט אונטער דעם בחור'ס הענד וויא היהנער אונטער דעם חלף פון שוחט, בייא אנדערע איז געווען אויסגעריסען דיא בערד מיט דיא פאות, און בייא דיא איבעריגע איז געווען אונטערגעשלאגען דיא אויגען, און אלע מיט איין קול האבען געשריען, אידען, ראטעוועט!

עס האט זיך צוואר געפונען איינע מוטהיגע מענער וועלכע זיינען צו געשפרונגען צו דעם צורייצטען בחור, און האבען איהם פרובירט מיט געוואלד אפּרייסען פון דיא אונגליקליכע שמשים, אבער אין דעם אייגענבליק איז פלוצלינג זמרי דער פארבער ערשינען אויפ'ן פלאטץ, און דערזעהנדיג דיא שעהנע חתונ'קע, וועלכע קהל האט דא זיין זוהן מיט דיא מיידעל אויפגעשפיעלט, האט זיך ערשט אנגעהויבען א נייע מלחמה, וויא א וואהנזיניגער איז דער אויפגערעגטער זמרי ארויפגעפאלען אויף דעם גאנצען עולם, און האט גענומען אויסטהיילען זיינע פויסטען יעדען איינעם ווער עס איז נור אריינגעפאלען אין זיינע הענד, ביז דער גרויסער צושראקענער עולם זיינען ענדליך וויא צו שראקענע האזען צולאפען איינציג ווייז.

דער רעזולטאט פון דיא אינקוויזיטארישע קאמעדיע, איז ווירקליך געווען זעהר א שרעקליכער, דיא אונגליקליכע מיידעל האט דיא גרויסע שאנדע ניט געקענט איבערלעבען, זיא איז אריינגעפאלען אין א שווערע היצקראנקהייט, און אין אייניגע טעג ארום איז זיא געשטארבען, דאן האט זמרי דער פארבער געשווארען צונעהמען נקמה פון שטאדט און פון אלע איהרע איינוואוינער.

טו.

דיאווילדע פערצווייפלונג.

מיט א הערץ פול מיט האפענונג האט יעקב חיים צוריקגעקעהרט פון ראש הקהל צו זיין ארעמע פרוי, וועלכע ער האט אלעס ריכטיג איבערגעגעבען, אסתר איז געוועזן פאלע פריידע און אין דיא בעסטע האפענונג, אז קהל וועט איהר מאנס פארשלאג אננעהמען, און זייא וועלען ענדליך קענען פערלאזען דיא שטאדט, אין וועלכע זייא האבען אזוי פיעל געליטען, דיא אונגליקליכע האבען אבער אומזיסט געהאפט, דען גאנץ אנדערש האט דער שיקזאל זייער לאס בעשטימט.

דער אלטער רעכטשאפענער ר׳ אהרן, איין וועלכען יעקב חיים האט פיעל גערעכענט, איז געשטארבען, און דער ראש הקהל, אבוואהל ער איז איהם גוט געוועזן, און ער וואלט איהם גערען געטהאן דיא טובה, דאך האט ער איהם ניט געקענט העלפען, דען דיא אסיפה, וועלכע ער האט פעררופען, האט בעשלאסען ניט צו טהאן דעם שריט איידער זייא וועלען אנפרעגען זבדיה׳ן, און דער ראש הקהל איז געצוואונגען געוועזן נעגען זיין ווילען אנצופרעגען אין א בריף זבדיה׳ס מיינונג איבער דער אנגעלעגענהייט.

זבדיה האט אבער גלייך געענטפערט אין א בעפעהליטען טאן, אז מען זאל זיך ניט אונטערשטעהן נאכצוגעבען דעם מסור׳ס ווילען, אונטערשטיצען מוסרים איז א פערברעכען געגען גאט און א שאנדע פאר זיך אליין, נור דאן זאל מען איהם צוריקגעבען דיא ירושה, ווען ער וועט זיך שיידען מיט זיין פרוי לויט וויא עס איז געזאגט אין דער צואה.

דער שטרענגער בריף האט זיין ווירקונג ניט פערפעהלט, קהל האט זיך ענדליך ענטזאגט נאכצוגעבען יעקב חיימס עהרליכע ביטע, און דער ביטערער נויטח האט זיך בעוויזען מיט זיין פיעלע מאכט אין דיא ארעמע פוערשע הייזעל, אין וועלכע דיא אונגליקליכע פאר האבען געוואהנט. אומזאנסט האט דיא ארעמע אסתר געזוכט צו טרויסטען איהר בעטריבטען מאן, איהרע צערטליכע רייד זיינען איהם נאר אין זיינע אויערן ניט אריין, א ווילדע פערצווייפלונג האט איהם בעהערשט, נייע געדאנקען פון נקמה פון אלע זיינע פערפאלגער, זיינען וויעדער אריינגעדרונגען אין זיין געבראכענעם הערץ און האבען איהם ניט געלאזען רוהען אין דיא לעצטע צייט, ווען זיין לאגע האט איהם געבראכט צו איינפאכע הונגערס

נוימה, האט דער אונגליקליכער יעקב חיים געזוכט אויס צו ווייזען זיין גוטע ארעמע פרוי, ער האט ניט געקענט זעהען איהרע ליידען, און ער האט אויך ניט געוואלט אז זיא זאל מערקען וואס עס קומט פאר בייא אין הארצען, דעריבער פלעגט ער דיא לעצטע צייט זעהר וועניג זיטצען צו הויז. און א״וע וועלכען בעשטימטען ציעל פער זיך צו האבען פלעגט ער וויא א וואהנזיניגער ארומלויפען אין דיא גאסען ווארפענדיג פערצווייפעלטע בליקען ארום און ארום.

אין א געוויסען אבענד, ווען א שטארקער פראסט ווינט האט דרויסען פורכטבאר געשטורעמט, און דער איינציגער פענסטער אין דיא ארעמע פויערשע הייזעל, וועלכער איז געווען פערווארפען איבער דיא העלפט מיט שניי, האט נאך פערגרעסערט דיא פינסטערניס אין דעם ענגען שמוציגען קבר, זיינען געזעסען דיא אונגליקליכע פאר יעקב חיים מיט אסתרן, און האבען צווישען זיך געפיהרט פאלגענדע געשפרעך.

— וואס דיינקסט דוא דאך ערשט צו טהאן? האט אסתר מיט א קינסטליכע רוהיגע מינע געפרעגט?

— וואס קען איך טהאן? האט יעקב חיים מיט זעהר א ווילדע פערצווייפלונג אויס געמורמעלט, פאר אונז איז שוין יעדער פונק פון האפפענונג אויסגעלאשען.

— וואס וועט אבער ווערן פון אונז? מיר וועלען דאך שטארבען פון הונגער!

— דאן רוף צו גאט און ער וועט דיר העלפען.

— געוויס האף איך צו גאט, א מענש טאר זיך אבער אויף נסים ניט פערלאזען, מען מוז עפעס טהאן, און גאט וועט העלפען!

— דעריבער ראטה איך דאך דיר, אז דוא זאלסט צו איהם רופען, האט יעקב חיים מיט א גיפטיגען שמייכעל אויסגעשפראכען, גאט איז דאך א רחום וחנון, ער קען דאך ניט צו זעהען קיין אונרעכט, און בלייבען גלייכגילטיג ווען מענשען באדען זיך אין דיא בלוט פון זייערע מיטמענשען, רוף צו איהם בעט ביי איהם גנארע, ער איז דאך בארעמהערציג, פיעללייכט וועט ער דערהערען דיין געבעט און וועט אונז העלפען!

— איך בעט דיר, מיין טהייערער, האט אסתר ווארפענדיג אויף איהר מאן ריהרענדע בליקען, מיט א ציטערענדע שטימע אויסגעשפראכען, הער אויף מיט מיר צו ריידען אזעלכע שרעקליכע רייד, איז אונז נאך וועניג אונזערע ערשטע זינד אז מיר זאלען נאך לעסטערן גאט אין אונזער יעצטיגער טרויעריגע לאגע?

— האב איך דען געלעסטערט גאט ? האט יעקב חיים מיט א וואהנזיניגען שניידענדען געלעכטער אויסגערופען, איך האב דאך נור געשפראָכען פון זיינע בארעמהערציגקייט !

— יעקב חיים ! האט אסתר מיט א וויינענדע שטימע אויסגעשריען, איז דיר ווייניג מיינע קוואל און מיינע ליידען, אז דוא פּלאגסט מיר נאָך מיט אזעלכע גיפטיגע ווערטער ? איך האלט מיר אָן מיין גלייבען, אז גאָט איז גערעכט, אז ער פערלאָזט ניט דיא יעניגע, וועלכע האפען צו איהם, און ווער ער שטראָפט אונז פאר אונזערע זינד, איז עס אבער נור ביז א צייט, מיר טארען אונזער האפנונג אָן איהם ניט פערלירען, דען ער איז גנעדיג און בארעמהערציג !

— דאָן רוף איהם, בעט איהם, וויין פאר איהם, פיעללייכט וועט ער דיר ענטפערן ! האט יעקב חיים אויפשפרינגענדיג פון זיין ארט מיט ווילדע אויס־געגלאָטצטע אויגען אויסגעשריען, איך גלויב ניט אין א גאט אין הימעל און אין גע־רעכטיגקייט אויף דר'ערד, נור פאר דומע מענשען איז גאָטעס נאמען א שרעק, ווען עס וואָלט ווירקליך געווען א בערעמהערציגער גאָט אין הימעל, וועלכער זעהט צו פון אייבען אלעס וואס עס טהוט זיך אונטען אין דיא פינסטערע וועלט, וואלט ער איין אנדער אָרדענונג געשאפען.—

— גוטער גאָט ! האָט אסתר אויפהויבענדיג איהרע אויגען צום הימעל, מיט א ציטערענדע שטימע אויסגעשפראכען, שטראף איהם ניט פאר זיינע רייד, דען נור זיינע צרות טרייבען איהם צו דיא פערצווייפלונג.

— דוא האסט מורא אז ער זאל מיר חלילה ניט שטראָפען ! האט יעקב חיים מיט א גוואלדיגע שטימע אויסגעשריען, וואס קען ער מיר טהאן ? און וועמען וועט ער טהאן ? וועט ער דערמיט בעווייזען זיינע גבורות, ווען ער וועט צו ברעכען א צובראָכענעם שארבען ? איך האב ערשט אויף קיינעם ניט צו האָפען נור אויף זיך אליין, איך אליין מוז מיר העלפען !

מיט דיא ווערטער האט דער אונגליקליכער יעקב חיים א וואָרף געטהאָן א ריהרענדען בליק אויף דיא וויעגעלע, אין וועלכע זיין קינד האט זאנפט געשלאָפען, און ניט מעהר הערענדיג אסתר'ס ווערטער, איז ער מיט א ווילדע האסט ארויס־געלאפען פון הויז.

טז.

דער שטילער מאָרד.

ארויסלויפענדיג פון הויז, האט זיך דער אונגליקליכער יעקב חיים ערגינערט, אז זמרי דער פארבער, וועלכער האט געשוואָרען צו נעהמען ראַכע פון דיא שטאָדט פאר דיא בלוט פון זיין שוועסטערס טאָכטער, וועלכע זייא האבען פערגאָסען, און פאר דיא שרעקליכע שאנדע, וועלכע זייא האבען געוואָרפען אויף זיין זוהן, האט איהם בעשטעלט מיט איהם זיך צוזאמענטרעפען אין גרשון לעמיל'ס ווייןהויז, וועלכער איז געוועזען אייגער פון זמרי'ס גוטע ברידער אום דארט אונגעשטערט מיט איהם דעריבער צו אונטערהאנדלען, און צוזאמען אויסארבייטען א נייעם פּלאַן פון נקמה וועלכען זייערע געמיינשאפטליכע שונאים זאָלען האבען צו געדיינקען.

— וואס דארף איך אייגענטליך זמרי דעם פארבער? האט דער אונגליק־ליכער יעקב חיים מיט ציטערענדע ליפּען אויסגעמורמעלט, עס איז אמת, זייא האבען איהם אויך וועה געטהאן, און ער האט דאס רעכט פון זייא נקמה צו נעהמען, אבער אין פערגלייך דעם אונגליק אין וועלכען זייא האָבען מיר געשטירצט, איז דאך דאס וואס זייא האבען איהם געטהאָן נור א קינדערשפּיעל, מיט זייערע ווילדע פאנאטהיזמוס האבען זייא דיא מיידעל געטייטעט זייא האבען אבער אבזיכטליך ניט געמיינט צו בעגעהען דערמיט א מאָרד, אָבער מיר — מיר האבען זייא אבזיכטליך ערמאָרדעט, און ניט מיר אליין, זייא האבען אויך מיין אָרעמע פרוי מיט מיין אונשולדיגען קינד פאר זייערע אָפּפער געבראכט ווען עס איז ווירקליך דאָ א גאָט אין הימעל, דאן וויס ער דאָך אז איך האב באמת געוואָלט צוריקקעהרען פון מיין שלעכטען וועג, איך האב מיר געוואָרפען אונטער זייערע פיס, צוליעב מיין גוטע ארעמע פרוי האב איך מיין שטאָלץ פער־בויגען, מיינע ראַכע פערגעסען, און וואס האבען זייא מיר געענטפערט?

א קלוינע ווײַלע איז דער פערצווייפעלטער יעקב חיים געבליעבען שטעהען וויא א געלעהמטער אין א טיעפען נאכדענקען, פולציג האבען אָבער אלע זיינע גליעדער נערוועז אויפגעציטערט, און צולייגענדיג זיינע ציטערענדע הענד צו זיין גליהענדען שטערן, האט ער מיט זעהר פערקראמפּפטע ליפּען ווייטער גע־מורמעלט.

— זייא האבען מיר פון זיך צוריקגעשטויסען, „אין שלום אמר אלוה לרשעים"! האט זבדיה דער מערדער אויס געשריען, ווען ער איז אין א פּאר טעג ארום צוריק געקעהרט אין שטאָדט, פאר רשעים זאָגט גאָט גיעבט עס קיין שלום ניט, און קהל האט דערצו צו געשטימט, ערשט בלייבט מיר נור איבעריג אז איך מיט מיין פרוי

מיט מיין ק'נד זאָלען שטאַרבען פון הונגער, און איך זאל זיין אזא צדיק און דאס מקבל באהבה זיין? ניין יעצט ערשט וועל איך זיא ווייזען מיין מאכט, ווען זייא האבען ניט געוואָלט קיין שלום, דאן וועל איך זייא ערקלעהרען א מלחמה, אין וועלכע זייא וועלען פאלען אונטער מיינע פיס וויא פליגען!

וואצו אבער דארף איך זמרי דעם פארבער פאר א שותף? האט דער אונ־גליקליכער יעקב חיים ווייטער געמורמעלט, עס איז אמת, אז ער איז ניט וועניגער אויפגעבראכט אויף קהל וויא איך, פון זיינע רייד האב איך געשלאָסען אז קיין זאך וועט איהם ניט שטעהען אין וועג, נור פון זייא נקמה צו נעהמען. ווער וויס אָבער וואס פאר א מענש ער איז? ווער ווייס אויב איך מעג איהם אָנטרויען מיינע פלענער? אויב איך דארף מיר אליין פאר איהם ניט היטען? עס איז אבער פער־פאלען, איך האב איהם איין מאָל פערשפראָכען צו קומען אין גרשון לעמיל'ס וויינ־הויז, און איך מוז האלטען מיין וואָרט!

מיט דיא ווערטער, האט יעקב חיים ניט קוקענדיג וואס אלע זיינע גליעדער האָבען געציטערט פון קעלט און א געדיכטער שנעע האט געשמיסען אין זיין געזיכט, גענומען שטעלען פעסטע טריט אויף דעם וועג, וועלכער האָט געפיהרט אין שטאָדט.

קוים איז ער אבער אָפּגעגאנגען נור איינינע טריט האט ער פּלוטצלונג דער־שפּירט וויא א ברייטע פעטטע האנד האט זיך פון הינטען ארויפגעלייגט אויף זיין פּלויצע, וויא ניט ווילענדיג האט ער האסטיג אריינגעשטעקט זיין האנד אין קעשענע און זעהענדיג אז ער האט דעם רעוואָלווער, וועלבער האט איהם אימער בעגלייטעט גראדע יעצט אין דיא פינסטערע נאכט פערגעסען אין הויז, האט ער מעכאניש אויפגעציטערט, אבער אין דעם אויגענבליק האָט יעקב חיים דערהערט א גראָבע פויערשע שטימע אויסשרייענדיג „גוטען אבענד"!

— גוטען אבענד! האָט יעקב חיים מיט א קינסטליכע רוהיגע שטימע ערווידערט, דערזעהענדיג פאר זיך אריעזינען הויכען פויער מיט א שעלמישען שמייכעל אויף זיינע ליפּען.

— דער פערפלוכטער פראָסט ווינט הערט גאר ניט אויף צו בלאזען! האט דער פויער ערגערליך אויסגעברומט, דער שנעע שטעכט מיר וויא מיט שפּילקעס אין מיין געזיכט, נור וועלף אדער גזלנים דארפען זיך ארומטרייבען אין אזא נאכט!

— דוא האסט רעכט, האט יעקב חיים ערווידערט, זיך דערמאנענדיג אז

זיינע בײנער זיינען אויף דורכגעפראָרען פון קעלט, וואס צווינגט דיר אבער צו געהען אין אזא פינסטערע קאלטע נאכט ?

דוא ביסט דאָך ניט קיין וואלף און ניט קיין גזלן !

— איך האב דעם גאנג געמווט אונטערנעהמען, האט דער פויער לאבענדיג געענטפערט, ווייל עס האנדעלט זיך צו רעטען א מענשליכען לעבען.

— דאן זאל דיר גאָט בענשען ! האט יעקב חיים ערנסט אויסגעשפראָכען, און ער זאָל דיין וועג בעגליקען אויסצופיהרען דיא עהרליכע זאַך.

— איך ווייס אז מיין וועג וועט בעגליקען, האט דער פויער אימער לאבענדיג ערוויעדערט.

— וויא קענסט דוא עס וויסען פאראויס ?

— ווייל איך האב געוויסע סמנים, איך האב דיא גאנצע וועג ניט בעגעגענט קיין גלח, און ניט געהערט דיא שטימע פון א קראָע, דאס דיענט מיר פאר א בעווייז אז מיר וועט געלינגען צו ראטעווען דעם מענשען.

— וויא קענסט דוא אבער איינער אליין זיך שטעלען געגען דיא מערדער ? דוא ווייסט דאָך ניט וויאפיעל זיינען דאָרט !

— דיא גזלנים זיינען פאר מיר גאר ניט אזוי שרעקליך וויא דוא מיינסט ! האט דער פויער מיט א ווילדען געלעכטער געענטפערט, פאר מיר זיינען זייא וויא פליגען, וועלכע איך צוטרעט אונטער מיינע פיס.

— ווער זיינען זייא דען ?

— קענסט דוא דיא פערפלוכטע שזידעס, דיא שטרייענע העלדען ?

— וואס ווילען זייא דען ?

— זייא ווילען ערמארדען איינעם פון זייערע ברידער וועלכער האט א בייזען צונג.—

— און ווער איז דער אונגליקליכער, וועמען זייא ווילען ערמאָרדען ? האט יעקב חיים מיט א געהיימען ציטערן געפרעגט.

— איך ווייס ניט אויב דוא קענסט איהם.

— זאָג מיר וויא מען רופט איהם ! האט יעקב חיים מיט א בעוועגטע שטימע אויסגערופען, איך קען אלע שטאדט מענשען, פיעללייכט קען איך דיר דערביי בעהילפיג זיין, און מיר וועלען ביידע צו זאמען פערהיטען דעם שלעכטען אונגליק.

— זיין נאמען איז יעקב חיים, האט דער פויער מיט א פעסטע שטימע געענטפערט, און דיא פערפלוכטע שזידעס רופען איהם דער מסור, איינער פון דיא

שוידאָווסקע קהל'ים לייט אַ געוויסער זבדיה האט גערונגען מערדער דעם מענשען צו ערמארדען, און איך האב מיר גראָדע צו פעליג דערפון דערוואוסט פון א גוטען ברודער, דעראיבער האב איך מיר בעשלאסען דעם אונגליקליכען צו רעטען פון זייערע מערדערליכע הענד, ערשט זאָג מיר, טהוא איך ניט דערמיט זעהר א גוטע זאך!

— דוא ביסט א גוטער רעכטשאפענער מענש ! האט יעקב חיים מיט א ריהרענדע שטימע אויסגערופען און דוא מעגסט זיכער זיין, אז דער אונגליקליכער וועט נאך אים שטאנד זיין דיר מיט גוטעס פאר דיין עדעלע טהאט צו בעצאהלען.

— יעקב חיים וועט מיר בעצאהלען ? האט דער פויער מיט א שניידענדען געלעכטער אויסגערופען, דער קבצן ! פון וואנען וועט ער עס נעהמען ? לויט וויא איך האב געהערט שטארבט ער מיט זיין ווייב צעהען מאָל אין טאג פון הונגער !

— און דאך וועט ער זיין קירצליך אים שטאנדע גוטעס צו טהאן מיט זיינע פריינדע ! האט יעקב חיים מיט א דאָנערענדע שטימע אויסגעשריען, דוא מעגסט זיכער זיין אז ער איז א מאן, וועלכער קען זיך העלפען, זאג מיר אָבער וואו געהסט דוא ?

— איך געה אין גרשון לעמיל'ס ווייןהויז, דאָרט דארף דיא נאכט זיין א פערזאמלונג פון זמרי דעם פארבער מיט נאך אייניגע שוידעס, וועלכע זיינען אונ־צופריעדען מיט זייערע קהלס'ע פאָריאדקעס דיא זעלבע האבען בעשטעלט אז יעקב חיים זאָל אויך קומען צו זייא, זבדיה האט זיך אבער דערפון דערוואוסט, האט ער גערונגען געהיימע מערדער אפצוהיטען דעם יעקב היים און איהם אָפצוראמען פון וועג.

דאָן קום מיט מיר ! האט יעקב חיים מוטהיג אויסגערופען, איך געה אויך דאָרט !

— און וואס וועסט דוא דארט טהאן ? האט דער פויער ווייזענדיג יעקב חיימ'ען א שווערע שטיק אייזען, וועלכע ער האט ארויסגענומען פון אונטער דיא פאָלעס פון זיין מאנטעל, מיט א גראבע שטימע געפרעגט, ווען דוא ביסט זבדיה'ס א שפיאָן, אדער איינער פון זיינע בעשטעלטע מערדער דאָן מאך איך דיר גלייך דעם טויט !

— איך בין ניט קיין שפיאָן און ניט קיין מערדער, האט יעקב חיים מיט א

טיעפען זיפץ ערוויעדערט, איך בין דער אונגליקליכער וועמען זייא ווילען ערמאָרדען, מיין נאמען איז יעקב חיים!

— פון וואנען וויים איך אבער אז דוא ווילסט מיר ניט בעטריגען?

— איך שווער דיר בייא גאָט, אז איך זאָג דיר אמת!

— איך גלויב ניט אין שבועות! וויז מיר א צייכען אז דוא זאָגסט דיא וואהרהייט, לויט וויא איך האָב געהערט, טראָגט דער זעלבער יעקב חיים אויף זיין פינגער א רינג, וועלכער דער גובערנאטאָר האט איהם געשאנקען, און אין זיין גרעסטען נויטה האט ער איהם ניט געוואלט פערקויפען פאר קיין געלט.

— דעם בעוויז קען איך דיר גראדע געבען! האט יעקב חיים צייגענדיג דעם פייער דעם פינגער, אויף וועלכען דער רינג האט זיך איינגעפונען, ניט וויסענד אליין פארוואָס ער ציטערט אזוי שטארק מיט אלע גליעדער, מיט א שוואכע שטימע געענטפערט.

— מעהר וויא דאס האב איך ניט געוואָלט וויסען! האט דער פויער אויסגעמורמעלט, און אין דעם אויגענבליק איז דער אונגליקליכער יעקב חיים געפאלען א טויטער צו דר'ערד, און זיינע לעטצטע ווערטער זיינען געווען, אסתר! מיין קינד! דער פויער האט איהם צערשמעטערט זיין קאָפּ מיט דיא גראבע שטיק אייזען, און פאלענדיג וויא א שטיין אין א טייך בלוט, האט ער אין איינינע מינוטען אויסגעהויכט זיין זעלע.

דער מערדער האט גלייך אונטערזוכט אלע קעשענעס בייא זיין אפפער, נאבדעם אבער וויא ער האט גאר ניט געפונען, האט ער מיט א גיפטיגען שמייכעל אויסגעמורמעלט.

— איך האב אומזיסט מיט איהם פערבראַכט צופיעל צייט, ווען איך וואָלט געוואוסט אז ער האט בייא זיך ניט מיט זיין רעוואָלווער, וואלט איך גלייך מיט איהם געמאכט קורץ און שארף, אך, דריי הונדערט רובעל איז א רעכטע מטבעה! עס איז פיעל לייכטער צו ערמארדען צעהן שזידעס איידער אריבערצושמוגלען איין טראנספאָרט ווארע איבער'ן גרענעץ, זבדיה איז א גוטער ברודער, ער האט מיר געגעבען א גוטע שטיקעל ארבייט, דאפיר ווען איינער פון זיינע שונאים וועט ווערען האנדלען זיין קאָפּ, וועל איך מעהר וויא דאָפּעלט ניט פערלאנגען. ערשט מוז איך אפראמען דעם שזיד פון וועג, דאן מוז איך אויפזוכען זיין ווייב, מען זאגט אז זיין אסתר'קע זאָל זיין זעהר א שיינע ווייבעל, און אויף א שעהנע שטיקעל סחורה בין איך אויך א בעלן!

מיט דיא ווערטער האט דער באנדיט דעם ערמארדעטען יעקב חיים אריינגעוואָרפען אין א זאק, און נאכדעם וויא ער האט צוגעוואָרפען אייניגע שווערע שטיינער אויף זיין אָפּפער, האט ער דעם זאק פערבונדען, און מיט איין אונשולדיגע מינע וויא דאָ וואלט גאר קיין בייזעס ניט געשעהן, האט ער דעם זאק ארויפגעוואָרפען אויף זיינע פלייצעס, און מיט רוהיגע שריט האט ער אונטערגענומען זיין וועג ווייטער.

יז.

דער געלונגענער פלאַן.

זמרי דער פאַרבער האט אונטערדעסען ניט געשוויגען, עס האט איהם צוואָר זעהר לייד געטהאן וואס יעקב חיים איז ניט געקומען צו דיא בעשטימטע צייט אין גרשון לעמיל'ס ווייןהויז, ווייל דורך איהם האט ער געהאָפּט וואס גיכער זיין ציעל צו ערריכען, דאָך האט ער דעם קאמפף ניט אויפגעגעבען, דערצו האבען זיך געפונען נאך גוטע ברידער, וועלכע האבען געהאט גרונד גענוג צו רודפ'ן קהל פאַר דיא אונרעכטען וואס זייא איז געשעהן, און דיא זעלבע האבען זמרי דעם פאַרבער נאך מעהר געזוכט צו רייצען, ביז ער איז ענדליך עפענטליך ארויסגעטראטען געגען קהל אלס מסור, איהם איז געלונגען צו בעקומען פון זיינע גוטע בעקאַנטע פינף אונטערשריפטען אויף א דאנאָס, אין וועלכען ער האט געלאזען וויסען דעם נייעם גובערנאַטאר וויא פאלש און ניעדערטרעכטיג קהל פיהרען דיא מעטריטשעסקי ביכער, וויא זייא האנדלען מיט נפשות און באָדען זיך אין דעם אָרעמאנס בלוט; און מיט דעם דאנאָס וועלכער האט אין זיך געהאט א גרויסע טהייל וואהרהייט, האט זמרי דער פאַרבער געשטילט זיין גליהענדע נקמה פון קהל, און אויף מארגען נאכדעם וויא דער אונגליקליכ'ער יעקב חיים איז פון פויער ערמארדעט געוואָרען, איז דער דאנאס מיט דיא פינף אונטערשריפטען אפּגעשיקט געוואָרען אין גובערניע צום נייען גובערנאַטאָר.

עס איז אבער קיין סוד אין שטאָדט ניט געבליעבען, קהל האט זיך גלייך דערוואוסט פון דעם אָפּגעשיקטען דאנאס, און עס איז געווארען א גרויסע טריוואָגע, דיא שטאָדט פיהרער, וועלכע האבען דאָ געזעהן דיא געפאהר אין זייערע אייגענע פערזענליכקייט, זיינען דעריבער זעהר אונרוהיג געווארען, וויא עס האט אויסגעוויזען האט דער פאָרזיכטיגער פאַרבער געטראָפען דעם ריכטיגען ציעל וואו זיינע קוילען צו שיסען, דען דער ראש הקהל האט גלייך אין דעם זעלבען טאָג פער־

רופען איין אסיפה, און נאך פערשיעדענע עצות און פלענער, וועלכע זייא האבען פון אלע זייטען גענעבען, איז ענדליך איינטשימיג געבליעבען, אז מען זאל דערווייל קיין זאך ניט טהאן, ביז מען וועט פריהער געבען צו וויסען דעריבער זבדיה'ן, וועלכער איז שוין זייט א פאר טעג אין אינטערעסע פון דיא געפאנגענע אין גר־בערניע.

מיט א פאר טעג פריהער איידער דער מארד איז אויסגעפיהרט געווארען נאכדעם וויא זבדיה האט בעדונגען מיט דעם פויער דעם אונגליקליכען יעקב חיים פאר דיא סומע פון דריי הונדערט רובל אפצוראמען פון וועג, איז ער געפאלען אויף א פלאן וויא אזוי דיא געפאנגענע צו בעפרייען פון אסטראג און זייא צו רעטען פון זייער אונגליק, ער האט אבער זיין פלאן קיינעם ניט געוואלט אנפערטרויען בעז־זאנדערס האט ער זיך געהיט פאר דעם שתדלן, אום ער זאל נאכהער ניט זאגען אז דאס האט מען נור זיינע בעריעשקייט צו פערדאנקען, ער האט נור פערטרויט קהל אז ער האט א וויכטיגען פלאן, מיט וועלכען עס קען מעגליך זיין דיא שבוים צו רעטען פון זייער אונגליק, אום אבער דעם פלאן אויסצופיהרען, האט ער פארקויפיג נויטהיג דיא סומע פון צעהען טויזענד רובל, דיא שטעדטיל פיהרער, וועלכע האבען זבדיה'ן גוט געקענט, האבען ניט איינגעווענדעט, זייא האבען געוואוסט אז זבדיה איז נים קיין פלוידערזאך, וועלכער האט ליעב זיך צו בעריהמען מיט פוסטע זאכען, דעראיבער האבען זייא זיך אנגעכאפט אן זיין פארשלאג, און ניט פרעגענדיג קיין פיעל שאלות, האבען זייא איהם געגעבען דיא פערלאנגטע סומע, מיט וועלכע זבדיה האט דעם זעלבען טאג אונטערנומען דעם וועג אין גובעריע.

ניט אומזיסט האט מען זבדיה'ן גערופען דער מדינה חכם, דער פלאן אויף וועלכע; ער איז געפאלען, איז ווירקליך געוועזען איינפעליג און שארפזינניג, און וויסענ־דיג בייא זיך, אז מיט יעקב חיימען איז ער שוין פערטיג, אז ער וועט איהם שוין מעהר ניט שטעהן אין וועג, האט ער זיך גלייך גענומען זיין פלאן אויס־צופיהרען.

ער האט געמליך ערפאהרען, אז דיא קאנטראבאנדע סחורה, וועלכע מען האט דא: קאנפעסקירט צו זאמען מיט דעם ארעסט פון דיא געפאנגענע, ליענט דערווייל אין א קעלער אונטער דיא אויפזיכט פון דיא פאליצייא, פון וועלכען דער שליסעל געפינט זיך אין דיא הענד פון דעם פאליצמייסטער, איהם איז גלייך איינ־געפאלען, אז פון דעם אדון קען שטאמען דיא ישועה פאר דיא געפאנגענע, דער־איבער האט ער בייא זיך בעשלאסען זיך מיט איהם צו זעהען אונטער פיער אויגען און איהם מאכען זיין פארשלאג.

וויא עס האט אויסגעוויזען, האט איהם דער פּאָליצמייסטער געקענט, דען קוים האט זיך זבדיה געמעלדעט אין זיין פּריוואט וואהנונג האט ער איהם געהייסען אריינפיהרען אין זיין פּריוואט קאבינעט, וואו ער איז איהם שמייכלענדיג ענטקעגענ־געקומען מיט דיא ווערטער.

— איך זעה דיר שוין דעם גאנצען טאָג זיך ארומטרייבענדיג ארום מיין הויז, וויא מיר שיינט, האסט דוא געזוכט דיא געלעגענהייט מיט מיר צו ריידען אונגעשטערט, נון, דיין וואונש איז ערפיהלט, וואס גוטעס ווערסט דוא זאָגען ?

— איך וויל נור גוטעס זאָגען, האט זבדיה מיט א טיעפע פערבייגונג גע־ענטפערט, אלעס וואס איך פערלאנג פון אייך איז נור אז איהר זאלט מיר צוערשט רוהיג אויסהערען.

— נור אָהן פּאָררייד ! האט דער פּאליצמייסטער אונגעדולדיג אויסגערופען, זאָג קורץ און שארף, וואס פערלאנגסט דוא אייגענטליך פון מיר ?

— איך פערלאנג פון אייך הילף פאר פינף און צוואנציג אונגליקליכע פאמיליעס ! האט זבדיה מיט זעהר א בעגייסטערטע פרומע מינע אויס־געשפּראכען, נור איהר זייט דער איינציגער, וועלכער קען דיא אונגליקליכע רעטען !

— אָך, דוא מיינסט דיא קאנטראבאנדציקעס, וועלכע זיטצען אין אסטראָג! האט דער פּאליצמייסטער שמייכלענדיג אויסגערופען, וואס קע איך טהאָן פאר זייא ?

— זעהר פיעל, ווען איהר זאָלט נור וועלען !

— איך זעה ניט איין דיא מעגליכקייט.

— פערגעסט ניט, אז דיא קאָנפערסקירטע סחורה ליעגט אונטער אייער אויפזיכט !

— חיטרער שויד ! האט דער פּאליצמייסטער ערגערליך אויסגערופען, ביסט דוא משוגע אדער שכור ? דוא פערלאנגסט פון מיר אז איך זאל דיר ארויסגעבען דיא קאנטראבאנדע סחורה, און איך זאָל בעצאָהלען דאפיר מיין שטעלע מיט מיינע פרייהייט ?

— דאס פאלט מיר גאר ניט איין האט זבדיה מיט א שטאלצע מינע גאנץ מוטהיג געענטפערט, אזוי דום בין איך ניט אייך אזא פארשלאָג צו מאכען.

— וואס זע דען פערלאנגסט דוא פון מיר ?

— איך וויל אז דער וואלף זאל זאט זיין און די ציג זאל גאנץ זיין.

— וואס מיינסט דו, דערמיט ?

— גאנץ איינפאך, האט זבדיה מיט א געהיימניספאלע מינע ערוויעדערט, מען קען ארויסנעהמען די קאטראבאנדע סחורה פון די פעק און אנפילען די זעלבע צוריק מיט כשרע מאסקאווער ווארע, נאטירליך וועל איך אזא טובה פון אייך ניט פערלאנגען אומזיסט, איך בין בעריים דאפיר א שעהנע מטבעה צו געבען.

— וויא איז עס אבער מעגליך ? האט דער פאליצמייסטער מיט בליסצענדע אויגען פון אויפרעגונג אויסגערופען, די פעק זיינען דאך פערזיגעלטע מיט מעהר־ערע זיעגלען פון רעוויזאר און פון די קרעמער !

— דאס איז אונזין ! האט זבדיה מיט א שטאלצען שמייכעל ערוויעדערט, דעריבער דארפט איהר קיין זארג ניט טראגען, די זיעגלען אויף די פעק וועלען בלייבען גאנץ און אונבעשעדיגט איך וויים וואס איך האב דערביי צו טהאן, איך וועל זיין פארזיכטיג גענוג, דען פון די גאנצקייט פון די זיעגלען הענגט אפ דער שיקזאל פון די געפאנגענע, איהר מעגט אבער זיכער זיין, אז איך וועל עס מאכען אזוי געשיקט, אז דער טייוועל אליין וועט אויך נאכער די פעק ניט דערקענען, און וואס וועט איהר דערביי פערלירען, ווען איהר וועט דערביי פערדינען די סומע פון צעהן טויזענד ריבעל ?

הערענדיג זבדיה׳ס לעטצע ווערטער, האבען דעם פאליצמייסטערס אויגען אויפגעבליצט פון אויפרעגונג, וויא עס האט אויסגעוויזען האט די פערשפראכענע גרויסע סומע געלד איהע ציעל ניט פערפעהלט, דען ער האט נאך א קודצען נאכ־דענקען מיט א צופריעדענם שמייכעל געענטפערט.

— איך בין א בעלן צו זעהן וויא דו ווערסט עס מאכען, ווען דענקסט דו די ארבייט צו אונטערנעהמען ?

— נאטירליך וואס פריהער, האט זבדיה ערנסט געענטפערט, אויב מעגליך וואלט איך נאך מארגען אבענד מיינע ארבייט געענדיגט.

— גוט, איך בין בין צופריעדען ! האט דער פאליצמייסטער מיט א נאכ־דענקליכע מינע ערוויעדערט, איך וועל שוין זארגען דאפיר אז דו זאלסט קענען טהאן די ארבייט אונגעשטערט, קום מארגען א שטונדע נאך האלבע נאכט מיט די כשרה סחורה נעבען דעם טהיר פון פאליציי קעלער, דאס דארף אבער צו געהען וויא נור מעגליך שטיל אהן וועלבען גערויש, איך וועל דיר שוין דארט פון וויטען ערווארטען און וועל דיר ווייזען וואס דו האסט דערביי צוטהאן.

— דאס איז עבען וואס איך פערלאנג פון אייך, האט זבדיה בעטאנענדיג זיינע ווערטער קורץ געענטפערט, איך האף אז איהר וועט מיר ערוואַרטען צו דיא בעשטימטע שטונדע!

מיט דיא ווערטער האט זבדיה איבערגעבען דעם פאליצמייסטער א פאקעט מיט באנקנאָטען, וועלכע דער זעלבער האט רוהיג איבערגעצעהלט, און געפינענדיג דעם ציפער ריכטיג, האט ער מיט א צופריעדענעם שמייכעל אויסגעשפראָכען.

— ערשט מאָרגען דוא געהן, בעזאָרגט רעכטצייטיג דיא כשרה סחורה, און איך וועל שוין זעהען אז אלעס זאָל צוגעהן נאך וואונש. — — —

און דער פאליצמייסטער האט ווירקליך וואָרט געהאלטען, נאך אין דעם זעלבען אבענד א שטונדע נאך האלב נאכט איז א פוהר געפאקט מיט סחורה צו־געפאהרען צו דיא הינטערסטע שמאלע געסיל, וועלכע האט געפיהרט צום פאליציי קעלער, דיא וואך איז פערשוואונדען געווען, נור דער פאליצמייסטער מיט איינעם פון זיינע פערטרויטע דיענער האבען געוואַרט, דיא טהירען פון קעלער האבען זיך געראוישלאז גלייך געעפענט, זבדיה מיט דעם פורמאן האבען דיא מיטגעבראכטע פעק סחורה אריינגעשמוגעלט אין קעלער, און א שטונדע שפעטער איז אלעס געווען אין דער בעסטען ארדענונג, אנשטאט דיא כשרה סחורה איז דיא קאנפעסקירטע קאנטראבאנד געלעגען אויפ׳ן פוהר, און צו דיא גרעסטע צופריעדענהייט פון פאָ־ליצמייסטער, איז זבדיה מיט דעם פגר גלייך פערשוואונדען געוואָרען.

יח.

געכאפט דעם לויתן.

אין דער זעלבער נאכט, ווען דער אונגליקליכער יעקב חיים איז ערמאָרדעט געוואָרען, בלייבענדיג אליין אין איהר ארעמע וואהנונג, איז אסתר זעהר אונרוהיג געוואָרען איבער איהר מאנס פערשווינדען, דיא גוט רעכטשאפענע פרוי האט גע־פיהלט שרעקליכע געוויססענסביסע ווארום זיא האט איהר מאן אזוי געפלאגט מיט איהרע ווערטער, וועלכע זיינען געווען וויא זאלץ אויף זיינע וואונדען און זיין פורכט־בארע פערצווייפלונג, מאכענדיג זיך דיא ביטערסטע פאָרווירפע איז זיא געבליעבען זיטצען וויא א פאראלזירטע אליין אין הויז, ווען עס איז אָבער אריבער מעהר וויא אַ שטונדע, און איהר מאן האט נאך אימער ניט צוריקגעקעהרט, איז זיא נאך אונרוהיגער געוואָרען, וויא איהר הערץ וואלט איהר געזאָגט אז מיט איהר גע־ליבטען יעקב חיים׳ען האט איין אונגליק פאסירט, ציטערענדיג מיט אלע גליעדער

פון אויפרעגונג האט זיא זיך ענטשלאסען איהם צו לייפען זובען, און ניט פיעל טראכטענדיג האט זיא ארויפגעוואָרפען אויף זיך איהר מאנטעל, און נאכדעם וויא זיא האט גענומען איהר שלאפענדען קינד אויף איהרע ארעמס, און האט איהם פעסט צוגעטולעט צו איהר ברוסט, איז זיא מיט א ווילדע האסט ארויסגעלאפען פון הויז, ניט וויסענדיג אז מיט דעם לויפען האט זיא זיך גערעטעט פון איהר מאנס מערדער, וועלכער איז מיט איינינע מינוטען שפעטער ערשיענען אין איהר וואהנונג מיט דיא בייזע אַבזיכט צו שענדען איהר עהרע.

שטונדען לאנג איז דיא ארעמע אונגליקליכע אסתר ארומגעלאפען אין דיא פינסטערע קאלטע שנייענדע נאכט אין אלע גאסען זובענדיג איהר מאן, ענדליך האבען איהר איהרע קרעפטען פערלאָזען, און קוים א לעבעדיגע האט זיא צוריק־געקעהרט אין איהר איינזאמע וואהנונג, וואו זיא האט אויסגעבראכען אין א יעמער ליכען הערצרייסענדען וויינען.

דאָך נאָך א קורצע איבערלייגונג, האט זיך דיא אונגליקליכע בעטריבטע פרוי ענדליך בערוהיגט, איהר איז איינגעפאלען דער געדאנק, אז איהר מאן איז געוויס געלאפען אין גובערניע, אום זיך צוזעהען מיט זיין פריינד מיט דעם גובער־נאטאָר, וועעבער האט איהם זעהר אָפט געשטיטצט, מורא האָבענדיג אָבער פיעללייכט וועט ער ווידער אויסראבע פון דיא הארטהערציגע קהל'סלייט, וועלען מאכען א נייעם סקאנדאל אין שטאדט, האט זיא זיך ענטשלאסען גלייך אויף מארגען איהם נאכצופאהרען אין גובערניע, אום מיט איהר איינפלוס איהם צוריק־צוהאלטען פון יעדע לייכטזיניגע שלעכטע אונטערנעהמונג, וועלכע קען נייע אונגליק ברייגגען אין שטאָדט.

מוטהלאָז און בעטריעבט, ארעם און פערצווייפעלט, האט ענדליך דיא אונגליקליכע אסתר איהר ציעל עררייכט, מיט איהר קינד אויף איהרע ארעמס האט זיא געמעלדעט צום גיבערנאטאָר וועלבער האט איהר גלייך געהייסען צו־לאזען צו איהם און האט איהר זעהר פריינדליך עמפפאנגען.

וויא בעשטירצט איז אבער דיא אונגליקליכע יונגע פרוי געווארען הערענדיג פון דעם גובערנאטאָר, אז ער האט איהר מאן אין זיינע אויגען ניט געזעהן, און אז איהם האט זעהר געוואונדערט ווארום ער האט דיא לעצטע צייט איהם צוריק־געשיקט דיא שטיצע, וועלבע ער האט איהם פינקטליך צוגעשיקט, יעצט ערשט האט דיא פערצווייפעלטע אסתר איהרע לעצטע האפענונג ערלארען, אומזאנסט האט דער עדעלער גוטהערציגער גובערנאטאָר איהר געזובט צו טרייסטען און צו בע־

רוהיגען, א נעהיימע שטימע אין איהר הערצען האט איהר געזאָגט, אז מיט איהר מאן האט איין אונגליק געטראָפען, און ניט קענענדיג בעהערשען איהרע נערוועזע אויפרעגונג, האט זיא אייסגעבראכען אין א קרעמפפהאפטען ווינען.

צוויי וואכען האט דיא אונגליקליכע אסתר פערבראכט אין גובעריע, ניט קוקענדיג אויף דעם שרעקליכען נויטה, וועלכען זיא האט אין דיא גרויסע שטאדט געליטען, האט זיא ניט אויפגעהערט צו זוכען איהר מאן אין אלע קריסטליכע האָטעלען און אין אלע אידישע אכסניות, ענדליך אָבער ווען איהרע לעצטע מיטלען האבען זיך געענדיגט האט זיא געגען איהר ווילען געצוואונגעז געווען זיך צו ווענדען צום גובערנאטאָר אום הילף, אום צו האבען דיא מעגליכקייט צו ריק נאך הויזע צו פאָרען. דער גובערנאטאר, וועלכער האט איהר זעהר בעמיטלייִדעט, האָט איהר געוואלט געבען איין אנשטענדיגע סומע געלט, אום זיא זאל זיך ניט דארפען פלאָגען ביז זיא וועט אויסגעפינען וואו איהר מאן איז פערשוואונדען געוואָרען, דיא שטאלצע בעטריעבטע אסתר האט זיך אבער פון זיין גיטע ענטזאגט, און האט נור אָנגענומען א קליינע סומע וועלכע האט איהר געגעבען דיא מעגליכקייט צוריק נאך הויזע צו קומען.

פערעפינסטערט און פערצווייפעלט האט זיך דיא אונגליקליכע אסתר צוריק בעזעצט אין דיא פויערשע הייזעל אויסען שטאָט וועלכע איהר מאן האט געדונגען נאכדעם וויא קהל האט איהם מחרים געווען, יעצט אבער איז זיא שוין מעהר אזוי עלענד און פערלאזען ניט געווען, זייט איהר מאן איז שפורלאז פערשוואונדען געווארען פון שטאָדט, האָבען זיך געפונען קרובים און בעקאנטע, וועלכע פלעגען אויפזוכען איהר אָרעמע וואהנונג, און פלעגען איהר זוכען צו בערוהיגען און צו טרייסטען, דיא אונגליקליכע אכתר וואלט זיך פיעללייכט בערוהיגט אין דער האפפענונג, אז יעקב חיים איז נאר געלאפען פון דיא צרות וואו זיינע אויגען האבען איהם געטראגען, און ער וועט ענדליך צו איהר און צו זיין קינד צוריקקעהרען, זיא האט זיך אבער באלד איבערצייגט אז איהר לעצטער פונק האפפענונג איז פערלארען.

אין א געוויסען טאָג איז ארויס א קלאַנג אין שטאדט אז מען האט געפאנגען דעם לויתן אין טייך. אנפאנגס האט דיא אונגליליכע אסתר ניט פערשטאנען דיא בעדייטונג פון דעם שפאס, מיט וועלכען הונדערטע קינדער און סתם לעבענסלוסטיגע לעדיג געהער האבען פערקלונגען דיא שטאָדט, ערשט אבער שפעטער מיט איינינע טעג האט זיא ערפאהרען, אז דער לויתן איז קיין אנדערער געווען וויא איהר אונגליקליכער נעליעבטער חיים יעקב, וועלכען פישערס האבען

ארויסגעצויגען פון וואסער און פאר א קליינע בעלוינונג האבען זייא דעם קערפער פון דעם ערמארדעטען איבערגעגעבען קהל, וועלכע האבען מיט איהם געמאכט קורץ און שארף, און „זינגענדיג בכבוד רשעים רינהו" האבען זייא איהם בעגראבען קבורת חמור הארט ביים צוים פון בית הקברות.

קיין מענשליכע פעדער איז אים שטאנד איבערצוגעבען מיט ווערטער דעם איינדריק, וועלכען דיא נאכריכט האט געמאכט אויף דיא אונגליקליכע יונגע פרוי, פון א שוואכע לעמעלע איז זיא פערוואנדעלט געווארען אין א צורייצטע בלוט דורסטיגע טיגערין, אין דעם ערשטקן אוגענבליק האט זיא געכאפט איהר מאנס רעוואָלווער, וועלכען ער האט אין יענעם אונגליקליכען אבענד גראדע פערגעסען צו הויז, און האט געוואָלט לויפען שיסען ניט נור זבדיה'ן אליין דעם פעראורזאכער פון איהר מאנס אונגליק, זאָנדערן אלר קהל'ס לייט האט זיא געוואָלט אויס שיסען וויא משוגע'נע הינט, איהרע פיס זיינען אבער וויא אונטערגעהאקט געוואָרען, איהרע קרעפטען האָבען איהר פערלאָזען, א שווערע היצקראנקהייט איז איהר איבערפאלען און איבער דריי וואָכען האט זיא געשוועבט צווישען לעבען און טויט.

יט.

דער וואָהנזיניגער אַיינפאַל.

אין שטאָדט איז ששון ושמחה, און דער העלד פון טאָג איז זבדיה דער מדינה חכם; איהם איז דורך זיין איינפאל געלונגען ניט נור צו רעטען דיא פינף און צוואנציג געפאנגענע וועלכע האבען געשמאכטעט אין אסטראג און ערווארטעט סיביר, זאנדערן אויך צו פערניכטען זמרי דעם פארבער מיט אלע זיינע אנהעננער, וועלכע האבען אונטערשריעבען דעם דאנאָס אויף קהל.

דורך דיא הילף פון פאליצמייסטער, וועלכער איז זעהר צופריעדען געוועזן מיט דיא געהעריגע מטבעה וואס ער האט פון איהם בעקומען, איז ער בעקאנט געוואָרען מיט דעם רעוויזאָר, וועלכען דער גובערנאטאָר האט בעשטימט צו אונטערזוכען דיא קלאגע אויף סקלאָוועער קהל, און דיא בעקאנשאפט האָט איהר גוטע ווירקונג ניט פערפעהלט, זבדיה האט פערשטאנען וויא זיך איינצושמייכלען אין דיא אויגען פון דעם רעוויזאר, וועלכער האט אויך געהאלטען פון דעם אלטען רעגעל אז געהמען איז בעסער וויא געבען. פאר א בייטראג פון צוויי טויזענד רובל איז זבדיה מיט דעם אָדון פערטיג געוואָרען, און דער זעלבער האט איהם פערשפראָכען

ניט נור דיא ביכער בייא קהל צו געפינען אין דער בעסטען אָרדענונג, זאָנדערען איהם אויך בעהילפיג צו זיין דיא מוסרים ארויסצושיקען פון שטאָדט.

און דער רעוויזאָר האט ווירקליך זיי ווארט געהאלטען, ניט נור ער האט אין דיא קהלשע ביכער קיין שום פגימה ניט געפונען, ער איז אויך זייא בעהילפיג געווען רעכענונג צו שליכען מיט דיא מוסרים, אויף זיין ראטה הארען קהל אויס־געקלאגט זמרי דעם פארבער מיט זיינע פינף אָנהענגער, וועלכע האבען דעם דאָ־נאָס אינטערשריבען, פאר שעדליכע מענשען פאר זייער קהילה, פון וועלכע זייא ווילען פטור ווערן, אויף פערלאנג פון קהל האבען אייניגע הונדערט מענשען אין אייניגע בתי מדרשים בעטשעטיגט דיא רייד מיט א הייליגע שבועה, און דער רע־זולטאט איז געווען, אז מיט דיא היכף פון דעם רעוויזאָר, זיינען דיא פינף מוסרים דערוייל ארייגעשליידערט געוואָרען אין אסטראג און דער רעוויזאר האט פער־שפראָכען, אז קירצליך וועלען דיא זעלבע צושיקט ווערן אין אנדערע גובער־ניעס.

מען קען זיך אלזאָ דענקען, מיט וועלכע אכטונג קהל האט אויפגענומע' זבדיה'ן דעם מדינה חכם נאָך דיא גרויסע ישועות, וועלכע ער האט אין שטאָדט בעוויזען, עס איז אמת אז ער האט צוגעשטעלט א רעכענונג צו קהל אז דיא בע־פריהונג פון דיא געפאנגענע און דיא נקמה פון דיא מוסרים האבען איהם גע־קאסט העכער וויא פינפציג טויזענד רובל, דאָך האט קיינער ניט געוואגט בעגע דעם גרויסען ציפער איין צו ווענדען. דער אייניציגער וועלכער האט געוואגט צו פראָטעסטירע; און אריין צו וואַרפען א צווייפעל אין דיא ווארהייט פון דעם חשבון איז געווען דער שתדלן פון שטאדט, פאר איהם איז זבדיה ערשט געווען וויא א ביין אין האלז, דורך איהם האט ער פערלאָרע: א פעטען ביסען, דען אויף דעם רעכענונג פון דיא געפאנגענע האט ער געטהאָן שדוכים מיט זיינע צוויי דער־וואקסענע טעכטער, וועלכע ער האט פערשפראָכען צו פאָר טויזענד רובל, און יעצט בייא דיא אונערווארטעטע ישועות פון דעם נייעם העלד, האט ער זיין גאנצען ווערטה אלעס שתדלן פערלארען, עס איז אלזאָ קיין וואונדער ניט אָז ער האט גע מורמעלט און געברומט עפענטליך און אין דער שטיל, נור ווער האט איהם געהערט ? זבדיה איז דורך זיינע לעצטע האנדלונגען געשטאנען ניט נור בייא קהל אין גרויסע אכטונג, זאָנדערן דיא גאנצע שטאָדט האט איהם בעטראכט פאר א מלאך הגואל, יעדער האט דעם העלד פון טאג שיער ניט פערגעטערט.

ענדליך איז געקומען דיא צייט, ווען דיא אונגליקליכע אסתר האט זיך ערהאָלט פון איהרע שווערע קראנקהייט, ווען זיא איז צו זיך געקומען, האט זיא

געפאסט דעם ענטשלוס צו פליהען פון דער שטאָדט וואו איהר געליבטער מאן איז ערמאָרדעט געוואָרען, און דערצו נאָך אזוי שענדליך בעהאנדעלט געווארען נאך זיין טויט, דיא לופט אין איהר געבורטס אָרט האט איהר געשטיקט, זיא האט געוואָלט וואָס גיכער פליהען פון שטאָדט און פון איהרע מענשען. און אום איהר ציעל צוערהייכען, האט זיא צוזאמענגענומען איהרע לעצטע קרעפטען און איז אָוועק אין קהל שטיבעל, אום צו פאָדערן דיא ירושה פון איהר זיידען וועלכע געהערט איהר ערשט געזעצליך.

דאן איז געוועזען א פאר וואָכען פאר פסח, דער ראש הקהל מיט זבדיה׳ן מיט נאָך אייניגע קהל׳ס לייט זיינען געזעסען ארום א גרויסען טיש און האבען גע־טהיילט מעות חטים צו מאַסען אָרעמע, דארונטער מענער אונד פרויען, אלטע און יונגע, וועלכע האבען זיך געשטופט און געדריקט איינער דעם צווייטען, מאכענדיג דערבייא דיא גרעסטע לארעמס און גוואלדען, אין דיא זעלבע צייט האט זיך דיא שוואכע קוים לעבענדיגע אסתר מיט מיהע דורכגעשטופט דיא גרויסע מעננע אָרעמע לייט, און האט זיך אוועקגעשטעלט נעבען טיש, בייא וועלכען דיא קהל׳ס לייט זיינען געזעסען.

— וואָס פערלאנגסט דוא ? האט דער ראש הקהל קומענדיג אין פערלעגענ־הייט קורץ געפרעגט.

— איך פערלאנג מיין ירושה! האט אסתר מיט א ציטערענדע שטימע אויס־גערופען.

— דיין ירושה! האט דער ראש הקהל ניט וויסענדיג וואס איהר צו ענט־פערן, מאכאניש אונגעמורמעלט.

— איך פערלאנג מיין ירושה! האט אסתר מיט א פעסטערע שטימע אויס־גערופען, ערשט ווען מיין מאן שטעהט אייך שוין ניט אין וועג, ווען ער איז גע־שטאָרבען, האב איך דאס רעכט פון אייך מיין ירושה צו פערלאנגען!

קיינער האט ניט בעמערקט וויא זבדיה האט אויפגעציטערט הערענדיג אסתרס לעצטע ווערטער ער האט אבער גלייך געפאסט מוטה און מאכענדיג זעהר א קינסטליכע רוהיגע מינע, האט ער זיך געווענדעט צו איהר מיט דער פראגע.

— פון וואנען ווייסט דוא איבערהויפט אז דיין מאן איז געשטאָרבען?

— עס איז שוין מעהר קיין סוד ניט האט אסתר וואַרפענדיג ווילדע גליהענדע בליקען אויף דעם פעראורזאכער פון איהר אונגליק, מיט ציטערענדע ליפען אויס־געשפראָכען, דיא גאנצע שטאָדט.—

— דיא גאנצע שטאָדט ווייסען ניט וואס זייא ריידען! האט זבדיה ניט לאזענדיג אסתרן ענדיגען איהרע לעצטע ווערטער מיט א פרומע מינע ערוויעדערט איבעריגענס איז ניט ערשט דיא צייט דעריבער צו ריידען, קום א צווייטען מאָהל געגען אבענד, וועלען מיר דעריבער פערהאנדלען.

וויא עס האט אויסגעוויזען, איז דער ראש הקהל מיט דיא איבעריגע קהל׳ס לייט צופריעדען געוואָרען פון זבדיה׳ס ענטפער, עס איז דייטליך געוועזען אָן זייא צו מערקען, אז דיא בליקען פון דיא אָרעמע אונגליקליכע פרוי האבען זייא געשטאָכען וויא ניפטיגע שפיזען, און אָבוואָהל זייא האבען אין זייערע הערצער צו געגעבען, אז זיא האט פאלקאם רעכט מיט איהר ביטע דאָך האט קיינער ניט געוואגט אָהן זבדיה׳ס בעשטימונג אויגענבליק איהר פערלאנג נאָצוגעבען, זאָגאר דער ראש הקהל האט געווארט צו הערען וואס זבדיה וועט דער ערשטער זאָגען.

— וואס זע שטעהסט דוא דאָ? האט זבדיה זיך ווענדענדיג צו אסתרן מיט א פעסטע שטימע אויסגעשפּראכען, האסט דוא דען ניט געהערט וואס איך האב דיר געזאָגט? קהל איז קיין גזלן ניט, מיר וועלען דיין ירושה ניט בערויבען, קום געגען אבענד וועלען מיר מיט דיר דעריבער ריידען! —

— וואס האט איהר מיט מיר צו ריידען? האט אסתר מיט פייערשפייענדע אויגען פון אויפרעגונג אויסגעשריען, פארוואס שיקט איהר מיר הין און צוריק? ווייסט איהר דען ניט אלע אז מיין מאן איז ניט מעהר אונטער דיא לעבעדיגע? גיעבט מיר א וועק מיין זיידענס ירושה, וועלבע געהערט מיר ערשט גזעצליך, נאָך היינט וועל איך איהר פערקויפען און וועל פליהען פון שטאָדט וועכע, האט—

דער ראש הקהל איז געבליבען זיטצען וויא פון א בליץ געטראָפען, פון זיין טיעפען הערצען האט ער בעמיטלײדעט דיא ארעמע שוואכע פרוי, וועהרענד אבער ער האט געוואָלט וואס זאגען אום איהר צו בערוהיגען, האט זבדיה ווידער אונטערברעכענדיג אסתר׳ס לעצטע ווערטער ערגערליך אויסגעשריען.

— וויא פיעל מאל דארף מען מיט דיר ריידען? דוא האסט דאך געהערט אז מען הויסט דיר קומען געגענאבענד, מען וויים נאָך איבערהויפט ניט אויב דיין מאן איז געשטארבען!

דיא ווערטער, וועלבע זבדיה האט מיט א טראציגע פינסטערע מינע און מיט א בעפעהלענדע שטימע אויסגעשריען, האבען דיא אונגליקלבע אסתר ארויס־געבראכט פון געדולד, פערשיעדענע פארבען האבען זיך געביטען אין איהרע בלייבעם געזיכט, און אלע איהרע גליעדער האבען וויא פין א שטארקען קאנאָוואולס מערק־

באר געציטערט, מיט א ווילדע האסט איז זיא צוגעשפרונגען א פאר טרים נע־
הענטער צו זבדיהן און האט מיט זעהר א שארפע שניידענדע שטימע אויס־
געשפראכען.

— נאטירליך איז מיין מאן ניט געשטארבען, מען האט איהם ערמארדעט!

דיא ווערטער, וועלכע אסתר האט מיט אזא ווילדע אויפרעגונג אויס גע־
שפראכען, האבען ארויסגערופען א גרויסען טומעל אין קהל שטיבעל, דער ראש
הקהל מיט דיא איבעריגע שטאדט פיהרער זיינען אויפגעשפרונגען פון זייערע ערטער
און האבען גענומען ווארפען צושראקענע בליקען איינער אויף דעם צווייטען. זבדיה
איז געוועזען דער איינציגער, וועלכער האט זיין מוטה ניט פערלארען, וויא א שטרענ־
גער דעספאטישער הערשער האט ער זיך אוועקגעשטעלט געגען דיא שוואכע פרוי
און האט מיט א דאנערענדע שטימע אויסגעשריען.

— וויא אונטערשטהעסט דוא זיך אזעלכע ווערטער אויף דיינע ליפען צו
ברייגנען? ווילסט דוא ניט פיעללייכט געהן אין דיין מאנס וועגען און ווערען א
מסור'טע?

— מערדער, מערדער! האט דיא אונגליקליכע יונגע פרוי מיט א ווילדען
וואהנזיניגען געלעכטער אויסגעברומט, דוא נאר דוא האסט מיין מאן ערמארדעט,
און ער ערצעהלט ערשט דיינע בייזע מעשים פאר גאט וועלכער הערט און וויים
אלעס!

מיט דיא ווערטער איז דיא אונגליקליכע אסתר מיט איהרע וואנזיניגען צארן
ארויפגעפאלען אויף זבדיה'ן און ארומגעהמענדיג זיין האלז מיט איהרע בייזע
ציטערענדע הענד, האט זיא איהם גענומען שטיקען און ווערגען, אין קהל שטיבעל
איז געווארען א שרעקליכער לארעם, דיא קהלס לייט זיינען געבליעבען זיטצען וויא
פון דאנער ערשלאגען, און פון שרעק האט זיך קיינער פון ארט ניט געריהרט, נור
דיא שמשים זיינען גלייך צו געשפרונגען, און נאכדעם וויא זייא האבען מיט גרויסע
מיהע אפגעריסען דיא אונגליקליכע פון דעם צוטומעלטען זבדיה'ן, האבען זייא איהר
ארויסגעפיהרט אין דרויסען.

— זיא איז משוגע געווארען! האט זבדיה קוים אפציהענדיג זיין אטהעם
אויסגעמורמעלט, זיא האט מיר שיער ניט דערשטיקט.

— וואס איז דער וואונדער? וועניג צרות האט זיא אויסגעליטען?

— וויא קען מען אבער איהר צוריק געבען איהר זיידענס ירושה, ווען זיא איז
ניט בייא איהר זינען?

— דאן מוז קהל זארגען פאר איהר, מען קען דאך איהר ניט לאָזען שטאר־בען פאר הונגער !

— געוויס וועלען מיר זארגען פאר איהר ; האט זבדיה אריבערשרייענדיג אלע קהל'ס לייט, מיט א ברייטע דעה אויסגעברומט. קהל זיינען קיין גזלנים ניט, מיר וועלען איהר קריוודע ניט פערלאנגען, מיר דארפען אבער ניט זיין איבער־איילינ, מיר מוזען זיך צו ערשט מישב זיין וואס מיר האבען צו טהאן, מיר וועלען איהר יעדענפאלס קיין אונרעכט ניט טהאָן !

— איך זעה גאר ניט איין, וועלכע גרויסע ישוב הדעת מיר דארפען דאָ דערבייא האבען ! האט דער ראש הקהל ערגערליך איבער דיא טרויעריגע סצענע, און איבער דיא גרויסע דעה, וועלכע זבדיה נעהמט זיך, מיט א פעסטע שטימע אויסגעשפראָכען.

וואס האבען מיר אייגענטליך צו דיא אונגליקליכע וויבעל ? וויא דיא זאכע איז, קהל האט פיעל בעסער אויסגעפיהרט וויא איהר מאן, ער שטעהט אונז ערשט ניט מעהר אין וועג, און אונזער נקמה האבען מיר אויך גענומען, מיר הא־בען איהם בעגראבען קבורת חמור וויא א בהמה, וואס נאך ווילען מיר ? פאר־וואס זאלען מיר נאך אויסצאפען דיא בלוט פון דיא אונגליקליכע אלמנה ? ווארום זאלען מיר איהר גלייך ניט אוועקגעבען דיא ירושה פון איהר זיידען, וועלכע עס געהערט איהר געזעטצליך?

— ווער זאָגט דען אז מען זאל איהר ניט אוועקגעבען איהר ירושה ? האט זבדיה ווארפענדיג א בייזען גיפטיגען בליק אויף דעם ראש הקהל, נאך העכער וויא ער אויסגעשריען, איך זאָג נור אז מיר מוזען אונז מישב זיין, האט איהר דען ניט געזעהען אז זיא איז משוגע ? וויא פיעל האט געפעהלט אז זיא זאל מיר דער־שטיקען ?

— נאטירליך, מען קען פון צרות משוגע ווערען, האט דער ראש הקהל מיט א געהיימע פערעכטליכע מינע ערוויעדערט, וואס איז דער וואונדער אז זיא האט איהר פערשטאנד פערלארען ? ווענינ צרות האט זיא אויסגעליטען ? זאָגט מיר אָבער וואס דענקט איהר מיט איהר ירושה צו טהאָן ?

— איך מיין אז דאס בעסטע וואלט געווען, האט זבדיה געלאסענער גע־ענטפערט, אז קהל זאָל בעהאלטען איהר ירושה ביז זיא וועט פאלשטענדיג צוריק געזונד ווערען, און דערווייל זאלען מיר איהר געבען פינף רובעל א וואך, אום זיא זאל האבען פון וואנען צו לעבען !

— ניין, דאס איז קיין יושר ניט !

— און איך גלויב אז זבדיה האט רעכט !

— געוויס, וויא קען מען א משוגענע פרוי אנטרויען א פערמעגען ?

— און איך זאג אז דאס איז א ווילדע רציחה !

— אזא נבלה פאסט פאר סדום !

— ווענינ האט זיך קהל געבאדען אין איהר בלוט !

— זבדיה האט געזעהן אז דאָ קען קומען צו הויכע דרבים, דען אלע פער־זאמעלטע האבען זיך שטארק געקאכט, און פיעלע פון דיא קהל׳ס לייט האבען אויף איהם געוואָרפען גיפטיגע בליקען, איז ער לאנגזאם אויפגעשטאנען פון זיין ארט, און מיט א שטאָלצע מינע פון א זעלבסט הערשער האט ער רוהיג אויס־געשפראָכען.

— אייערע אלע רייד איז ניט ווערטה א שאָס פולווער, איך בין אויך קיין גזלן ניט, דער ווייבעל וועט קיין אונרעכט ניט געשעהען, פריער אדער שפעטער וועלען מיר איהר דיא ירושה צוריקגעבען און פון הונגער דערווייל וועלען מיר איהר אויך ניט לאָזען שטארבען וואס ווילט איהר נאך ?

איהר מעגט אייך אויף מיר פערלאָזען אז איך וועל מיט איהר האנדלען גאנץ אידישאַך, וואָלען מיר אבער דערווייל דאַווענען מנחה גדולה, דען מיר איז שוין טרר קען אין מויל ריידענריג, און עס איז שוין צייט צו געהן עסען מיטאג.

מיט דיא ווערטער האט זבדיה מיט א פרומע מינע אויסגעשריען אשרי יושבי ביתיך!

כ.

דער קהל׳שער יורש.

נאך אין דיא זעלבע נאכט האט זבדיה בעשלאָסען אונבעמערקט צו בעזוכען דיא יונגע אונגליקליכע אסתר, וועלכע ער האט נאך אימער היים געליעבט, און אן צו ווענדען אלע זיינע קרעפטען מיט איהר שלום צו שליסען, אום איהרע ליעבע צו געווינען, ער האט צוואר גוט געוואוסט אז לויט דיא פייערינע שנאה, וועלכע ברענט אין אסתר׳ס הערץ צו איהם, וועט איהם זעהר שווער געלינגען זיין ציעל צו ערררייכען דאָך בויענדיג אויף זיין ריידענסקראפט און אויף אסתר׳ס הילפלאָזע אדעמע לאגע, האט ער דאָך בעשלאָסען דיא פראבע צו מאכען, איידער אבער ער האט זיין ענט־שלוס אויסגעפיהרט איז איהם איינגעפאלען אנדערע געדאנקען, ווער וויים אויב זיא איז פון צרות ווירקליך ניט משוגע געווארען ? ווער וויים אז זיא וועט איהם

דערזעהן אין איהר ארעמע וואהנונג, אויב זיא וועט דאן גלייך ווידער ניט מאכען מיט איהם א סקאנדאל וויא אין קהל שטיבעל?

אום אבער זיין גליהענדען וואונש זיכער אויסצופיהרען, האט ער גערופען יאסעל נח דעם שמש, אויף וועלכען ער האט געוואוסט אז מען קען זיך אויף איהם זיכער פערלאזען, און איהם דערלאנגענדיג פינף און צוואנציג רובעל, האט ער זיך געווענדעט צו איהם מיט דיא ווערטער.

— נעהם דאס געלט און טראג עס אוועק צו אסתר דיא אלמנה, זאג איהר אז איך האב איהר דאס געלט געשיקט, דוא זאלסט איהר אויך טרויסטען אין מיין נאמען, דוא זאלסט איהר זאגען, אז איך מיין גאר ניט אנדערש וויא איהר זיידענס ירושה אפצוגעבען, דאס איינציגע וואס איך פערלאנג פון איהר, איז אז זיא זאל זיך נור פעראאלטען רוהיג און ניט מאכען קיין לארעם.

יאסעל נח דער שמש האט צוגענומען דאס געלד, און האט מיט א פרומע מינע ערוויעדערט.

— דער זכות זאל אייך ביישטעהן' ר' זבדיה! איך בין אייךווירקליך מקנא דיא גרויסע מצוה, א קלייניגקייט איז עס העלפען איין ארעמע אלמנה אין איהר נויטה? איך קען מיר דענקען וויא דיא ארעמע אסתר נעבאך וועט שפרינגען פון איהר הויט פון פריידע ווען זיא וועט דערזעהען דיא געלט און הערען פון מיר דיא ווערטער וועלכע איהר הייסט מיר אין אייער נאמען זאגען!

מיט דיא ווערטער איז דער שמש אוועק אויספיהרען דעם בעפעהל, און זבדיה איז געבליעבען מיט א פיעבערהאפטע אונגעדולד ווארטענדיג אויף זיין צוריק קומען.

אומגעפעהר א שטונדע שפעטער האט יאסעל נח דער שמש צוריקגעקעהרט, זבדיה איז גלייך אויפגעשפרונגען פון זיין ארט און איז איהם געלאפען ענטגעגען, בעמערקענדיג אבער אז זיין געזיכט איז זעהר ערנסט און פינסטער, האט ער אונרוהיג געפרעגט.

— נון, וועלכע נאכריכט האסט דוא מיר געבראכט?

— זעהר טרויעריגע, האט דער שמש קורץ געענטפערט, איך האב אייך דאס געלט צוריק געבראכט.

— פארוואס? זיא האט עס ניט געוואלט אנעהמען?

— אך, ר' זבדיה! האט דער שמש זיפצענדיג ערוויעדערט, איך קען אייך ניט איבערגעבען מיט ווערטער וואס דארט האט פאסירט, איהר מעגט מיר גלויבען אז איך האב מיר קוים מיט מיין לעבען ארויסגעשלעפט פון איהר הויז!

אבוואהל זבדיה האט נאך דעם אויספיהרליכען ראפארט פון שמש נים געהערט, דאך איז ער צופריעדען געוועזן דערמיט וואס ער האט פארזיכטיג געהאנ־דעלט און איז אליין ניט געגאנגען, ער האט פערשטאנען אז דער שמש האט דארט פון דיא אויפגערעגטע אסתר געמוזט האבען המנ׳ס מפלה, ער האט אָבער אָנ־געשטעלט א פרומע מיטליידענדע מינע און האט זיפצענדיג ארויסגעשפראכען.

— וויא איך פערשטעה, איז דיא אונגליקליכע אסתר ווירקליך משוגע!

— געוויס איז זיא משוגע! האט דער שמש טרויעריג ערוויעדערט, ווען זיא וואָלט געוועזן בייא איהר זינען, וואלט זיא דאך ניט גערעדט אזעלכע שרעקליכע ווערטער!

— ערצעהלט מיר אויספיהרליך, וואס האט זיא דיר דען געזאָגט, ווען דוא האסט איהר איבערגעגעבען דאס געלט אין מיין נאמען?

— ווען איך בין אריינגעקומען אין איהר ארעמע וואהנונג, האט דער שמש ערנסט ערוויעדערט, האב איך איהר געפונען ליגענדיג אין בעט און איהר פנים איז געוועזן שווארץ וויא פערברענט, וויא איך האב א קוק געטהאן אויף איהרע אויגען, האב איך מיר פורכטבאר דערשראקען, מיר איז פארגעקומען אז זיא וויל מיר איינשלינגען, נעבען איהר בעט זיינען געזעסען א פאָר ווייבער און האבען גע־ליינט קאלטע קאמפרעסען צו איהר קאָפּ, איך האב גלייך בעמערקט אז דיא ארעמע אלמנה איז געפעהרליך קראנק און ניט ערשט איז דיא צייט מיט איהר צו ריידען איבער דיא אנגעלעגענהייטען, דאך האב איך געפּאסט מוטה, איך בין צוגעגאנגען צו איהר בעט, און דערלאנגענדיג איהר דיא געלט, האב איך מיר גע־ווענדעט צו איהר מיט דיא ווערטער.

— אסתר! ר׳ זבדיה האט אייך געשיקט דערוויל פינף און צוואנציג רובל, זייט נאר געזונד און רוהיג, ער פערשפרעכט אייך דיא ירושה פון אייער זיידען אויף אָפּצוגעבען, ער וועט זארגען דאפיר אז עס זאל אייך קיין אונרעכט פון קהל געשעהען!

קוים האט זיא אבער דערהערט פון מיר אייער נאמען, האט זיא א שליידער טהאענדיג דאס געלט אָן דר׳ערד, נאקעטער הייט ארויסגעשפרונגען פון בעט, און ארויפפאלענדיג אויף מיר וויא א ווילדע חיה האט זיא ארויסגעברומט דיא ווער־טער.

— ארויס פון מיין הויז, איך וויל פון מיין מאנס מלאך חמות קיין הילף ניט נעהמען! זאל ער זיך ווערגען מיט זיינע געלט, איך וויל מיין ירושה, דער באנדיט וויל מיר יארשענען לעבעדיגערהייט!

מיט דיא ווערטער האט זיא זיך צו לאכט מיט א ווילדען געלעכטער און האט מיר גענומען שטיקען.

מיין גליק איז געווען, וואס דיאביידע פרויען האבען איהר שנעל אפגעריסען פון מיר, און מיט א גרויסע מיהע האבען זייא איהר אריינגעוואָרפען צוריק אין בעט, איך האב דאן צוזאממענגענומען פון דר׳ערד דיא צושאטענע פאפיער געלט, און אהן אן אטהעם פון שרעק בין איך געלאפען צוריק.

— איך האב דאס מייניגע געטהאָן! האט זבדיה מיט א פערדריסליכע מינע אויסגעשפראָכען, פאר גאט און פאר מיין געוויסען האב איך יוצא געווען!—

אויף מארגען נאך דיא בעשריעבענע סצענע מיט דיא אונגליקליכע אסתר, זיינען דיא קהל׳ש לייט ווידער צו זאממענגעקומען, אום צו ענדיגען טהייקען דיא מעות חטים דיא ארעמע לייט, וועלכע האבען בעלאגערט דיא קהל שטיבעל, ביי דער געלעגענהייט האט זבדיה געפונען פאר נויטיג צו ווייזען פאר קהל, אז ער איז ניט אזא גזלן וויא מאנכע אנדערע האבען געכטען געגלויבט, און מאכענדיג א גוטהערציגע פרומע מינע, האט ער זיך געווענדעט צום ראש הקהל מיט דיא ווערטער.

— אום יוצא צו זיין פאר גאט און פאר לייטען, איז ביי מיר געבליעבען אז איהר האט ווירקליך רעכט, מיר מוזען דיא אלמנה נאָך היינט צוריקגעבען איהר ירושה, און לאז זיא דערמיט טהאן וואס זיא וויל, נור צו אונז זאל זיא קיין פראָ־טענציעס ניט האבען!

— געוויס איז עס ניט מעהר וויא רעכט, האט דער ראש הקהל מיט א צו־פריעדענע מינע ערווידערט דאס האבען מיר גלייך וויא מען האט געפונען איהר מאן א טויטען געדארפט טהאָן, וועלכע מחותנים זיינען מיר ערשט צו אסתר׳ס ירושה?

— געוויס, געוויס! האבען דיא יעניגע וועלכע האבען זיך נעטען געזוכט צו שמייכלען צו זבדיה׳ן אין איין קול אויסגערופען, עס איז א רחמנות אויף א אידשע טאכטער, מיר דארפען איהר ניט בערייבען, מיר מוזען האנ׳לען אידעש־לאך!

זבדיה האט צוגערופען איינעם פון דיא שמשים און האט איהם געשיקט מעלדען דיא אלמנה דעם בעשלוס, וועלכען קהל האט געפאסט אבער אין דעם אויגענבליק האט זיך געהערט קלינגענדיג מיט דיא פושקעס און שרייענדיג, צדקה תציל ממות!

— עס איז א לויה ! האבען מעהרערע אויסגערופען, ווער איז עס גע־שטאָרבען ?

איינער פון דיא שמשים איז גלייך ארויסגעלאפען אויף׳ן גאס, אום צו ער־פאהרען ווער דער נפטר איז, ער האט אבער גלייך צוריקגעקעהרט און האט מיט א טרויעריגע מינע אויסגערופען, צו שפעט רובותי, זיא איז געשטאָרבען !

— ווער איז געשטאָרבען ? האט זבדיה צושראקען געפרעגט.

— אסתר דיא אלמנה !

— ברוך דין אמת ! האבען אלע קהל׳ס לייט מיט איין קול אויסגערופען.

זבדיה איז געבליעבען זיטצען וויא פון א דאנער ערשלאָגען, ער האט זיך אבער גיך געטרייסט, דען אסתר׳ס ירושה איז ענדליך בייא איהם געבליעבען.

ע נ ד ע.

פרץ סמאלענסקינס צווייטער בוך

דער שווינדלער

— אָדער —

דיא פרייד פון א חונף.

בעארבייטעט פון

יצחק ראַבינאָוויץ (איש קאָוונא.)

האט נאך מעהר איבערראַשט דיא וועלט וויא דער ערשטער,
און דיא יעניגע וועלכע האבען געלעזען

דעם שטאדט מסור

אָדער בעגראבען קבורת חמור,

וועלען געוויס קויפען און לעזען סמאָלענסקינס וועלט
בעריהמטע מייסטערווערק

דער שווינדלער

אָדער דיא פרייד פון א חונף.

פרייז 10 סענט, מיט פּאָרטאָ 12 סענט.

צו בעקומען בייא אלע צייטונגס סטענדס און בוכהענדלער, וויא אויך
ביים פערלעגער

M. Chinky, 19 Ludlow Street, NEW YORK.

פרייז־קוראנט.

פון פערשיעדענע לעזע־ביכער, מעטהאָדעס און ווערטערביכער
וואס געפינט זיך אין

ספרים געשעפט

— פון —

מאיר חינסקי, 19 לודלאוו סטריט, ניו יארק.

בעדינגונגען פיר דילערס און פריוואַט לייטע.

איך שיק ביכער דורך עקספרעס נאָר פאר קעש, אָדער פער C. O. D. (נאכנאהמע), ווען מען שיקט אריין 10 פראָצענט פון דעם בעטראג פון ביל אלס א דעפאזים.

קליינע פאקעטען ביכער לוינט בעסער צו שיקען דורך פאָסט, וויל דער פרייז פון געדרוקטע ביכער אין גאנץ אמעריקא און קענעדע, און אויך אין יוראָפּ איז בלויז 8 סענט א פונט. נאָר אזוי וויא מיט פאָסט קען מען ניט שיקען פער C. O. D. מוז דער קויפער אין גאנצען דאס געלד פאָראויס שיקען. אויך פאָסט געלד פאר'ן שיקען דיא ביכער. וואס דאס איז געוועהנליך 1 סענט פון א 5 סענטיגען בוך, 2 סענט פון א 10 סענטיגען בוך, 3 סענט פון א 15 סענטיגען בוך, און 5 סענט פון א 25 סענטיגען בוך.

קליינע סומעס געלד קענען זייא שיקען מיט פאָסט סטעמפּס 2 אָדער 5 סענטיגע. איהר זאָלט אָבער אכטונג געבען דיא סטעמפּס זאָלען ניכט אָנקומען צו־זאמענגעקלעפּט.

ווען איינער פערלאנגט א בוך וואס ער איז ניט געצייכענט אין פרייז־קוראנט, קען ער איהם אויך פון מיר אָרדערן, און ווירד איהם גלייך בעקומען, זאָלאנג אז ער איז נאָר דאָ צו קריעגען אין מארקעט.

אלע אָרדערס ווערען שנעל און פינקטליך בעזאָרגט. בעשטעלונגען, בריעפע, געלדזענדונגען צו אדרעסירען

M. Chinsky, 19 Ludlow Street, NEW YORK.

גראף לעא טאלסטאי'ס ביכער.

דיא קרייצער סאָנאַטאַ. א שילדערונג איבער דער פערדאָרבענהייט אין פערהייראַטעטען לעבען. עס ווערט בעוויזען מיט פאַקטען, אז קיין אמת'ע ליעבע עקזיסטירט גאר ניט אין דער מענשהייט. עס איז נאָר בלויז ליידענשאפט, פאלשקייט און בעטרוג. **פרייז 10 סענט.**

איך און מיין מאַן. א שילדערונג איבער דער אונגלייכהייט אין פער־הייראַטעטען לעבען, און וועלכע הייראַטה עס פיהרט צו גליק און וועלכע צו אונגליק. **פרייז 10 סענט.**

מיין פריינד'ס פרויא א שילדערונג איבער דיא געמיינהייט און פער־דאָרבענהייט וואס פאלשע ליעבע קען ארויס ברייגגען. **פרייז 10 כענט.**

דיא צווייא דורות. א שילדערונג פון דעם רוסישען לעבען, איבער זייער אונטערהאלט, בעלער, התונות, ציגיינער־טענץ און קארטען־שפיעל. **פרייז 10 סענט**

איוואַן איליטש'עס טויט. א שילדערונג איבער דעם איבערגאַנג פון לעבען צום טויט. וואס מען דענקט און פיהלט אין דיא לעצטע מינוטען פון לעבען. **פרייז 10 סענט.**

דער נסיון. א שילדערונג איבער דעם קאמפף פון אנשטאנד מיט אויס־געלאַסענהייט, פון מאָראל מיט פערדאָרבענהייט, און פון עדעלען מענער־מוטה מיט ערניעדריגטער פרויען־שוואכקייט. **פרייז 10 סענט.**

דיא פערפיהרונג. א שילדערונג איבער אזא סאָרט לעבען וואס איז פול מיט מענשליכער אויסגעלאַסענהייט און פערדאָרבענהייט. **פרייז 10 סענט.**

מיין וידוי. א שילדערונג צו וועלכען צוועק מענשען זיינען בעשאפען גע־וואָרען, לעבען אויף דער וועלט און ליידען צרות. **פרייז 10 סענט.**

איוואַן דער נאַר. דיעזער בוך שילדערט פאר אונז אזא בילד וועלכעס עפענט אויף אונזערע אויגען צו זעהן א נייע וועלט מיט נייע מענשען. **פרייז 5 ס.**

טאָלסטאָי'ס ביאָגראַפיע. א בעשרייבונג איבער זיין לעבען, ווירקען און איינפלוס איבער זיינע מיטמענשען, מיט א ביילאגע פון זיין בילד. **פרייז 5 ס.**

אַננאַ קאַרעניגאַ. א שילדערונג איבער דיא ליידענשאפט פון א יונגע שעהנע פרוי, ווען זיא פאלט אריין צו איין עלטערן אָבגעלעבטען מאַן און פערליעבט זיך ענדליך אין א פרעמדען יונגען און שעהנעם מאַן. דאס איז דיא גרעסטע און בעסטע מייסטערווערק וואס גראף טאָלסטאָי האט געשריעבען. **פרייז 25 סענט.**

M. CHINSKY, 19 LUDLOW STREET, NEW YORK.

היסטארישע ערצעהלונגען.

דער חרם דרבינו גרשם. א ערצלעהלונג פון דר. לעהמאנן. כמעט יעדער איד וויס, אז רבינו גרשם איז געוועזן דער ערשטער וואס האט פערבאָטען צו האלטען צוויא ווייבער, וואס איז מן התורה ערלויבט. ווער איז געוועזן רבינו גרשם? פאר וואס האט ער פערבאָטען? וועט דער לעזער אויסגעפינען אין דעם בוך דער חרם דרבינו גרשם. **פרייז 10 סענט.**

גראף פאָטאָצקי אָדער דער גר צדק. א ערצעהלונג וויא אזוי דער גר צדק, וועלכער איז געוועזן א זוהן פון קא טאָלישע עלטערן און איז ערצויגען געוואָרען אין לוקסוס, גלאנץ און פראכט. האט דאס אלעס פערלאָזען אום אָנצונעהמען דיא אידישע אמונה, און דאפיר האט מען איהם אין ווילנא א לעבעדיגען פערברענט. **פרייז 5 סענט.**

דער טערקישער משיח. א ערצעהלונג פון ד. מ. הערמאלין, איבער דעם לעבען און ווירקען פון דעם וועלט שווינדלער שבתי צבי. **פרייז 10 סענט.**

מחמד. א ערצעהלונג פון ד. מ. הערמאלין, איבער דעם לעבען און טהעטיגקייט פון דעם מוסולמאנישען געזעטץ־געבער און דיא רעזולטאטען פון זיין רעליגיאָן. **פרייז 10 סענט.**

ישו הנוצרי אָדער יוסף פאנדרי. א ערצעהלונג איבער דיא געבורטה פון קריסטליכען משיח, און דיא וואונדער וואס ער האט בעוויזען. איבערזעצט פון מעשה תלוי לה״ק. **פרייז 10 סענט.**

ישו הנוצרי. זיין ערשיינען, לעבען און טויט. געשילדערט פון א היסטאָרישען שטאנדפונקט, פון ד. מ. הערמאלין. **פרייז 10 סענט.**

מאריא מאגדאלענא. געשריעבען פון א גייסטליכען פון דער קאטאָלישער קירכע איבער ישו הנוצרי. **פרייז 5 סענט.**

געהיימער מאָרד. א ערצעהלונג וואס האט אמאל פאסירט אין רוסלאנד. **פרייז 5 סענט.**

קאָלומבוס אָדער דיא ענטדעקונג פון אמעריקא פון אלכסנדר הארקאווי. **פרייז 5 סענט.**

קאפיטאן דרייפוס אָדער לעבעדיג בעגראָבען. בעשרייבונג איבער דיא צרות און לייד וואס ער איז אויסגעשטאנען אויפ׳ן טייפעלס אינזעל. דאס איז דיא ריכטיגע בעשרייבונג וואס איז געדרוקט געוואָרען אין לאָנדאָן, 110 העפטען. **פרייז 1 דאָלאר.**

קירצליך וועט ערשיינען אין מיין פערלאג דער וועלט בעריהמטער בוך „קריעג און פריעדען״ פון גראף לעא טאָלסטאָי.

M. CHINSKY, 19 LUDLOW STREET, NEW YORK.

וואונדערבארע רייזע בעשרייבונגען.

דיא קליינע מענשעלעך.

א רייזע בעשרייבונג פון א לאנד, וואו דיא מענשטן זיינען אזוי גרויס וויא דיא פינגער פון אונזערע הענד. ווער עס וועט דיעזען בוך לעזען וועט האבען צו לאכען און צו דערצעהלען אויף יאהרען לאנג איבער דיעזער מערק־ווירדינער רייזע.

דיא קליינע מענשעלעך, זיינען צום ערשטען מאל איבערזעטצט געווארען אין דער אידישער שפראך און דער אידישער לעזער האט יעטצט דיא געלעגענהייט צו בעזיטצען דיעזעס הערליכע ווערק. **פרייז 10 סענט.**

דיא ריעזען.

א רייזע בעשרייבונג פון א לאנד וואס דיא מענשען זיינען 100 מאל אזוי הויך וויא מיר זיינען און יעדער פון זייא קען אריין כאפען איינעם אדער צווייא פון אונזערע מענשען אין א קעשענע און דער אייגענטהימער זאל גאר פערגעסען וועמען ער האט דא אריינגעלייגט. יעדעס ווארט און יעדע שורה אין דיעזען בוך זיינען שפאנענד און אינטערעסאנט אויף דער העכסטער שטופע. לעזט דיעזען מערקווירדינען בוך און האט פערגניגען. **פרייז 10 ס.**

דיא ווילדע מענשען.

א נאטור־געשיכטליכע רייזע בעשרייבונג איבער דעם לעבען פון דיא ווילדע מענשען אין אפריקא, וויא זייא זיינען מקריב מענשען פאר קרבנות וויא זייא עסען זייער פלייש, און איבער דיא יאגדען פון לייבען, לעאפארדען, ריעזען שלאנגען, טיגערן א. ז. וו. **פרייז 10 סענט.**

א רייזע צום זיד־פאל.

א בוך וואס פיהרט אוועק דעם לעזער ניט נאר אויף דיא פערפרווירענע ימים אהין, זאנדערן עס ענטדעקט פאר איהם אזעלכע סודות אין דער נאטור וויא צום ביישפיעל, דאס עס איז מעגליך מענשען זאלען פערפרווירען ווערען און מיט הונדערט יאהר שפעטער זאל זיך צו זייא צוריק קעהרען דער כח החיים. עס ווירד געשילדערט אונבעקאנטע אינזלען, עס דערצעהלט איבער אזעלכע ברואים, וואס עס שטעלען אונז דיא האאר קאפויר, ווען מיר הערען פון זייא, און דאס וויכטיגסטע וואס דער זיד־פאל איז, און וואס דארט איז אמאל געוועזן. לעזט דאס ערהאבענע ווערק און געניעסט בילדונג מיט אונ־טערהאלט צוזאמען. **פרייז 15 סענט.**

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען, וויא אויך ביים פערלעגער

M. Chinsky, 19 Ludlow Street, NEW YORK.

— דיא —

...מענשליכע בעסטיעס...

פון עמיל זאלא.

דיא אידישע ליטעראטור איז אין דער לעטצטער צייט זעהר רייך געוואָרען, אָבער אזא פערל, וויא „דיא מענשליכע בעסטיעס“ פון עמיל זאָלא, האט מען נאך ניט ערוואַרטעט.

עמיל זאָלא! דער גרעסטער רעאַליסטישער שרייבער אין דער וועלט; עמיל זאָלא, פיר וועלכען זאָגאר גראף טאָלסטאָי בייגט זיין קאָפּ מיט רעספעקט, האט, אונטער אַלע זיינע ווערקע, ערשטוינט אונד איבערראשט דיא וועלט מיט דעם ווילדען, רווישענדען, אונד שוידערהאַפטען ראָמאַן, „דיא מענשליכע בעסטיעס.“

„דיא מענשליכע בעסטיעס“

איז דאס געלונגענסטע מייסטערווערק פון דעם גרויסען רעאַליסטישען מייסטער. מיר ערבליקען דאָרט אַזוי פיעל וואהרהייט, שוידערהאַפטעס אונד אויפרעגענדעס, אז אונז שטעלען זיך דיא האאר קאַפּויר לעזענדיג יעדעס וואָרט.

„דיא מענשליכע בעסטיעס“,

דאס געלונגענסטע ווערק פון עמיל זאָלא, גיבט אונז א טרייעס בילד פון דיא פערדאָרבענע פראַנצויזען אויף אַזוי וויט, דאס מיר זיינען דאַן אימשטאַנדע צו בעגרייפען וויא עס קומט, אז דאָרט וואו דיא ציוויליזאַציאָן איז אם העכסטען, איז אויך דיא פערדאָרבענהייט אם גרעסטען.

„דיא מענשליכע בעסטיעס“

איז קיין געוועהנליכעס בוך איבער געוועהנליכע מענשען; מיר ערבליקען דאָרט דיא בעסטיע אין מענשען־געשטאַלט; דיא בלוט־בעפלעקטע הענד פון פראַנקרייך׳ס פאָלק, אונד דיא מיט שמוטץ אונד עקעלהאַפטע מאַסקע, וואס פראַנקרייך׳ס גרויסע לייט טראָגען.

עמיל זאָלא זאגט דיא וואהרהייט; ער וויל ניט וויסען וויא וויית זיא שמערצט אונד טהוט וועה.

„דיא מענשליכע בעסטיעס“

איז א וואונדער אין דער ליטעראטור אונד א בילד פון דער ווילדעסטער ליידענשאַפט אין מענשען.

פרייז 15 סענט.

M. Chinsky, 19 Ludlow Street, NEW YORK.

דאס לעטצטע און דאס בעסטע!

דיא ליעבעס-נאכט

פון עמיל זאלא.

בעארבייטעט פון ד. מ. הערמאלין.

דאס העכסטע, שענסטע, בעסטע און עלעגאנטסטע וואס דער גרויסער ע מ י ל ז א ל א האט אויפגעשריעבען, איז יעטצט ערשיענען אין אידיש, לייכט, דייטליך און שעהן איבערזעטצט פון פראנצויזישען.

דיא ליעבע אין איהר שוידערהאפטיגקייט, דיא בעסטיאליטעט אין איהר העכסטער אויפרעגונג, דיא שעהנע פערדארבענהייט אין איהר נאטירליכער פארמע, ווערט דא געשילדערט פון זאלא'ס פעדער פרייא, אפען און אנציהענד, טראטץ דער שוידערהאפטיגקייט.

דיא ליעבעס-נאכט

איז א בילד וואס קאכט אויף דאס בלוט, ערשטירמט דיא געפיהלע, ברויזט אויף דאס הערץ און פעראורזאכט א וויטהענדען איינדרוק אויף יעדען מענשען.

דיא ליעבעס-נאכט

איז א בוך פול מיט דער מערקווירדיגסטער און איבערראשענדסטע ליעבע; עס איז א בוך וואס וועקט, רוישט, קאכט און פיהרט אונז אוועק אין א וועלט, הינטער סאמעטענע און זיידענע פארהענגע, וואו עס שמעקט פארפום פון א הערליכען פרויענקערפער און מישט זיך אויס מיט טויט און דער גערוך פון קברים.

מיט איינעם ווארט, ד י א ל י ע ב ע ס - נ א כ ט איז א וואונדערבארעס ווערק און איז איבערטראגען אזוי שעהן און אזוי לייכט אין אידיש, דאס דער לעזער מוז געניעסען דערפון א וואהרעס זעעלען-פערגניגען.

פרייז 10 סענט, מיט פארטא 12 סענט.

M. CHINSKY, 19 LUDLOW STREET, NEW YORK.

לעבען און טויט

— אָדער —

אויפ'ן עולם התוהו.

פון עמיל זאלא.

בעארבייטעט פון ד. מ. הערמאלין.

זייט איהר שוין אמאל געשטאָרבען? זייט איהר שוין אמאל געוועז אויף'ן עולם התוהו?

ניין? דאן לעזט דאס מייסטערווערק וואס דער גרויסער רעאליסט ע מ י ל ז אָ ל א האט אויפגעשריעבען.

אין בוך „א ו י פ'ן ע ו ל ם ה ת ו ה ו" ערשיינען פאר אונז א וועלט מיט געפיהלע און א ליטעראַרישע שילדערונג וואס כאראקטעריזירט פאר אונז אזעלכע בילדער, וועלכע ערשטוינען, איבערראשען און בעלעהרען אונז.

זאָלא'ס פעדער שילדערט דיא בעדייטונג פון טויט, דיא געפיהלע פון הילפלאָזע און פערצווייפעלטע ליעבע; דאס הערץ פון א מענשען וואס בלוטעט אין דיא צושטענדען פון דער פאלשער, אבשייליכער און שלעכטע וועלט.

פון אלע ביכער וואס זאָלא האט אויפגעשריעבען, זאגט דער ליטעראטור קריטיקער ראָבערט מאנסאָן, דאריעבער פאָלגענדע ווערטער:

„זאָלא'ס ווערק „אויפ'ן עולם התוהו" איז דיא גרעסטע קונסט־שעפפונג וואס זיין זשעניאלע פעדער האט געקענט שאפען. זאָלא'ס גרויסקייט און טיעפזיניגקייט אין שטדיום פון דער מענשליכער זעעלע, צייגט זיך דאָ ארויס מיט דער גרעסטער קראפט.

אויפ'ן עולם התוהו

איז א בוך וואס פערדיענט צו פערנעהמען א פלאטץ אין אירגענד וועלכער פאָרטגעשריטענער ליטעראטור."

פריין 10 סענט, מיט פאָרטאָ 12 סענט.

צו בעקומען בייא אלע צייטונגס סטענדס און בוכהענדלער, וויא אויך ביים פערלעגער

M. CHINSKY, 19 LUDLOW STREET, NEW YORK.

דיא ליעבע

א פילאזאפישע אונד וויסענשאפטליכע שילדערונג איבער אלע ארטען ליעבע, פון ד. מ. הערמאלין.

יא, אונזער ליטעראטור איז בערייכט געווארען מיט פיעלע פערלען אונד בריליאנטען, אבער דיעזער לעטצטער פראדוקט, „דיא ליעבע" איז דיא הערליכקייט זעלבסט.

דער פערפאסער ד. מ. הערמאלין, האט געגעבען פאר דער וועלט א בוך וואס זאל עפענען דיא מענשליכע אויגען, אום צו בעגרייפען, פערשטעהען אונד ערגרינדען דיא געהיימניסע פון ליעבע.

יעדעס יונגע מעדכען אונד יעדער יונגער מאן, יעדער פאטער, יעדע מוטער, יעדעס קינד, מיט איינעם ווארט, יעדער דענקענדער מענש וועט אין דיעזען בוך זעהען א שפיעגעל פון זיינע געפיהלע אונד איינמאל פאר אלעמאל ארונטער רייסען דעם פינסטערן שלייער פון דעם ליעבעס-תהום, אונד זעהען וואס דאס איז.

דיעזעס בוך דיא ליעבע ענטדעקט דאס גרויסע געהיימניס פון דעם מענשליכען הערצען; עס ווייזט איהם זיינע נארישקייטען, זיינע לעבערליכקייטען אונד זיין פערשקלאפונג צו נאטור'ס ווילען.

אבער, איבער אלעמען, ערפאהרען מיר וואס

דאס הייסט וואהרע ליעבע!

מען מה דאס לעזען, אום מען זאל האבען א בעגריף פון דיעזען גרויסארטיגען בוך וואס ענטדעקט אזעלכע טיעפע סודות.

פרייז 10 סענט.

צו בעקומען בייא אלע בוכהענדלער אונד צייטונג סטענדס, ווי אויך ביים פערלעגער

מ. חינסקי, 19 לודלאו סטריט, ניו יארק.

דיא גאטטהייט

א פילאזאפישע אבהאנדלונג אונד ערקלערונג איבער גאטט אונד נשמה

פון ד. מ. הערמאלין.

דיעזעס בוך, ד י א ג אָ ט ט ה י י ט, וועט פּאָזיטיוו פּעראורזאכען דעם גרעסטען אויפרוהר אונטער דעם אידישען לעזער־פּובליקום.

דער פּערפאָסער פון דיעזע בוך, האט זיך געגעבען דיא גרעסטע מיה צו ערקלערען, איינמאל פאַר אלע מאל, וואס דאס הייסט ג אָ ט ט אונד נ ש מ ה.

וויא בעקאנט, ווייס דער איינפאַכער מענש בלויז פון אמונה; ער גלויבט, אַז ער האט א נשמה, אַז עס איז דאָ א גאָטט אויף דער וועלט, אָבער וואס נשמה איז אונד וואס גאָטט איז, דאס ווייס ער ניט.

ד. מ. הערמאלין, נאָך א לאַנגען שטודיום פון אלע פילאָזאָפישע סיסטעמען אין דער וועלט, האט ענדליך געצויגען איין אונטערשטע שורה, אונד אין דיעזען בוך ד י א ג אָ ט ט ה י י ט, האט ער ערקלערט מיט דער גרעסטער דייטליכקייט דיא גרעסטע פילאָזאָפישע געהיימניסע.

יעדער אידישער לעזער, אָהנע אונטערשיעד אויב ער האט געלערענט א סך אָדער ווענינ, מוז פערשטעהען דיעזעס בוך, אונד ווען ער וועט פערטיג ווערען דערמיט, וועט ער מעגען מיט רעכט זאגען: י ע ט צ ט ו ו י י ס א י ך ו ו א ס ג אָ ט ט א י ז א ו נ ד ו ו א ס נ ש מ ה א י ז!

דאס בוך איז א רעזולטאַט פון א שטודיום זייט פיעלע יאָהרען, אונד וואס דער פערפאסער האט אין דיעזער גאַנצער צייט געשעפּט פון דיא פילאָזאָפישע קוועלען, האט ער איבערגעגעבען איינפאַך אונד פערשטענדליך פאַר אלע לעזער.

ווירקליך, עס איז שוין צייט אַלע מענשען זאָלען פערשטעהן אונד וויסען איבער דיעזען גרויסען סוד!

פּרייז 10 סענט.

צו בעקומען בייא אלע בוכהענדלער אונד צייטונגס סטענדס,
וויא אויך ביים פערלעגער.

M. Chinsky, 19 Ludlow Street, NEW YORK.

מיין ווידוי

פון גראף לעא טאלסטאי.

ווייסט איהר אין וואס טאָלסטאָי גלויבט? ווייסט איהר וואס טאָלסטאָי אליין דענקט איבער לעבען און טויט? בעגרייפט איהר וואס ער פערשטעהט אונטער ליעבע, האס, רייץ, געניס, פערגניגען און וועלט?

ניין, ניין, דאס קענט איהר ניט וויסען.

טאָלסטאָי, דער גרעסטער שרייבער, דענקער און פילאָזאָף אין דער וועלט, האט זיך פרייא און אָפען מתודה געווען פאר דער גאנצער וועלט, און דערפון גע־מאכט א בוך וואס יעדער זאָל לעזען, פערשטעהען און בעגרייפען וואס אין זיין גרויסער זעעלע געהט פאָר.

ווייסט איהר, מענשען, צו וועלכען צוועק איהר לעבט אויף דער וועלט? ווייסט איהר צו וועלכען צוועק דיא וועלט מיט דיא מענשען זיינען געשאפען געוואָרען? ווייסט איהר ווארום מיר ליעבען, געניעסען און ערטראגען צרות? ווייסט איהר, ווארום מיר געבען ניט א שפייא אויף דער שלעכטער וועלט און מאכען א סוף פון דעם טרויעריגען לעבען דורך א שטריק, מעסער אָדער רעוואָלוער?

ניין, ניין, דאס וויס ניט דיא מענשהייט, נאָר טאָלסטאָי, דער גלענצענדער שטערן אויף'ן הימעל פון געדאנקען, האט דאס אלעס ערקלערט, בעוויזען און איבערציינט.

מיין ווידוי

איז דאס גרעסטע ווערק וואס טאָלסטאָי האט געשאפען. דעריעניגער וואס פערפעהלט אין לעבען צו לעזען אזא בוך, מעג מען אויף איהם זאגען, אז ער האט אָבגעלעבט זיינע יאָהרען און זיך פערגעסען צו זעהען דיא וועלט.

פרייז 10 סענט, מיט פאָרטאָ 12 סענט.

צו בעקומען בייא אלע צייטונגס סטענדס און בוכהענדלער, וויא אויך בוים פערלעגער

M. CHINSKY, 19 LUDLOW STREET, NEW YORK.

אננא קארענינא

פון גראף לעא טאלסטאי.

אין מיין פערלאג געפינט זיך פאלגענדע טאלסטאי'ס ווערקע:

„דיא קרייצער סאנאטא,“ „איך אונד מיין מאן,“ „מיין פריינד'ס פרוי,“ „צווייא דורות,“ „איוואן דער נאר,“ אונד „איוואן איליטש'עס טויט.“

דיעזע אלע ווערקע בילדען צוזאמען א קרוין פון ליטעראטור, אונד יעדעס ווערק בעזונדער איז א גלענצענדער בריליאנט. אבער דער גרעסטער בריליאנט, וואס שיינט אריעבער אלע טאלסטאי'ס ווערקע, איז „אננא קארענינא.“

„אננא קארענינא“

איז א בוך וואס שילדערט אב דיא ליידענשאפטען פון א יונגע, שעהנע אונד ליעבענדע פרוי, ווען זיא פאלט אריין אין דיא הענד פון איין עלטערן, אבגער לעבטען מאן.

„אננא קארענינא,“

דיא העלדין פון דעם ראמאן, א רוהיגע, אנשטענדיגע אונד געלאסענע פרוי, פערליעבט זיך ענדליך אין א פרעמדען יונגען אונד שעהנעם מאן. עס ענטשטעהט אזא שטורם אין איהר ברוסט, אזא ווילדע ליידענשאפט אונד אזא שטירמישער פערלאנג געליעבט צו ווערען, דאס אונזער בלוט ווערט אויפגעקאכט, אונזערע הערצער וויטהען לעזענדיג דיא רעאליסטישע איינצעלהייטען וויא אזוי זיא ליעבט, ליידעט, געניסט פון איהר רייץ אונד פאלט ענדליך אלס אפפער פון דער ביטערער שלאנג—אייפערזוכט.

„אננא קארענינא“

געשילדערט פון דער מעכטיגער פעדער פון גראף לעא טאלסטאי, איז א זיסער־שוידערהאפטע ערצעהלונג וואס רעגט אויף, אונטערהאלטעט, בעלעהרט אונד איז אזוי איינדרוקספאל, אז מיר קענען דיעזע בילדער אין אונזער גאנצעם לעבען ניט פערגעסען.

„אננא קארענינא'ס טויט“

איז גראדע אזוי שוידערהאפט וויא איהר ליעבע, אונד דיעזע שילדערונג אליין, פערדונקעלט אין קראפט אלעס וואס טאלסטאי האט געשריעבען.

פרייז 25 סענט.

M. Chinsky, 19 Ludlow Street, NEW YORK.

נוטצליך פיר אלע יודישע פרויען.

א קאך בוך

אין א ריין זשארגאנישע שפראך וויא צו בערייטען אללערלייא געריכטען: געבעק, צוקער־געבעק, קאמפאטס, אייז־קרים, זאפטען (ווארעניעס), געטרענקע, וויא צו בראטען פליישען, צו מאראנירען פישען אונד פרוכטען,

וויא אויך צו בערייטען אללע בעזאנדערע יודישע געריכטע צו

שבת, יו״ט אונד פסח.

אללעס שמאקהאפט אונד בילליג, ביז 651 געריכטען צו קאכען, באקען אונד פרעגלען.

עס איז אויך אנגעוויזען וויא צוזאמען צו שטעלען דיא געריכטען אונד געטרענקע.

אויף מאהלצייטען אונד חתונות.

— צום געברויך —

פאר יונגע פרויען אונד ווירטהינס.

זעהר שעהן געדרוקט אונד עקסטרא פיין בראשירט.

פרייז 30 סענט. מיט פארטא 35 סענט.

צו בעקומען אין אללע בוכהאנדלונגען אונד צייטונג סטענדס,

— וויא אויך ביים פערלעגער —

מאיר חינסקי, 19 לודלאוו סטריט, נויארק.

עקסטרא! נייעס!

בוכהאלטונג

— אונד —

געשעפטס־פיהרונג

— אין —

אידיש אונד ענגליש.

ווילט איהר ערלערנען דיא פּאָלקאָמענע איינפאַכע אונד דאפּעלע בוכהאלטונג?

ווילט איהר וויסען וויא אזוי צו פיהרען אייערע געשעפטען וויא דער מנהג איז אין דער גרויסער געשעפטס-וועלט?

ווילט איהר איינשפּארען גרויסע סומען געלד וואס איהר צאהלט יעהרליך אַוועק דיא אַדוואָקאטען?

ווילט איהר אליין אימשטאנדע זיין אלע אייערע געשעפטליכע פּאפּירען צו בעזארגען?

דאן קויפט דיא „**בוכהאלטונג** אונד **געשעפטס־פיהרונג**,“ פיר דעם אונבעדייטענדען פרייז פון

25 סענט, אדער 30 סענט מיט פּאָרטאָ

— בייא —

מ. חינסקי,

19 לודלאָו סטריט, נויאָרק.

ניצליך פיר אלע אידען!

עס איז ערשיענען אַ נייעס ענגלישעס לעהר-בוך

אונטערן טיטעל:

דיא נייעסטע ענגלישע מעטהאָדע.

אַ פּראַקטישעס לעהר-בוך פיר יעדען איינגעוואַנדערטען אידען זיך לייכט אויסצולערנען לעזען, רעדען אונד שרייבען ענגליש.

דאס בוך איז איינגעטהיילט אין 3 אבטהיילונגען.

דער ערשטער טהייל, ענטהאַלט דיא רעגעלען צו לעזען ענגליש, ענגלישע ווערטער אונד געשפּרעכע; יעדעס ענגלישער וואָרט איז איבערזעטצט אין אידיש וויא דאס וואָרט לעזט זיך, אונד דיא בעדייטונג פון דעם וואָרט אין דער אידישער שפּראַך.

דער צווייטער טהייל, ענטהאַלט ענגלישע לעזע שטיקער מיט דער אויסשפּראַכע אונד פערטייטשונג אין אידיש אונטער יעדער צייל. אונד דאַן קומען דיעזעלבע ענגלישע לעזע-שטיקער אָהן אויסשפּראַכע אונד פערטייטשונג, צו לעזען פרייא נאכדעם וויא מען האט איינגעלערנט מיט דער אויסשפּראַכע אין פערטייטשונג.

דער דריטער טהייל, ענטהאַלט דיא ענגלישע געשריעבענע בוכשטאַבען גרויסע אונד קליינע האַנד, געשריבענע ווערטער, געשריבענע בריעף אום זיך צו לערנען שרייבען אונד אויסלעגען אין ענגליש.

דיא נייעסטע ענגלישע מעטהאָדע איז זעהר שעהן געדרוקט אונד עקסטראַ פיין בראָשירט.

פּרייז 25 סענט.

צו בעקומען בייא אַלע בוכהענדלער אונד צייטונגס סטענדס, וויא אויך ביים פערלעגער.

M. Chinsky, 19 Ludlow Street, NEW YORK.

פערשיעדענע מעטהאָדעס און ווערטערביכער

צו ערלערנען דיא ענגלישע שפּראַך

פון אלכסנדר הארקאווי.

	סענט.
דער ענגלישער אלף־בית	5
דער קליינער ענגלישמאַן	5
הארקאוויס ענגלישעס לעזע־בוך	10
ענגליש אין אמעריקא	20
דער אמעריקאנישער לעהרער	20
דער ענגלישער לעהרער	50
אָלענדאָרף׳ס מעטהאָדע מיט׳ן שליסעל, פיין געבונדען	100
פאָלשטענדיגער ענגליש־יודיש בריפענשטעלער	100
בריפענשטעלער אין שרייב שריפט	10
בריפענשטעלער אין עברי טייטש	10
פאָלשטענדיגער ענגליש־יודישעס ווערטערבוך, פיין געבונדען	225
פאָלשטענדיגער יודיש־ענגלישעס ווערטערבוך 〃	150
הארקאווי׳ס האנד־ווערטערבוך	80
דיא בעסטע און לייכסטע מעטהאָדע זיך אויסצולערנען לעזען, רעדען, און שרייבען דיא ענגלישע שפּראַך פאָלקאָמען, איז דיא נייעסטע ענגלישע מעטהאָדע בעארבייטעט נאך דר. אהנס דאָלמעטשער	25

פערשידענע מעטהאָדעס פיר קינדער צו לערנען פון אנפאנג אלף-בית

	סענט.
למדו היטב, א לייכטע מעטהאָדע צו אונטערריכטען קינדער און צו לערנען העברעאיש על פ״י כללי הדקדוק וחקי הלשון	5
למודי הקריאה אין העברעאיש און ענגליש	10
מקרא קודש, פון דוב ארי׳ פריעדמאַן	10
חנוך לנער, פון אברהם מאפו	10
אמון פדגוג, פון אברהם מאפו	15
הפדגוג העברי, פון דוב ארי׳ פריעדמאַן	15
תולדות ישרון, פון דוב ארי׳ פריעדמאַן	15

M. CHINSKY, 19 LUDLOW STREET, NEW YORK.

אויספערקויף קאטאלאג

פון פאָלשטענדיגע ראָמאַנען און העפטען:

		סענט.
דער אייז מעער	12 העפטען	10
נקמה פון א ברמן	10 העפטען	10
שווארצע דיאמאנטען	10 העפטען	10
איינגעמויערטע פרויא	17 העפטען	15
פּלעוונא	16 העפטען	15
פּיאָטער דער גרויסער	15 העפטען	15
ביטערע נקבה	15 העפטען	15
אַ רייזע ארום דער וועלט	19 העפטען	20
געהיימניס פון אַלעקסאנדער דעם צווייטען	32 העפטען	25
נאפּאָלעאָן דער 1טער	33 העפטען	25
וועלט באנדיטען	30 העפטען	25
דער פּרינץ אלס דעטעקטיוו	26 העפטען	25
צווישען הימעל און וואסער	30 העפטען	30
דאָן קיכאָט	37 העפטען	35
גראַף מאָנטאָ קריסטא	26 העפטען	35
גאָלד גרובען פון קאליפאָרניא	40 העפטען	40
געהיימער שלאָס	43 העפטען	45
קאלט און ווארעם, 4 טהיילען		50
דער שפּאניש־אמעריקאנישער קריעג, 4 טהיילען		50
געהיימניסע פון פאריז	45 העפטען	50
קיובא	68 העפטען	60
קלעאָפּאטרע	64 העפטען	65
גראָספירסט קאָנסטאנטין	81 העפטען	75
געבילדעטער מערדער	92 העפטען	75
העלדען דער נאכט	104 העפטען	75
פערווילדעטער פירסט	104 העפטען	100
טיראנישע מוטער	113 העפטען	100
אונגליקליכע אמאליע	117 העפטען	100
אונשולדיג געליטען	129 העפטען	125
גערויבטע קינד	157 העפטען	125
גיפטמישערין	156 העפטען	150
צווישען מענשענפרעסער	282 העפטען	200

פּאָסט פּאָרטאָ קאָסט 8 סענט א פונט, 25 העפטען וועגט א פונט.

M. CHINSKY, 19 LUDLOW STREET, NEW YORK.